STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08210

# Z. LIBIN'S GEKLIBENE SKITSEN

Z. Libin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק

# ז. ליבין׳ס
# געקליבענע סקיצען

ארויסגעגעבען פון
די אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק פערלאג קאמפ.
ניו־יארק.

Copyright, 1910.
By The International Library Publishing Co.

# אינהאלטס=פערצייכניס.


| | |
|---|---|
| פאדאלקין'ס חלום | 5 |
| אן ענטדעקונג | 15 |
| די צואה | 20 |
| שטעלפערטרעטער פאר א חולה | 26 |
| צעהן יאהר | 31 |
| ארבייטער און קעלבער | 40 |
| נישט דו וועסט פאהרען! | 45 |
| א געווינשטער און גליקליכער טויט | 55 |
| דאס לעצטע מאָל געשפּיעלט | 60 |
| „גוד נייט, אָלד מען!" | 64 |
| ניט דערקאנט | 69 |
| דער ענטפער | 74 |
| לעבעדיג בעגראבען | 80 |
| די טערקען | 88 |
| א בלוטיגע האכצייט | 92 |
| געלאזט זיך דערקאנען | 100 |
| שבת | 107 |
| דער ציוניסט | 116 |
| פון וועמען ער האָט זיך בעהאלטען | 124 |
| מאלעריע אדער דער אלטער דייטש? | 130 |
| די ארויסגעטריבענע קעניגע | 138 |
| ווער איז ער? | 145 |
| מיין צווייטע לאָזשי | 151 |
| דער „שלאָס" | 158 |

שטימען אין אונזער הויפעל . . . . . . . . . 163
צווישען מענשען . . . . . . . . . . . 167
דער ליעבער טייערער זומער . . . . . . . . . 178
פון פייער אין וואסער . . . . . . . . . . 183
מיין קינד . . . . . . . . . . . . 190
ווערמען פון זיי ? . . . . . . . . . . . 200
גאט האָט געגעבען און גאט האָט צוגענומען . . . . 205
א צייכען פון זומער . . . . . . . . . . 209
מיין נייער העלד . . . . . . . . . . . 215
אויפ'ן נייעם יאהר . . . . . . . . . . 221
דאס זעלבע שיקזאל . . . . . . . . . . . 225
פיראגאזין'ס איין־אקטיגע דראמא . . . . . . . . 228
א ראמאן אין צוויי בריעף . . . . . . . . . 239
אין א מינוט פון טויטליכער געפאהר . . . . . . . 248
די צוויי תנאים . . . . . . . . . . . 254
ער געהט און זי זיצט . . . . . . . . . . 261
פון די כתבים פון א צייטונגס־טרעגער . . . . . . . 266
זיין אידישע מוזע . . . . . . . . . . . 283
נעכטען און היינט . . . . . . . . . . . 286

---

ווערטערבוך . . . . . . . . . . . . . . 292

# פאראלקין'ס חלום.

א זייגער עלף אין דער נאכט איז פאראלקין, א שטעפער פון קינדערשע הויזקעס, געגאנגען אהיים פון דער ארבייט.

פאראלקין איז א „האנד" פון דעם בעוואוסטען מיסטער אייזיק דארדיק'ס סוועט שאפ. היינט האט דער מאן געארבייט אווערטאים, און ער פיהלט זיך, ניט פאר קיינעם געדאכט, ניט מיט אלעמען: עס ברעכען און שטעכען איהם אלע אברים, נור איבערהויפט טוט איהם שטארק וועה דער קאפ און די פיס ברעכען אזוי, אז איין גאט מעג זיך מרחם זיין.

געהט זיך דער ארבייטער ניט געאיילט, אזוי מעשה שפאציער, אכצעט, קרעכצעט און פאכט מיט דער נשמה.

אט איז שוין פאראלקין אריין אין דעם אריינגאנג פון „זיין" הויז.

אין דעם אריינגאנג איז פינסטער, עס וואלט ניט געשאדט אנרייבען א שוועבעלע, אבער פאראלקין טוט עס ניט: עס איז שוין דער פיערטער טאג, אז ער האט פערשפעטיגט מיט זיין דירה־געלד און ער פיהלט זיך שטארק געפאלען, דארום האט ער מורא אנמאכען אירגענד וועלכען רעש און ער רייבט ניט אן קיין שוועבעלע און קלעטערט איבער די טרעפ, שטיל ווי א קאץ.

נעבען רעכטען טיר שוין, האט דעם ארבייטער אונטערגעשפארט א הוסט, און פאראלקין האט זיך געלאזט הערען.

קיידי, פאראלקין'ס פרוי, איז געלעגען אין בעט און געדרעמעלט, האט זי אבער דערהערט דעם מאן'ס הוסטען, איז זי אויפ־

געשטאנען, געמאכט גרעסער דאס פייער אין לאמפּ און, ווען איהר בעל מפרנס איז אריין אין הויז, האט קיידי איהם בעגעגענט מונ־טער, און מיט א גוט־מוטהיגען שמייכעל.

„דאס קינד ?" האט פּאראלקין א פרעג געטאן.

„שלאפט", איז געוועזן קיידי'ס ענטפער, און די פרוי האט נאך מעהר גענומען שמייכלען.

פערשטעהט פּאראלקין, אז די ווייב וועט איהם דערצעהלען עפּעס א חכמה פון דעם קינד און ערווארט שוין אויף דעם מיט אן אפענעם מויל.

„אוי, איז דאס קלוג", פאנגט אן קיידי און שטעלט זיך אב.

„וואס ?" פרעגט אונגעדולדיג פּאראלקין און דער שטעפער קוועלט שוין בעצייטענס, כאטש ער וויים נאך ניט וועגען וואס פאר א חכמה פון זיין קינד געהט איהם מיטטיילען זיין פרוי.

„עסט ווי א גרויסע", דערצעהלט פּאראלקין'ס ווייב מיט התפעלות.

„יע ?" פרעגט איבער פּאראלקין.

„קיין בייז אויג זאל איהר ניט שאדען", דערצעהלט ווייטער קיידי, „האט אין זיך אריינגעשטאפּט א גאנצע לוסטעטשקע ברויט און האט זיך אפילו ניט א קרים געטאן".

„זאל זי ביי אונז געזונד זיין", ענטפערט פּאראלקין און נעמט אויך שמייכלען צופריעדען.

„היינט ווי זי שלאפט, ווי א גרויסע... ליגט פערנאנ־דערגעווארפען... קום נור אהער, טו נור א בליק אויף אונזער כלה", האט קיידי איינגעלאדען איהר מאן אין שלאף־צימער ; פּאראלקין קוקט אויף זיין שלאפענד קינד און דאס בלאס־געלע פּנים פון דארדיק'ס „האנד" שיינט פון ליעבע און גליק.

„וועסט עפּעס עסען, פּאראלקין ?" פרעגט קיידי.

„ניין, קיידי, איך געה גלייך אין בעט; עסען האב איך ניט קיין כח".

„געארבייט שווער ?" פרעגט קיידי און איהר פּנים ווערט פערזארגט.

„אלץ הייסט שווער“, ענטפערט פאראלקין מיט א זיפץ.

„עס איז אבער פאראנען א טייערע וועטשערע“, רעדט צו קיי־די איהר מאן, אז ער זאל עסען.

„וואס ?“

„סופ מיט קניידלעך“.

פאראלקין האט זעהר ליעב קניידלעך, און כאטש ער פיהלט זיך צובראכען און שטארק מיד, זעצט ער זיך ביים טיש.

קיידי האט געגעבען וועטשערע צום טיש, פאראלקין האט גענומען עסען, נור אין מיטען דער אכילה האט ער איינגעדרעמעלט.

„ווילסט שלאפען, פאראלקין ?“ האט קיידי אויפגעוועקט איהר מאן.

„איך שטארב, איך שטארב, קיידי“.

„נו, טא געה, נארעלע, אין בעט“.

און פאראלקין איז אוועק צו זיין מנוחה.

ווען פאראלקין האט זיך אריינגעווארפען אין בעט, האט ער ערשט דאן דערפיהלט די וועהטאגען.

דער ארעמער שטעפער האט דערפיהלט אויף זיך דעם מיס־טער דארדיק — זיין באס, די נעה־מאשינע, די הויזקעס... אוי, ווי שלעכט ער האט זיך געפיהלט!

דער קאפ האט זיך צוואוועהטאגט און איז געלעגען אויפ'ן קישען אזוי ווי א שווערער שטיין, און די פיס ?!... אוי, די פיסע־לעך, די ארעמע פיסעלעך! דער ארעמער טייפעל האט פאר זיינע רגלים קיין ארט ניט געהאט. אוי, ווען איינער וואלט געקומען און וואלט זיי אונטערגעשניטען, וואלט ער, פאראלקין, דאכט זיך, מחיה געווען זיך.

„אוי, ניט גוט איז מיר, ניט גוט איז מיר“, האט זיך ארומ־געווארפען דער שטעפער ווי פון היץ.

„וואס איז דיר ?“ האט קיידי געפרעגט.

„איך פיהל דעם טויט“...

„וואס טוט דיר וועה ?“

„דער קאפ... די פיס... אוי, איך בלייב“...

און דער ארבייטער איז איינגעשלאפען.

אט זעהט ער, ווי ער, פאדאלקין, זיצט ביי דער מאשין און ארבייט הויזקעס, און עס טוט אזוי וועה דער קאפ, און עס טוען אזוי וועה די פיס; געהט צו איהם צו מיסטער דארדיק און רופט איהם אב:

„פאדאלקין!"

„הא?" פרעגט פאדאלקין.

„דו ווייסט", זאגט דארדיק, „עס ווערט שוין באלד סלעק".

פאדאלקינען ווערט אזש קאלט פון דער בשורה; ער ווייס ניט וואס צו ענטפערן און שאקעלט טרויעריג מיט'ן קאפ.

„אבער שרעק זיך ניט... ווער־ווער, דו וועסט האבען ארבייט".

„יע?" פרעגט פאדאלקין און ער גלויבט ניט וואס ער הערט דא.

„וועסט נאך ארבייטען יעדען טאג אווערטאים", רעדט דארדיק ווייך און גוט, און פאדאלקין פיהלט אז איהם ווערט אזוי לייכט, אזוי גוט אויפ'ן הארצען. ער וויל עפעס זאגען, ער ווייס ניט וואס, נור באלד קריגט ער דעם לשון און זאגט:

„מיסטער דארדיק, איך האף, אז איהר וועט זיין מיט מיר צופריעדען". אבער אט בעציהט זיך דארדיק'ס פנים ווי מיט א שווערען וואלקען און דער באס רופט זיך אב עפעס גאר מיט אן אנדער קול:

„אבער ווייסט דו, פאדאלקין, אז איך וויל דערפאר האבען בעצאהלט?"

„בעצאהלט?" קוקט אן פאדאלקין זיין מייסטער פערוואונדערט און דערשראקען.

„יע, בעצאהלט, אזא גוטען, שטענדיגען פלאץ קריעגט מען ניט אומזיסט".

„אבער וואו זאל איך נעהמען צום בעצאהלען?" פרעגט פאדאלקין, „איהר ווייסט דאך, מיסטער דארדיק, אז איך ארבייט דא אוים ביי אייך קוים אויפ'ן שטיקעל טרוקענעם ברויט".

„איך בעט ביי דיר ניט קיין געלד“, האט דארדיק געענט־פערט. ביי דעם ארבייטער פאלט אראב א שווערער שטיין פון הארצען און ער פרעגט בלויז נייגעריג :

„ווען ניט געלד, טא וואס דען ?“

„וואס פערמאגסטו ?“ פרעגט דארדיק.

פערשטעהט ניט פאדאלקין, וואס דער מייסטער מיינט מיט זיין פראגע, קוקט ער ווי א האן אין „בני אדם“ און פרעגט :

„הא ? !“

„וואס פערמאגסטו ?“ פרעגט איבער דארדיק, „וואס האסטו עפעס אזוינס, וואס דו קענסט זאגען, אז דאס איז דיין פערמעגען?“

„גארנישט, מיסטער דארדיק“, האט פאדאלקין עפעס אזוי ווי געגומען שווערען זיך, „גארנישט, איך בין א גרויסער קבצן“.

„אבער דיין גוף פערמאגסט דו דאך“, זאגט מיסטער דארדיק און אויף דעם מייסטער׳ס פנים האט זיך געצייגט אזא העסליכער שמייכעל.

„טאקע ניט מעהר ווי דעם גוף“, ענטפערט פאדאלקין רעדבענענדיג, אז דארדיק מאכט דא שפאס.

„וויל איך א חלק פון דיין גוף“, זאגט דארדיק.

„ווי הייסט ?“ פערשטעהט ניט פאדאלקין.

„אן אבר, א גליעד פון דיר וויל איך“, ערקלעהרט דארדיק און דעם פאבריקאנטילס אויגעלעך האבען א שלעכטען ברען געגעבען.

א ווייל׳ע איז פאדאלקין געבליבען איבערראשט פון דיעזער זאנדערבארער פאדערונג פון זיין באס, נור באלד האט ער מוט געקראגען און געענטפערט :

„מיסטער דארדיק, אויף אידישקייט“....

„וואס, אויף אידישקייט ?“

„עס איז אן עולה“...

„וואס אן עולה ? !“

„עס איז א רציחה“.

„וואס א רציחה ? !“

„פערלאנגען פון מיר אן אבר", ענטפערט פאדאלקין און דארדיק האט זיך צולאכט מיט א שרעקליכען, ווילדען געלעכטער. אבער פאדאלקין איז געווארען ביי זיך נאך מוטיגער און האט ווײַ־טער גערעדט:

„עס איז איינפאך א רציחה. אלעס וואס איך פערמאג, איז מיין גוף, ווילט איהר נאך רייסען פון מיר מיינע אברים. ניין! איך וועל זיך ניט לאזען".

„דארף מען ניט", האט דארדיק געענטפערט. „אמעריקא איז א פרייע מדינה, קענסט זיך האלטען מיט דיין גוף, אבער דו מוזט פערלאזען מיין פאבריק".

„וועל איך פערלאזען", האט פאדאלקין געענטפערט מיט אזא מין אכזריות, אבער באלד האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט אין דער היים א ווייב מיט א קינד... ער האט זיך דערמאנט, אז דינסטאג דארף ער דירה־געלד צאהלען, שבת־נאכט דארף ער בעצאהלען אין גראסערי... ער האט זיך דערמאנט, אז יהודה לייב זיין לאנדסמאן, אויך א שטעפער ביי הויזקעס, געהט שוין ארום דעם צווייטען חדש אהן ארבייט און איז שווארץ ווי די ערד... די מחשבות האבען דעם ארבייטער געמאכט ציטערן, דאס בלוט האט איהם גענומען קיהלען אין די אדערען.

„נו", פרעגט דארדיק, „פערלאזטו מיין פאבריק?"

„מיסטער דארדיק"...

„וואס ווילסטו?"

„ווילט איהר כסדר אן אבר?"

„געווים וויל איך".

„צו וואס?"

„דאס איז מיין געשעפט".

„וואס פאר אן אבר ווילט איהר?" פרעגט פאדאלקין.

„איך וויל האבען דיינע פיס", האט דארדיק געענטפערט מיט גרויס נצחון.

פאדאלקין איז געווארען א פערציטערטער.

„די פיס", האט ער געשטאמעלט דערשראקען. „די פיס? איך וועל דאך אהן די פיס ניט קענען ארבייטען".

„נו, טא גיב מיר דיין קאפ", האט דארדיק געזאגט.

דעם ארבייטער האט אבגעגאסען מיט א קאלטען שוויים.

„ווי הייסט דעם קאפ?" האט ער אנגעקוקט דעם בעל־הבית מיט אויסגעגלאצטע אויגען.

„דעם קאפ, דעם גאנצען קאפ ביז'ן רעכטען האלז", האט דארדיק געענטפערט מיט א טייפעלשען שמייכעל.

„וואס רעדט איהר, מיסטער דארדיק"...

„איך וויים, וואס איך רעד"...

„נעהמט עפעס אן אנדער אבר, האט רחמנות".

„עס איז אמעריקא. דא איז ניטא קיין רחמנות. איך וויל דיין קאפ, דעם גאנצען קאפ נאך מיט א שטיקעל האלז"...

„איך קען ניט... איך קען אהן א קאפ ניט בלייבען", האט פאדאלקין געענטפערט און טרערען האבען איהם גענומען ווערגען.

„נו, טא גיב די פיס", האט דארדיק געזאגט.

„וואס רעדט איהר, מיסטער דארדיק... וואס טויג א שטעפער אהן פיס?"

„נו, איז דעם קאפ!"

פאדאלקין האט זיך פערטראכט א ווײלע. און דארדיק האט גענומען ריידען מיט א ווייכערע שטימע:

„פערד וואס דו ביסט, אויף וואס פאר א שווארצע יאהרען דארפסטו האבען דיין קאפ?"

„עפעס אהן א קאפ... איך וועל דאך ניט קענען אפילו א טראכט געבען", רעדט פאדאלקין.

„צו וואס דארפסטו טראכטען? הוויזקעס קענסטו מאכען ניט געטראכטערהייט".

„איך וועל דאך אפילו עסען ניט קענען".

„נאך א זארג. וועסט קענען אבשפארען עטליכע פענעס, נאך בעסער".

„און הערען וועל איך אויך ניט קענען".

„וואס דארפסטו הערען? צו די הויזקעס קענסטו זיך זיין טויב, עס שאדט ניט".

„איך וועל דאך אבער ניט זעהען"...

„און אנוועד א גרויסער, גלויב מיר, פאדאלקין, דו ביסט שוין אזוי איינגעטרייט אין דער ארבייט, אז דו וועסט קענען מאכען די הויזקעס בלינדערהייט".

„זאל איך טאקע אבגעבען דעם קאפ?" פרעגט פאדאלקין און ער פיהלט, אז איהם איז עפעס אזוי שווער צו שיידען זיך מיט'ן קאפ...

„געווים, נאר, עס איז נאך דיר א טובה, עס וועט דיר ארונטערפאלען א שווערע משא פון די פלייצעס", רעדט איין דארדיק זיין ארבייטער.

„א שאדען", מורמעלט פאדאלקין.

„וואס איז אזוי דער שאדען?"

„ערשט פאריגע וואך האב איך זיך געלאזט אבשערען די האר, פופצעהן סענט בעצאהלט, ווען איך וואלט וויסען..."

„איך וועל ליידען די פופצעהן סענט", ענטפערט דארדיק גוטמוטיג און גיט דעם ארבייטער א ליעבע־קלעפיל.

„אבער וועל איך זיין זיכער מיט שטענדיגע ארבייט?" פרעגט פאדאלקין.

„ביז'ן רעכטען קבר. וועסט ארבייטען זונטאג, שבת און אלע טאג אוועדטאים", האט דארדיק גערעדט אזוי ווייך, אזוי גוט.

„נעהמט... שניידט!" איז פאדאלקין מרוצה געווארען.

דארדיק האט א רוף געגעבען דעם עלטסטען ארבייטער, וועלכער איז געווען אי עלטסטער אי צושניידער צו דערזעלבער צייט.

דער צושניידער האט געהאלטען אין האנד זיין שארף מעסער, און ווען פאדאלקין האט עס באמערקט, איז איהם אריבער א קעלט איבערן גאנצען קערפער.

דארדיק האט עפעס געזאגט דעם עלטסטען אויף'ן אויער, דער לעצטער האט א שמייכעל געגעבען, האט א שפיעל געטאן מיט'ן מעסער און איז צוגעגאנגען נאהענט צום שטעפער.

דער ארבייטער האט דערפיהלט, אז איהם ווערט פינסטער אין די אויגען, אז איהם נעהמט אב דער לשון פאר שרעק.

„ביז וואנען זאל איך שניידען?" פרעגט דער עלטסטער און האלט שוין גרייט דעם מעסער.

„שנייד ביז די רעכטע פלייצעס"...

„ניין, ביז'ן האלז נור", וויל פאדאלקין זאגען... ער קען אבער ניט רעדען. א קאלטע אימה האט איהם אזוי צוזאמענגעדריקט דאס הארץ, אז ער קען א ווארט ניט זאגען.

דער עלטסטער האט א כאפ געגעבען פאדאלקין'ס קאפ...

„ווארט ! ! !" האט פאדאלקין ארויסגעלאזען א פערשטיקטען געשריי.

„וואס איז שוין ?" האט אויך א געשריי געגעבען דארדיק.

„ווארט... איין מינוטעלע", בעט זיך פאדאלקין.

„האסט שוין חרטה ?" פרעגט דארדיק... „קענסט אבער ניט, עס איז שוין פערפאלען, האסט געמאכט א קאנטראקט".

און דער צושניידער דריקט שטארקער פאדאלקין'ס קאפ.

„ניין, איך האב ניט קיין חרטה", בעט זיך פאדאלקין, „איך וויל נור אויף איין מינוטעלע א לויף געבען אהיים".

„וואס דארפסטו אין דער היים ?" פרעגט דארדיק, ווינקט דערוויילע צום צושניידער און דער לעצטער ריהרט שוין צו דאס מעסער צו פאדאלקין'ס האלז נידעריג לעבען די פלייצעס.

„ווארט... לאזט... איך וויל נור איין קוק געבען אויף מיין קינד, איך וועל זי דאך שוין מעהר ניט קענען זעהען"...

און פון אונטער פאדאלקין'ס ברוסט האט זיך פלוצלונג ארויסגעריסען א פערשטיקטער... א שרעקליכער געוויין...

„פאדאלקין, וואס וויינסטו ?" האט דער ארבייטער דערהערט זיין ווייב'ס קול און פאדאלקין האט זיך אויפגעכאפט, דאך איז ער נאך פערבליעבען אונטער דעם איינדרוק פון דעם שרעקליכען חלום און האט מיט די הענד געגומען טאפען זיין אייגענעם גוף.

„וואס זוכסטו ?" האט קיידי געפרעגט.

„מיינע אברים“, האט פאראלקין געענטפערט פערשלאפען.

ביי דער ארעמער קיידי׳ן איז אריבער א סקרוך איבער׳ן לייב פון איהר מאן׳ס קורצען ענטפער.

„וואס פאר אברים?“ האט די דערשראקענע פרוי אויסגע־גלאצט אויף איהר מאן א פאר אויגען.

„מיין קאפ... מיינע פיס...“

„פאראלקין, דו שלאפסט?“ האט קיידי מיט שרעק נאך א מאל געוועקט איהר מאן.

„גאנץ... אלע גאנץ“, האט געמורמעלט דער ארבייטער.

„פאראלקין!!!“ האט קיידי אויסגעשריען ניט מיט איהרע קרעפטען... דער שטעפער האט זיך אין גאנצען אויסגעשלאפען, פערשטאנען, אז ער האט געזעהען א חלום, אבגעזיפצט זיך און דערצעהלט קיידי׳ן זיין נסיון...

# אן ענטדעקונג.

דיעזע ענטדעקונג האט געמאכט א שטעפער, אן איינפאכער ארבייטער ביי העמדלעך.

מעגליך, אז פון דיעזער ענטדעקונג האט מען נאך פריהער געוואוסט, אבער סלאוואצקי דער העמדעלנעהער האט פון דעם יעדענפאלס ניט געוואוסט, און אין זיינע אויגען, וועניגסטענס, האט דיעזע ענטדעקונג אויסגעקוקט שפאגעל ניי, און ער האט גע־האנדעלט מיט א ריינעם געוויסען, ווען ער, מיסטער סלאוואצקי, דער העמדעל־שטעפער, האט זיך פארגעשטעלט פאר זיין פרוי אלס ערפינדער.

פאסירט האט עס אין רעכטען מיטען סיזאן, ווען די ארבייט ביי די העמדלעך האט געברענט ווי א העלישער פייער.

א זייגער עלף אין דער נאכט איז סלאוואצקי געקומען פון דער ארבייט און איהם האט בעגעגענט גרונע — זיין ווייב.

ווען גרונע איז ארויס פון בעט, האט זי אויסגעקוקט זעהר פערשלאפען און האט ניט אויפגעהערט צו גענעצען.

„וויפיעל וועט עס זיין דער זייגער ?" האט גרונע געפרעגט איהר מאן.

סלאוואצקי האט ניט גערעכענט פאר נויטיג צו ענטפערן און גענומען שווייגענדיג אויסטון די שיך.

גרונע האט גענומען געבען סאפער צום טיש.

„אזוי שפעט ביסט דו דאס געזעסען אין שאפ ?" האט זי זיך ווייטער געווענדעט צו איהר מאן.

„חברה איז נאך פערבליעבען ארבייטען", האט סלאוואצקי א מורמעל געגעבען אונטער דער נאז, און זיך געזעצט עסען.

גרונע האט אויך גענומען עסען און, עסענדיג, קוקט זי אויף איהר מאן און שאקעלט טרויעריג מיט'ן קאפ.

„די קינדער ?" האט סלאוואצקי א פרעג געגעבען.

„שלאפען".

„געגעסען ?"

„געווים געגעסען".

גרונע קוקט ווייטער אויף איהר מאן און הערט ניט אויף צו שאקלען מיט'ן קאפ ; בעמערקט עס סלאוואצקי און פרעגט :

„וואס איז, וואס קוקסט דו מיך אן ? וואס שאקעלסט דו מיט'ן קאפ ?"

„ווערה איז מיר, ביסט גאר א טויטער מענש", ענטפערט גרונע מיט א שווערען זיפץ.

„עס איז דער „ציזין", מיין ווייבעל", ענטפערט אויף דעם סלאוואצקי, עסט און לייגט אוועק יעדע ווילע דעם לעפעל, און רעכענט אויף די פינגער.

„וואס רעכענסטו דאס ?" פרעגט גרונע.

„גארנישט", ענטפערט סלאוואצקי, רעכענט ווייטער און שמייכעלט.

„וואס שמייכעלסטו ?" פרעגט גרונע.

„גארנישט", ענטפערט סלאוואצקי, שמייכעלט און דריקט מיט די פלייצעס.

„וואס קוועטשסטו מיט די פלייצעס?" פרעגט גרונע.

„אזוי גארנישט..." ענטפערט סלאוואצקי, שמייכעלט, דריקט מיט די פלייצעס און מורמעלט פאר זיך:

„א גלייכווערטעל, אויף אידישקייט. א גלייכווערטעל".

„וואס א גלייכווערטעל?" פרעגט שטיל נייגעריג גרונע.

„גארנישט".

„וואס גארנישט?“

„דו הערסט, גרונע?“

„צי הער איך? דו הערסט דאך, אז איך פרעג“.

„וויפיעל איז דאס — צוויי טוץ, א האלב טוץ און נאך א טוץ; וויפיעל איז דאס צוזאמען, גרונע?“

„וואס ווייס איך?“ מאכט גרונע און קוקט אויף איהר מאן מיט אן אפענעם מויל.

„בארעכען“.

„מעהר קיין מלאכה האב איך ניט“, האט זיך גרונע גלייך ענטזאגט פון דער ארבייט, „מעהר קיין מלאכות האב איך ניט, ווי אוועקזעצען זיך האלבע נאכט און מאכען דיר חשבונות“.

„דארף מען ניט“, האט סלאוואצקי געזאגט און ווייטער גענומען רעכנען אויף די פינגער, שמייכלען און דריקען מיט די פלייצעס.

„א גלייכווערטעל אויף אידישקייט!“ האט ער אלץ גע־מורמעלט פאר זיך.

„איז וואס איז דא דאס גלייכווערטעל?“ פרעגט גרונע.

„אט וואס איך קען ניט בארעכענען“.

„קענסט ניט?“

„ניין“.

„פאר וואס?“

„איך ווייס, פאר וואס?“

סלאוואצקי האט ווייטער גענומען רעכענען, נור פלוצלונג האט דער ארבייטער א מאך געגעבען מיט דער האנד:

„עט, זאל עס געהן“.

„בארעכענט?“ פרעגט גרונע.

„עס הויבט זיך ניט אן; איך וועל עס לאזען ביז מארגען אין דער פריה“, האט סלאוואצקי געענטפערט.

גרונע האט דאנעגען ניט געהאט וואס אויסצוזעצען און זי איז געבליעבען שטיל שווייגען.

„דו הערסט, גרונע, וואס מיר איז ארויף אויף'ן קאפ?“

„יע, וואס ?"

„אז דער מאשינטרייבער איז להבדיל ווי די מאשינקע", האט סלאוואצקי ערקלערט.

„ווי וואס פאר א מאשינקע ?"

„וואס מען נעהט די העמדלעך".

„נו ?" פערשטעהט ניט גרונע איהר מאן.

„נעהם די מאשינע, צוברעך א רעדעלע, מאך לויז א שרויי־פעל, אדער לאז אב דעם רימען, געהט שוין די גאנצע מאשינע ניט. קען מען שוין אויף איהר ניט ארבייטען".

„נו ?" פרעגט ווייטער גרונע און פערשטעהט אלץ ניט איהר מאן'ס פילאזאפיע.

„דאכט זיך אט די אייגענע העמדלעך טאקע", געהט זיך אן סלאוואצקי ווייטער מיט זיין ערקלערונג, „ברויך איך דעם קאפ זעהר ווייניג ; וואס ווייניג ? טאקע גארנישט, ווארום מען איז דאך ב"ה שוין אזוי איינגעוויינט אין דער ארבייט, אז איך וועל דיר מא־כען א העמדעל בלינדערהייט, טו איך דאך מיט'ן קאפ אפילו ניט א טראכט, נור וואס דען ? ווער ארבייט ? די פיסעלעך ! ווער ווערט געשוואלען ? די רגלים... זיי יאגען זיך, זיי ווערען ווי אבגע־נומענע, קומט צו וואס, ווערט דער קאפ אויך ווי אבגענומען... עפעס דאכט זיך מיר, אז אויף די פלייצעס איז גאר קיין קאפ ניטא, נור עפעס א שווערער שטיין, עפעס ווי א שטיק טרוקען בליי".

„וועה איז מיר", האט גרונע א שטארקען טיעפען זיפץ גע־געבען.

„עס איז דאך טאקע ניט מעהר ווי א גלייכווערטעל", האט סלאוואצקי ווייטער פילאזאפירט. „צוויי שטונדען אויף דעם זייגער, אז איך רעכען און רעכען און רעכען, וויפיעל עס מאכט צוזאמען צוויי טוץ און א האלב טוץ, און נאך א מאל א טוץ, און אזוי גוט ווי נאך א מאל א האלב טוץ, איין העמדעל, און א פערטעל טוץ... און כאטש נעהם איין א מיתה משונה, קען איך ניט בארעכענען".

„א דאגה, וועסטו מארגען בארעכענען", האט גרונע געענט־פערט מיט ערנסטען מיטלייד.

„יע, עס מאכט ניט, די איילענעס איז דא ניט גרויס, נור דאס גלייכווערטעל פון דעם", האט סלאוואצקי געזאגט מיט א פיעל־בעדייטענדען שמייכעל, „דאס גלייכווערטעל פון דעם !"

„עס איז טאקע אז אך און וועה", האט גרונע געענטפערט, און זי האט אייגענטליך ניט געוואוסט, צו וואס זי האט עס א זאג געטאן.

„הפנים ווי דער קאפ מיט די פיס האבען צווישען זיך א גרויסע שיכות", האט סלאוואצקי געמאכט אן ענטדעקונג.

„הפנים", האט גרונע צוגעגעבען.

„און דער גוף איז, להבדיל, ווי א מאשינע", האט סלאוואצקי דייטליך פערנאנדערגעלייגט זיין ערפינדונג.

גרונע האט געשאקעלט מיט'ן קאפ.

„א רעדעלע מיט א רעדעלע, א שרייפעל מיט א שרייפעל", האט סלאוואצקי גערעדט מיט א טאן פון א וואהרען ערפינדער, „די פיס דאבט זיך מאטערן זיך, און ליידען ליידט דער גאנצער גוף... עס ברעכען און שטעכען אלע גליעדער און אפילו דער קאפ ווערט ווי אבגענומען... אבער טאקע ווי אבגענומען... איך קען דיר יעצט ניט א ריהר געבען מיט'ן מוח, עפעס אזוי ווי דאס וואלט געווען ניט א קאפ, נור א שווערע שטיק משא".

„א דאגה דיר א גרויסע, געה בעסער שלאפען", האט גרונע געגעבען איהר לעצטע מיינונג.

„אמת, איך שטארב שלאפען"...

און באלד איז דער ארבייטער־ערפינדער געלעגען אין בעט און געשלאפען.

# די צואה.

די קירזשנער מאכען דורך זייער סיזאן...

עס איז א ברענענדע, א פייערדיגע „ביזי", מען פאנגט אן צו ארבייטען פיער אוהר בעגינען און מען ארבייט ביז צוועלף אדער איינס דעם זייגער אין דער נאכט אריין.

פיעלע פון די קירזשנער געהען אהיים ניט נעכטיגען. אין די שעפער שלאפען זיי, איינינע מאכען צו א ווײילע די אויגען, אנ־שפארענדיג זיך אויף די מאשינען, ביי וועלכע זיי ארבייטען. אנ־דערע פערגינען זיך א גרעסערען לוקסוס און לעגען זיך צו אויף די פאר שטונדען אויף די פעקלעך געוואנד, פון וועלכע מען מאכט די היטלען.

אברהם דער היטעלנייער האט אויסגעצויגען זיינע איבער־געמאטערטע, קראנקע ביינדעלעך אויף עטליכע פעקלעך געוואנד...

עס איז שוין שפעט...

א זייגער האט ערגעץ וואו אבגעשלאגען צוויי. אין שאפ איז שטיל. די ארבייטער, וועלכע זיינען דא פערבליעבען נעכטיגען, זיי־נען שוין אלע איינגעשלאפען... נור אברהם'ן שלאפט זיך עפעס ניט.

איבערגעמאטערט איז דער ארמער ארבייטער, ער האט ניט קיין כח א ריהר צו טאן מיט אן אבר, ער פיהלט, דער גאנצער גוף זיינער איז איהם ווי אבגענומען.

„אוי, ניט גוט", שעפטשעט ער און קען עפעס ניט איינ־שלאפען . . .

און אין שאפ איז שטיל, שטיל און עפעס שומנע.

אברהם׳ן קומט ארויף א מחשבה. אויפהויבען זיך און נעהמען זיך פאר דער ארבייט, פרובירט ער א ריהר געבען מיט א פוס, קען ער ניט ; וויל ער א הויב געבען א האנד, נעהם הויב אויף דאס גאנצע הויז !

„אוי, וועה איז מיר, איך בין גאר א טויטער מענש", מור־מעלט אברהם און גיט דאביי א שווערען טיעפען זיפץ.

עס שלאפט זיך ניט !

דער ארבייטער נעהמט רעכענען וויפיעל ער וועט די וואך אויסמאכען ביי זיין ארבייט. די רעכנונג צייגט אויף פיינע עטליכע דאלאר, און אברהם דערפיהלט אן אנגענעם זיס געפיהל.

דערמאנט ער זיך דאביי אויף זיין פעקעל היימישע צרות. פערשולדיגט איז ער אריבערן קאפ: אין גראסערי, ביים קצב, דעם פעדלער, באר־געלד אנגעבארגט און געליהען... און דא האט זיך דער דלות פאר די לאנגע, לאנגע פינסטערע חדשים אהן ארבייט אזוי איינגעפונדעוועט ביי איהם אין הויז, אז מען מוז יעצט שווער, שווער הארעווען, אום איהם אביסעל כאטש ריהרען פון ארט.

אברהם׳ס ביטערע נויט ציהט זיך אויס נעבען דעם היטעל־נייהער אויף די פעקלעך געוואנד, קלאפט אונבארעמהערציג אין זיין קירזשנערשען מוח און פילט אן זיין הארץ מיט שווערע יסורים.

„מעגסט זיך צורייסען אויף שטיקער, ברודער אברהם", רעדט זיך קאלטבלוטיג די נויט. „מעגסט ארבייטען דורך׳ן מעת לעת, מיך וועסטו ניט פערטרייבען פון זיך. עס וועט אריבער א חודש, א צווייטער, וועסט ניט צייט האבען אומזעהען זיך און איך וועל דיך שוין ווייטער שטיקען... דיך, דיין קראנקע, צורייצטע וייב, דיינע פינף קליינע קינדערלעך. אומזיסט, אומזיסט דיין האר־רעוואניע, איך וועל זיך מיט דיר ניט שיידען ביז׳ן רעכטען גרוב אריין ! !"

אברהם׳ען ווערט שווער און ביטער אויף׳ן הארצען.

און דא ווארפט ער א בליק אויף זיך אליין, ווי ער ליגט אויסגעצויגען אויף די פעקלעך שווארץ געוואנד... עפעס קומט איהם ארויף אויפ׳ן זינען א בילד ווי ער ליגט א טויטער... און אין

שאפּ איז שטיל און שומנע... און עפּעס אזא טומפּער געפּיהל פון אומעט און שרעק כאַפּט ארום דעם ארבייטערס הארץ.

„היי, וויפיעל קען זיין דער זייגער ?" טוט ער א פרעג.

קיינער ענטפערט ניט. די ארבייטער שלאפען און אברהם'ן ווערט אומעטיגער...

נור אט ווערט ער איינגעשלאפען.

דאכט זיך אברהם'ען, אז ער שטארבט אוועק. ער ליגט ביי זיך אין דער היים אין פראנטרום אויפ'ן סאפא, און מאטערט זיך שוין . . .

די קינדער וויינען...

חיענקע זיצט נעבען איהם און וויינט, בערעל וויינט אין קיך... דאבעלע אין שלאפצימער... אין אלע חדרים וויינען די קינדער... די ווייב זיינע זיצט נעבען איהם אויף א שטול און וויינט אויך שטילערהייט.

„וויין ניט, חנה פריידע", זאגט ער צו זיין ווייב מיט א שוואכער שטימע. „וויין ניט... וואס וועסטו העלפען מיט דיין וויינען ? גיעה בעסער, גיעב דער בייבי די ברוסט"...

חנה פריידע צוקלאגט זיך נאך מעהר, נעהמט די בייבי אויף די הענד און גיט איהר די ברוסט.

און אברהם פיהלט, ער שטארבט אוועק... אט... איז דער טויט... ער שטיקט די ברוסט... אוי, ווי שלעכט! ער שטארבט...

„חנה פריידע, רוף אריין א פאר אידען... געכער, איך שטארב"....

מיט א יאמער לויפט חנה פריידע פון הויז ארויס.

אידען קומען אריין.

מען קוקט אויף איהם אזוי טרויעריג, אזוי דערשראקען.

„איך שטארב, ברידער", זאגט ער מיט א שוואכער, שוואכער שטימע.

„מיר וועלען אלע שטארבען", ענטפערט אויף דעם איינער פון די ביישטעהענדע אידען.

אברהם זעהט מען האלט שוין אנגעגרייט ליכט...

„א רחמנות אויף די קינדערלעך... אויף דער ווייב", שעפּ־טשעט אברהם...

חנה פריידע און אלע קינדער האבען ארומגערינגעלט אברהם'ס בעטעל... דער היטעלנייער קוקט אויף זיינע קינדער־לעך... בלאסע, שוואכע... ארמע... היילע... נאקעטע... און דער אר־בייטער פיהלט אזא ברענענדען טיעפען וועהטאג...

„ר' אברהם", זאגט צו איהם שטיל א איד, „א צואה האט איהר איבערגעלאזען ?"

„א צואה?" וואונדערט זיך אברהם.

„יע, א איד טאר ניט שטארבען אהן א צואה".

„אבער וואס פאר א צואה זאל איך לאזען ?" נעהמט דער היטעלנייהער רעדען, „איך האב גארנישט וואס אפּצוזאגען... איך בין א בלוט־בלוטיגער אביון... אויף מארגען נאך מיין טויט איז ניטא אויף א ביסען ברויט אין הויז".

„דאס איז ניט קיין תירוץ פאר גאט", ענטפערט דער איד. „א צואה מוז מען לאזען".

„אבער וואס פאר א צואה האב איך געזאלט לאזען ?"

וואס איהר פערשטעהט... אבער האט רחמנות אויף אייער אייגענער נשמה... לאזט א צואה, כל זמן עס איז נאך דא צייט"...

אברהם וויים ניט וואס צו ענטפערען, און דער איד רעדט ווייטער :

„אט איז א טינט און פעדער, זאגט און איך וועל שרייבען"...

„אז איך וויים ניט וואס צו זאגען !" בעט זיך אברהם.

„זאגט אב", רעדט דער איד, „זאגט וואס די ווייב, וואס די קינדער זאלען טאן נאך אייער טויט, נאך הונדערט און צוואנציג יאהר".

אברהם בלייבט א ווילע שטיל שוויינען, קוקט אויף זיין ווייב און קינדער און עס ווילט זיך איהם אויך מיט זיי צוזאמען נעהמען וויינען.

„ר' אברהם", דערמאנט איהם דער איד.

און אברהם נעהמט זאגען.

„חנה פריידע, איך שטארב אוועק. מסתמא איז באשערט אזוי, אז דו זאלסט בלייבען אן אלמנה און מיינע קליינע פויגעלעך — יתומים.

„חנה פריידע, איך וויים דאך אונזער ביטערע לאגע, עס איז דאך ניטא מיט וואס צו מקבר זיין. זאלסטו זיין אזוי גוט און געהן צו דער חברה „חסד של אמת". זיי, זאגט מען, זיינען מקבר יעדען ארעמאן. טאמער וועלען זיי זיך האמפערען וועגען תכריכים, זאלסטו אריבערגעהן צום באס, ניש־קשה, ער מעג זיך לאזען קאס־טען א פאר דאלער מיר אויף תכריכים, צוועלף יאהר, אז איך האב אפגעארבייט ביי איהם אין שאפ.

„מיט וואס זאלסטו זיך מפרנס זיין נאך מיין טויט, קען איך דיר קיין עצה ניט געבען, דער אויבערשטער זאל זיך אויף דיר מרחם זיין.

„ווייטער וועגען די קינדערלעך... חנה פריידע, נאך מיין טויט, געה אריבער אין שאפ און זאג די ארבייטער, אז איך בין געשטארבען, בעט זיי, זיי זאלען אריינגעהמען בערעלען אין שאפ, זאלען איהם אוועקזעצען ביים מאשין, וואו איך בין געזעסען... זא־לען זיי איהם אויסלערנען מאכען א ליינונג צו א היטעל, זיי ווע־לען דאס טאן און בערקע וועט אפשר מיט דעם אויבערשטען'ס הילף פערדיענען אויף דער חיונה און וועט נאך אפשר דיר קענען אויסהעלפען. ניין יאהר א קינד איז אפילו נאך צו פריה געהן אין שאפ, ער איז ביי מיר נעבעך דאך זעהר א שוואכער, נור מסתמא וויל גאט אזוי, ווען דער אויבערשטער וואלט מיר געשיינקט יאה־רען, וואלט ער ביי מיר ביז בר מצוה פון שאפ ניט געוואוסט.

„חיענע'לען און דאבע'לען... גיב אוועק אין יתומים־הויז. די בייבעלע, זאל זיך הארעווען, מוזט דו דאך לאזען לעבען זיך און אויף משה'לען איז אויך א גרויסער רחמנות, קוים וואס דאס קינד לעבט נעבעך, איך האב דיר געוואלט זאגען איהם אויך אפגעבען אין יתומים־הויז, אבער עס פערטראגט מיר ניט מיין הארץ דאס צו זאגען... משה'לע אהן דער מאמען... וועה ווי קען דאס גאר זיין"...

אברהם ווארפט א בליק ארום זיך... אלע קינדערלעך שטע־הען... בלאסע, שוואכע, ארעמע, היילע, נאקעטע... שטעהען און וויינען... אבער אלע ארום דער מאמען... אלע אין איינעם...

„מען וועט זיי דארפען צושיידען", טוט א טראכט דער אר־בייטער... עפעס דריקט צוזאמען שרעקליך זיין הארץ, און פון אונ־טער זיין ברוסט רייסט זיך ארויס א גוואלדיגער יאמער.

* * *

„היי, וועמען בעקלאגט איהר", הערט אברהם ווי די אנדערע ארבייטער האבען זיך צולאכט...

אברהם האט זיך אויפגעכאפט...

א ווײלע איז ער געבליבען ליעגען ווי אין א היהנער־פלעט. באלד איז ער געקומען צו זיך, אויסגעשפייט זיך און האט זיך אוועקגעזעצט לעבען דער מאשין, ווארום עס איז שוין געווען ניט פריה און אלע האבען שוין געארבייט.

אברהם האט אבער דעם גאנצען טאג געארבייט מיט א האל־בען חשק.

דער מאדנער חלום זיינער האט געבראכט מאדנע מחשבות, און די מחשבות האבען געשטערט דעם ארבייטער פון דער ארבייט.

# שטעלפערטרעטער פאר א חולה.

אין דיספּענסערי זיץ איך, אויפ׳ן דאקטאר ווארט איך.

אויף די טאבעלעס, מיט וועלכע די טרויעריגע, פינסטערע ווענד פון דער דיספּענסערי זיינען בעהאנגען, שטעהט בפירוש גע־שריעבען, אז קראנקע ווערען עמפּפאנגען פון האלב נאך צוועלף ביז צוויי אוהר; יעצט איז שוין נאך דריי דעם זייגער, די דאק־טוירים זיינען נאך ניט געקומען, מוז מען ווארטען אין צרות.

עס ווילט זיך וועלען א פרעג טאן ביי איינעם פון די בעאמ־טע, וועלכע שלינדרעווען ארום אין דעם גרויסען קארידאר, וואו די קראנקע ווארטען אויף זייער הילף — עס ווילט זיך וועלען א פרעג טאן: ווען וועלען עס קומען די דאקטוירים? אבער ווער וועט עס געהן פרעגען?

זיינען איך בעקאנט די אויפזעהער פון א פּרייער דיספּענ־סערי, אדער פון וועלכער עס איז אנדערער צדקה־אנשטאלט?

עפּעס ביי אלעמען ביי זיי זיינען גלייכע פּנים׳ער, אזעלכע קאלטע, משונה׳דיג פרעכע געזיכטער, און זייערע בליקען פול מיט האס און פעראכטונג, און זייער יעדע בעוועגונג שרייט בייז און שפּאטיש: „דו קריעגסט א נדבה, טא זיץ א בעגראבענער.“

סטייטש, לומפּען, וואס ווילט איהר? אייך בעצאלט מען דאך פאר אייער לעדיג־געהן, איהר שיינקט דען נדבות? נור אזוי איז דאס שוין, ארבייט נור אימיצער פאר א וועלכע עס איז אנ־שטאלט, וואס איז געגרינדעט פאר דעם וואהל־און־בעסטען

פון ארעמע און ליידענדע, מעג דער איינער בעקומען אם פיינסטען בעצאלט פאר זיין ארבייט, פערבלייבט ער פרעך און גרויזאם, עפעס אזוי ווי ער וואלט זעלבסט געווען א חלק פון דער אנשטאלט.

נון, פרעגט מען ניט קיין פראגען און מען ווארט.

די ביינק זיינען געדיכט בעזעצט, מיט מענער, פרויען און קינדער, יעדערער האלט זיך זיין קארט מיט זיין נומער און ווארט.

נעהם איך זיך צוקוקען...

וועה, וואס צרות! א ים מיט שמערצען, א ים מיט אונגליק, נויט, דלות, וועהטאגען! עס פערגעסט זיך וועגען די אייגענע שמערצען.

פאר א פעדער קען מען דא שאפען פיעל ארבייט, יעדעס קאר־טעל, יעדע נומער איז א בעזונדער נומערירט פעקעל צרות, און אט די אלע פעקלעך יסורים קען מען לייכט דערגעהן, דערטאפען, אויס־פרעגען, ווייל אין א דיספענסערי איז דער עולם זעהר בערעדזאם, אבער צו וואס?

אלט בעקאנטע צרות, טרערען, זיפצען, מען ווייס שוין פאר־אויס, וואס פאר א סחורה מען קען קריגען אין די פרייע דיספענסע־רים, אבער אט קריעג איך ארויס א שמייכעל... עס ווילט זיך מיר צולאכען, אמת, פון אזא געלעכטער קען מען זיך אויך גוט צואויינען... אבער דאך איז דאס א געלעכטער, און אט דעם גע־לעכטער וויל איך אייך דערצעהלען.

נעבען מיר זיצט א אידישע פרוי, פון א יאהר פערציג, זי איז אונגעדולדיג, אזוי ווי יעדערער פון אונז, און זי ברעכט אלץ די הענד און זיפצט שווער.

„קראנק?" טו איך ביי איהר א פרעג און קוק אויף איהר מיט מיטלייד.

„קראנק?" קוקט זי מיך אן, „דער אויבערשטער זאל מיר גע־בען, אז איך זאל מיין גאנצען לעבען אזוי זיין קראנק".

„האט איהר דא א קינד מיט זיך?" פרעג איך ווייטער.

„גאט זאל היטען", ענטפערט די פרוי, „מעהר אז דאס האט

מיר ניט געפעהלט, עס פאסט זיך מיר צום רומעל, אז ביי מיר זאל נאך ווערען א קינד קראנק".

ווייס איך ניט וואס צו זאגען און איך שווייג.

טוט די פרוי ווייטער א שווערען, טיעפען זיפץ און טוט א זאג:

„דער מאן מיינער איז נעבאך גאר קראנק".

„ער איז דא?" פרעג איך.

„אז ער וואלט געהאט צייט, וואלט ער געוויס געקומען", ענטפערט די פרוי. „נו פרעג איך אייך, ווער קען עס אין ארעמען אופן פערליערען דריי, פיער שעה א טאג און ווארטען אין דיס־פענסערי אויף א דאקטאר?

„נו, וואס דען טוט ער?" פרעג איך.

„ער ארבייט", ענטפערט זי קורץ און שארף.

„ער ארבייט?" פרעג איך איבער.

„געוויס, ביי קינדערשע הויזקעס".

„טא, וואס טוט איהר דא?" פרעג איך.

„איהר הערט", זאגט זי צו מיר, „אין אמעריקא דארף מען אלעס קענען און מען קען. און מען דארף זיך גאר ניט לערנען ביי קיינעם, ווייסט איהר ווער עס לערנט?"

„ווער?"

„דער דלות, די צרות, די ביטערע נויט".

דער ענטפער איז א גאנץ ריכטיגער, אבער, ווי אזוי די פרוי קומט אין דיספענסערי אין דער צייט ווען איהר מאן איז גאר קראנק, פערשטעה איך דאך ניט, און איך פרעג ווייטער.

„נו, טא וואס טוט איהר?"

„איך נאר דעם עולם", ענטפערט זי מיט א לייכטען שמייכעל.

„וועמען נארט איהר?"

„די דאקטוירים".

„ווי הייסט?"

„טא הערט א מעשה", פאנגט זי אן צו דערצעהלען, „מיין מאן מאכט אוים ביי די הויזקעס ניט זעהר גוט, ער פערדיענט

דורכשניטליך א דאלער זיעבען די וואך. איז מען מיט פינף קינ־דערלעך און פון דעם דארף מען עס לעבען, דירה־געלד צאהלען, נעהען זיך, קליידען זיך, א יום־טוב מאכען; בקיצור, מען איז זעהר ארעם, אבער הפנים מען טאר ניט זינדיגען. שטראפט מיך גאט, און מיין אלטער נעהמט צו־קריינקען: האט ער געמען הוסטען, שטעכענעס אין די זייטען, ברעבעניש אין רוקען, וואס טוט מען? צו א דאקטאר געהן? וואו נעהמט מען דעם האלבען דאלער צו בעצאלען דעם דאקטאר? און נאכדעם געה האנדלען מיט די אפטייקען? מיין מאן קען דאס מיט זיינע פערדיענסטען ניט בע־הויפטען. נו, האט ער זיך אוועקגעלאזען אין די דיספענסעריעס, איז נאך ערגערע צרות, עס קומט איהם אויס צורייבען האלבע טעג, און פערשטעהט איהר מיך, ביי זיינע פערדיענסטען, איז אז מען דערארבייט ניט אפילו א שעה איז שוין אויך נאכהער א רים אין הארצען... וואס טוט מען? ער איז דאך אבער, ניט פאר קיינעם געדאכט, קראנק?... ער ווערט ערגער און ערגער, עס איז דאך א קנאפער שכל צו פערלאזען, אייזערנע הימעל... ער איז דער בעל מפרנס פון פינף קליינע קינדערלעך; נו, זיינען מיר געפאלען אויף א סברה, און ער ארבייט טאקע און איך געה"—

„און איהר דערצעהלט, וואס אייער מאן פעהלט", כאפ איך אונטער דער פרוי.

„עס הויבט זיך ניט אן", האט אבער די פרוי גענטפערט, „איך האב עס טאקע אמאל געפרואווט טאן, האט מען מיך אויסגע־לאכט, און מען האט געהייסען ברייננען דעם קראנקען.

„נו, טא וואס זשע טוט איהר?" פרעג איך שוין העכסט נייגעריג.

„בין איך די קראנקע", האט די פרוי געענטפערט, און האט אויף מיר א בליק געטאן מיט א גנבה'שען שמייכעל.

„ווי הייסט?" קוק איך זי אן.

„איך זאג אז איך בין די קראנקע, מיין מאן'ס וועהטאגען ווים איך דאך שוין גוט, זאג איך פאר דעם דאקטאר, אז דאס זיי־נען מיינע וועהטאגען", ערקלערט מיר די פרוי, „איך זאג, איך

הוסט, אז ביי מיר שטעכט עס אין רוקען, און אין די זייטען, גיט מען מיר א מעדיצין. טראג איך עס אוועק אהיים, און מיין אלטער נעהמט עס איין".

„העלפט עס איהם ?" פרעג איך.

אביסעל גרינגער ווערט איהם".

איך האב געוואלט נאך עפּעס זאגען, האבען די דאקטוירים גענומען קומען; עס איז געווארען א טומעל צווישען די קראנקע; די פרוי, וועלכע געהט פאר איהר מאן אין דיספּענסערי, האט איבערגעריסען איהר ערצעהלונג ; און מיר האט זיך געשמייכעלט אין דער טרויעריגער, שרעקליך טרויעריגער פרייער דיספּענסערי.

# צעהן יאהר.

יא, יעדער איינציגער זוכט זיין בעסט און קירזשנער וועלען מיר געוויס ענטשולדיגען, וואס איך האב אמאל מיט צעהן יאהר צוריק אוועקגעווארפען די קירזשנעריי און בין אוועק זוכען עפעס אנדערע פרנסות פון וואס צו מאכען א לעבען.

האט זיך דאס מיר איינגעגעבען ?

ניין. ווען איך זאל ריכטיג ענטפערען אויף אט דער פראגע, וואלט איך בעדארפט אנשרייבען גאנצע מגילות. ווארום, אוי, טאטע אין הימעל, ווער קאן עס גאר אויסרעכענען וויפיעל עבודה־זרות איך האב איבערגעדיענט פאר די צעהן יאהר. נור דעם סוף קאן איך אייך זאגען: ווען עס זיינען אריבער די צעהן יאהר בין איך אין איין שיינעם טאג אוועק זוכען ארבייט צוריק צו מיינע היטלען.

דעם ערשטען שאפ, וועלכען איך האב בעזוכט איז געווען דער לעצטער, וועלכען איך האב פערלאזען מיט צעהן יאהר צוריק. פון דיעזען שאפ, רבותי, בין איך עס אוועק זוכען מיין מזל אין ניו־יארק און איך האב געפיהלט אז עס איז ניט מעהר ווי רעכט, דאס איך זאל דיעזען שאפ אפגעבען מיין ערשטען וויזיט.

און דיעזען וויזיט מיינעם וויל איך בעשרייבען.

גאט מיינער, ווי א שאפ בייט זיך דאס אין דעם פערלויף פון צעהן יאהר! ווען מען זיצט אין דעם שאפ די לאנגע יאהרען ביי דער ארבייט, קען מען דאס אפשר ניט אזוי דייטליך בעמערקען. ווי ווען מען זעהט דעם זעלבען שאפ די גאנצע צייט אין די אויגען ניט אן.

ווען איך בין צוגעגאנגען צום שאַפֿ און אַ קוק געגעבען אויף דאס געביידע, האט אַ טיעפער שווערער אומעט ארומגעכאפּט מיין הארץ. עטוואס עהנליכעס פיהלט מען, שיינט מיר, ווען מען קומט ווען ניט ווען אמאל אין אַ שמיטה אויף קבר אבות אויף אַ האלב פערגעסענעם בית עולם. אט איז ער, דער בית עולם, יע, דאס איז ער, עטוואס האט זיך געביטען: אַ נייעם צאם האט מען געמאכט, מעהר ערד פערנומען, אַ פּאר נייע בוימער זיינען אויסגעוואקסען. אבער איך דערקען איהם... אט זיינען זיי די מצבות, די אלט בעקאנטע מצבות...

דער שאַפֿ האט זיך געביטען. ער איז שעהנער געפּארבט, אַ ביסעל איבערגעבויט, פערריכט, אבער איך דערקען איהם. און אט זיינען די מצבות, און איך לייען די אלט בעקאנטע ווערטער: „העטס ענד קעפּס מאנופעקטשורערס קאראבעיניק ענד קאמפּאניע.“

דא איז דאס. אַ בעקאנטער בית עולם!

לאנגע יאהרען בין איך דא געלעגען לעבעדיג בעגראבען. יונג בין איך נאך דאן געווען. עטוואס קרעפטען זיינען נאך פערבליבען אונטער'ן ברוסט. שטראלען פון האפנונג האבען נאך בעלויכטען די נשמה. די נעה־מאשין האט נאך ניט אין גאנצען אויפגעגעסען דאס לעצטע ביסעל מוט, דאס יונגע הארץ האט זיך געריסען צום לעבען... עס האט זיך אזוי שמערצליך געשלאגען אונטער דער אנגעוועהטאגטער ברוסט — און עס האט ניט געוואלט אפּשטארבען פאר דער צייט. עס איז נאך ניט געווען אויפ'ן קאפּ קיין פרוי, קיינע קינדער. די שרעקליכע נויט האט נאך ניט אין גאנצען אריינגעכאפּט אין איהר שוידערליכע נעץ... און איך האב פערלאזען דעם שאַפֿ, איך האב אבגעגעבען די טויטליכע, שווערע ארבייט פון טרייבען, און יאגען, און יאגען... די נעה־מאשין.

צעהן יאהר זיינען אריבער!

און אט שטעה איך ווייטער נעבען שאַפֿ... אלט, שוואך, אין גאנצען צובראכען, מיט אַ פינסטערען, קראנקען הארץ, אהן אַ ברעקעל מוט, אהן אַ טראפּען האפנונג אויף דער צוקונפט, אַ מאן פון אַ שוואכער פרוי, אַ טאטע פון קליינע הונגעריגע קינדערלעך... גע־

בונדרעך פון גויט, געפלאָגט מיט דאגות, מיט אייביגע, אייביגע דאגות, געיאָגט פון א שרעקליכען דלות. און איך שטעה נעבען דעם אלטען בית עולם, וואו איך בין געקומען זוכען א קבר פאר זיך... א קבר אויף אימער!

איך בין ארויף.

איך האב דערקענט דעם בעל הבית. אט איז ער, מיסטער קאראבעיניק. אט איז ער, דארדיק׳ס שוואגער. ער איז גאר אויף איין האר ניט עלטער געוואָרען. איך וואלט שווערען, אז ער איז נאך אינגער געוואָרען, רויטער, דיקער, געזינטער געוויס!

„האט איהר עפּעס ארבייט פאר מיר, מיסטער קאראבעיניק?“ פרעג איך און קוק איהם אן, אבער איך זעה, אז ער דערקענט מיך ניט, און דאך האב איך אין דיעזען שאפּ זיינעם אבגעארבייט גוטע פינף יאהר.

„ניטא קיין ארבייט“, ענטפערט קאראבעיניק.

זיין קול. קאראבעיניק׳ס קול׳כעל. נור מיר האט זיך אבגע־דאכט, אז אויך זיין קול איז דיקער און פעטער געוואָרען.

„דערקענט איהר מיך ניט?“ פרעג איך.

„ווער ביזטו?“ פרעגט קאראבעיניק אהן צערעמאָניעס. זאג איך מיין נאמען.

„איך ווייס ניט, ווער דו ביזט“.

„איך האב דא אמאָל געארבייט“, לאז איך וויסען.

„ווען?“

מיט א יאהר צעהן צוריק“.

„איך געדיינק ניט“, ענטפערט קאלט קאראבעיניק און ער איז אבגעטראָטען פון מיר.

א צימליך קאלט עמפּפאנגען נאך א צעהן־יעהריגער שיידונג! א ווייַלע בין איך געבליעבען שטעהן מיט א קאלטער „טאש־נאטע“ אויף׳ן הארצען. באלד האט מיך אבער אין גאנצען בעהערשט א געפיהל פון נייגעריגקייט. אז איך בין שוין דא אין שאפּ, האט זיך מיר שטארק פערגלוסט ארייַנצוגעהן אינווייניג אין די קדשי־קדשים, וואו איך בין א מאָל פינף יאהר געזעסען ביי מיין נעה־

מאשין ; עס איז מיר ארויף א מחשבה, אז פיעלייכט וועל איך נאך זעהען זיך מיט איינינע אלטע הענד, מיט וועלכע איך האב געארבייט צוזאמען, און מיך האט נאך מעהר געצויגען אין שאפ אריין.

וואס טוט מען ?

איך ווייס, אז אזוי גלאט אין דער וועלט אריין וועט מען וואהרשיינליך אין שאפ א „פרעמדען" ניט ארייגלאזען. מען מוז האבען עפעס א זכות, מען דארף זיך אויף אימיצען נאכפרעגען, בעטען אן ערלויבנים צו זעהען זיך מיט אימיצען פון די „הענד".

די נעמען פון פיעלע ארבייטער, וועלכע עס האבען מיט מיר געארבייט צוזאמען מיט צעהן יאהר צוריק, האב איך גוט געדיינקט. האב איך דאך אבער ניט געקענט וויסען, ווער פון די „הענד" זיינען אוועק און ווער זיינען נאך דא.

נון, האב איך אויסגעקליבען נאכצופרעגען זיך אויף דעם מיסטער בוכהאלץ, ווייל איך האב געוואוסט, אז דיזער ארבייטער האט דא אין שאפ געארבייט לייגגער פון אלעמען, האט געהאט ביים באס א בעסערען „שאנס" און האט אימער אויסגעדריקט אלס זיין בעסטען וואונש אבצוארבייטען אין קאראבעיניק׳ס שאפ זיינע ביסעל יאהרען. בוכהאלץ איז געווען דאן אלט עטליכע און דרייסיג יאהר. א שוואכער אין געזונד, דאך האב איך געהאפט, אז ער האט „זיין ביסעל יאהרען" נאך ניט אויסגעארבייט. איך האב ערווארטעט איהם צו טרעפען דא און איך האב זיך ווייטער געווענדעט צום באס :

„קען איך זיך זעהען מיט איינעם אן ארבייטער ?"

„וועמען ווילסטו זעהען ?" פרעגט דער באס.

„בוכהאלץ׳ען", זאג איך.

„געה אין שאפ און זעה איהם" האב איך געקראגען די נויטיגע ערלויבנים. און איך בין אין שאפ אריין.

דער זעלבער שאפ, די זעלבע ווענד, די זעלבע אנגעווארפענע „הרודעס" מיט היטלען, די זעלבע מאשינען... דער זעלבער רעש, דער זעלבער טומעל, דער זעלבער שמוץ... די זעלבע שטיקע-

ניס... אלעס דאסזעלבע, ווי איך האב איבערגעלאזען מיט צעהן יאהר צוריק. גארנישט, שיינט מיר, האט זיך געביטען... ביי די מאשינען זיצען ארבייטער, טרייבען די רעדער... איך קוק זיך איין אין זייערע פנים'ער. פרעמד! ניט איין בעקאנטער פנים! איך נעם וואנדערן צווישען די מאשינען אזוי ווי צווישען קברים... וואס איז דאס אזוינס? דער זעלבער בית עולם, די זעלבע קברים, נור די מתים זיינען אנדערע... ניטא איין בעקאנטער מת... ניטא קיין בעקאנטע... און מיין בוכהאלץ? וואו איז מיין בוכהאלץ? ניטא! ארבייטער ווארפען אויף מיר צייטען־ווייז נייגעריגע בליקען און מען פערטיעפט זיך צוריק אין דער ארבייט. און מען שווייגט. אן זעה איך בוכהאלץ'ס ווינקעל, אט דארטען נעבען פענסטער איז געשטאנען זיין מאשין. זיין פלאץ, אט דארט אין ווינקעל איז געווען זיין חזקה. ער איז דארט אבגעזעסען כל ימיו, און קיינער פלעגט ניט וואגען אפילו א טראכט טאן וועגען דעם חזקה־ווינקעל.

עס שטעהט דארט א מאשין. עס זיצט אן ארבייטער, אבער ניט בוכהאלץ, עס זיצט עפעס א יונגער ארבייטער, א בחור פון א יאהר צוואנציג... הויך און דאר, אזוי ווי יענער בוכהאלץ, מיט בלאסע געלע באקען, אבער דאס איז דאך ניט מיין בוכהאלץ... א ווילד פרעמדער מת.

איך געה צו צו א מאשין און טו א פרעג אן ארבייטער:

„וואו ארבייט דא בוכהאלץ?“

„בוכהאלץ? — אט“, צייגט מיר דער ארבייטער טאקע אויף יענע מאשין, וואו אמאל פלעגט זיצען דער בוכהאלץ, וועמען איך זוך, אבער וואו יעצט זיצט אן אנדערער.

„וואו?“ פרעג איך איבער.

„אט, אט, אויף אייערע אויגען“, צייגט מען מיר וויטער אויף די זעלבע מאשין און אויף דעם זעלבען יונגען ארבייטער.

„ניט דעם בוכהאלץ מיין איך“, ענטפער איך.

„קיין אנדערע ארבייטען דא ניט“.

„אמאל מיט יאהרען צוריק האב איך דא געארבייט אין דעם

שאפ", דערצעהל איך א מעשה, „האט מיט מיר געארבייט צוזאמען אן אנדער בוכהאלץ, א מאן פון עטליכע און דרייסיג יאהר.

„אפשר מיינט איהר זיין טאטען ?" קוקט מיך אן דער אר־בייטער.

„אפשר", זאג איך, „אפשר איז דאס געווען זיין טאטע... וואו איז ער יעצט ?"

„שוין לאנג מיט גראז בעוואקסען", ענטפערט מיר דער אר־בייטער קורץ און שארף און נעהמט זיך ווייטער פאר דער ארבייט.

א סקרוך איז מיר אריבער איבער'ן גאנצען לייב פון דיעזער קורצער בשורה, און איך בין געבליעבען שטעהן אהן לשון.

„געהערט", זאגט דער ארבייטער, עפעס אזוי ווי ער וואלט רעדען מעהר פאר זיך איידער צו מיר, „געהערט א געשיכטע ? דער זוהן האלט שוין באלד ביים שטארבען און ער פרעגט זיך נאך אויף'ן טאטען".

„אפשר ווייסט איהר וועגען איינעם א וואלעך'ען?" פרעג איך ווייטער דעם ארבייטער.

דער ארבייטער האט אויף מיר אויסגעגלאצט א פאר אויגען און מיך אנגעקוקט :

„מיסטער", זאגט ער צו מיר, „פון וואנען האט איהר זיך דאס אבגעריסען, וואס איהר פרעגט גערוסען פון יענער וועלט?"

„אויך געשטארבען ?"

„געוויס. אן דארטען, איהר זעהט, צוויי יונגע בחורים אר־בייטען איינער נעבען איינעם, ביי די מאשינען ? דאס זיינען וואַ־לעך'ם צוויי זיהן".

„געדיינקט איהר איינעם א בלומקינען?" פרעג איך ווייטער.

„געוויס געדיינק איך", טוט דער אפרייטאר א מאך מיט'ן האנד.

„אויך געשטארבען ?"

„האלט ביים שטארבען, אין „מאנטיפיארע האָם". דאָ זיצט זיין ווייב. זי איז געווארען א „פינישערין".

„אפשר ארבייט נאך דא חאצקעלסאן?" פרעג איך ווייטער.

„דער עובר בטל'ניק?" פרעגט ביי מיר דער ארבייטער.

„חאצקעלסאן", זאג איך, „א מאן פון א יאהר פערציג, געווען א טויבליכער, אבער א געזונדער קערעל. ווי א דעמב".

„דאס מוז ער זיין", זאגט דער ארבייטער, „ער איז אבער ניט טויבליך, נור טויב ווי די וואנד, און אלט מוז ער זיין א יאהר זעכציג, אויב ניט מעהר. דארטען... דארטען, קוקט זיך צו, דאר־טען ארבייט ער".

איך קוק זיך צו אהין־צו, וואו דער ארבייטער צייגט מיר מיט דער האנד, איך זעה אבער ניט מיין חאצקעלסאנען.

„וואו?" פרעג איך. „איך זעה ניט".

„אן, אן דארטען, נעבען אלמער... איהר זעהט א גרויער, אן איינגעהייקערטער... איהר זעהט..."

איך האב דערזעהען... און עס האט מיר ווייטער א ריס גע־געבען אין הארצען...

באלד בין איך געשטאנען נעבען חאצקעלסאנען... ווער, אן אלטער גרייז, עס איז נור געווען אן איבערגעבליעבענע חורבה פון דעם חאצקעלסאנען, וועלכען איך האב געקענט...

חאצקעלסאן האט מיך אויך ניט דערקענט. ער איז געווען שטארק טויב, און עס איז מיר אנגעקומען מיט גרויסענע צרות מיט איהם צוזאמענצורעדען זיך. הפנים, ווי איך זעלבסט האב זיך אויך פאר דיעזע יאהרען שטארק געענדערט, ווארום ווען חאצקעלסאן האט מיך ענדליך דערקענט, האט ער מיט שרעק אויסגעשריען:

„וועה איז מיר, ווי איהר זייט אלט געווארען, מען קען דאך אייך גאר ניט דערקענען".

פון דעם „עובר־בטל'ניק" האב איך שוין דערוואוסט פיעל נייעס, און איך האב בעקומען ריכטיגע ידיעות וועגען מיינע אמא־ליגע מיטארבייטער. כמעט יעדע ידיעה, יעדעס שטיקעל נייעס האט מיך געמאכט שווידערן.

ווען האצקעלסאן האט זיך דערוואוסט, אז איך זוך ווייטער ארבייט ביי די היטלען, איז ער געווארען ווענינגער בערעדזאם, און איך האב איהם געמוזט פערלאזען.

איך האב שוין געהאלטען ביי אוועקגעהן פון שאפ, ווען איך האב דערהערט ווי אין א ווייטען ווינקעל פון דעם שאפ צווישען די פרויען־הענד האט איינע גענומען זינגען:

„ווירימא זאסטופאם יאמא גלובאקאיא".

איך האב זיך צוגעהערט. די שטימע האט מיר זיך געדאכט זעהר בעקאנט, איך האב אבער אין קיין פאל ניט געקענט ערריי־נערען זיך, וואו איך האב אט די טרויעריגע שטימע שוין געהערט אמאל; איך האב זיך נאך אמאל געווענדעט צו יענעם ארבייטער, וועלכער האט מיר געגעבען די ערשטע בעריכטע וועגען שאפ.

„ווער זינגט עס?" האב איך א פרעג געטאן.

„די „טהרה ברעט", האט דער ארבייטער געענטפערט.

„ווער איז דאס?"

„אן אלטע האנד, זי ארבייט אין דעם שאפ א שאק מיט יאהרען".

איך האב זיך אוועקגעלאזען צו דעם טיש, וואו די פרויען זיינען געזעסען ביי דער ארבייט.

דער זעלבער לאנגער, ברייטער טיש, די זעלבע איינגעהויי־קערטע סוטולעוועטע פרויען, נור זייערע געזיכטער זיינען מיר פרעמד, בלויז צוויי האב איך דערקענט, צוויי אלטע הענד האב איך נאך געטראפען ביים זעלבען טיש.

וועגען דעם „פאך" אין אלגעמיין, האב איך זיך דערוואוסט, אז פאר די היטלען, פאר וועלכע מען האט בעקומען זיעבעציג סענט א דוצען ארבייט געלד אין מיינע צייטען, בעקומט מען יעצט עלף סענט. אויך ביי די „פינישערס" האט מען פאר דער צייט גע־מינערט די פרייזען פון צוואנציג סענט א דוצען אויף אנדערהאל־בען סענט.

בײ א שטונדע צײט האב איך פערבראכט אין קאראבעיניק׳ס שאפ, און װען איך בין ארױס פון דארטען און האב גענומען איבערטראכטען װעגען דעם, װאס איך האב געהערט און געזעהען אין דיזען שאפ, האט מיר דער קאפ גענומען שװינדלען.

זוכען ארבײט אין אנדערע שעפער בין איך דעם טאג ניט געגאנגען; עס האט מיר קײן מוט ניט געגעבן.

# ארבייטער און קעלבער.

פאר דעם אמת פון דער פאסירונג, אדער ריכטיגער געזאגט, פון דעם שפאס, וועלכען איך געה אייך דא דערצעהלען, גאראנטיר איך ניט. און ווען איהר זאלט מיך זעהר שטארק ציהען פאר'ן צונג, וועל איך אייך גלייך זאגען, אז עס איז זעהר מעגליך, דאס עס איז נור אן אויסגעטראכטער שפאס, נור דערצעהלען וועל איך דאס.

ערשטענס, ווען דאס איז אפילו א ליגען, איז דאס ניט מיינס, איך דערצעהל אייך דאס, וואס איך האב געהערט; צווייטענס, האלט איך אין דער מיינונג, אז אן אמת'ער ליגען איז בעסער איי־דער א פאלשע וואהרהייט. אבער זאל דאס אלעס זיין געזאגט צו דער וואנד, און לאמיר איבערגעהן צו דעם שפאס.

מיסטער דארדיק, דער בעריהמטער אידישער „סוועטער,“ האט געהאלטען אין אריבערקלייבען זיין שאפ אין איין אנ־דער דירה.

אלע חפצים, וועלכע עס בעלאנגען צום שאפ, האט מען שוין אריבערגעפיהרט. אין שאפ זיינען נור פערבליעבען די מאשינען און להבדיל די ארבייטער.

איז געקומען אזא מין גרויסע „דראגע“. אויף דעם האט מען צושטעלט די מאשינען און נעבען יעדער מאשין האט זיך אוועק־געזעצט דער ארבייטער, צו וועמען די מאשין בעלאנגט.

מען זאגט, אז אויף דער גאנצער וועלט קאן מען ניט געפינען צוויי אזעלכע מענשען, וועלכע מען זאל נאך זייער אויסזעהן ניט קאנען אונטערשיידען איינעם פון דעם צווייטען. מעגליך דאס איז אן אמת, אבער די ארבייטער פון דארדיק'ס סוועט־שאפ דארף מען אלענפאלס אין כלל ניט אריינגנעהמען: דארדיק'ס „הענד" האבען אלע איין פנים. אלע זיינען דאר ווי די שפענער, אויסגעצווי־גענע, פערמאטערטע געזיכטער, און אלעמענס אויגען קוקען אויף דער וועלט מיט די זעלבע טעמפע לעבענסלאזע בליקען.

עס איז קיין נפקא מינה, ווי אזוי איהר זאלט ניט אויסקוי־קען. איהר מעגט זיין א ברונעט, א בלאנדין. איהר מעגט זיין שטארק ווי א מויער, איהר מעגט האבען אויגען, וועלכע ברענען ווי פייער, שווארצע, קארע, בלויע. עס איז אלץ איינס, איהר דארפט נור אפארבייטען א פאר יאהר אין דארדיק'ס שאפ און איהר קריעגט דאס זעלבע אויסזעהן, דאס זעלבע פנים, וואס אלע זיינע „הענד" האבען.

אצינד, ווען איהר ווייסט דאס, קאנט איהר זיך פארשטעלען, ווי עס האט אויסגעקוקט דער וואגען מיט דארדיק'ס לעבעדיגע סחורה.

פאסירט האט עס אין א ווינטער טאג. איינינגע טעג נאך דעם ווי אין ניו־יארק האט אויסגעבראכען א „בליזארד", איינער פון יענע שנעע־שטורמס, וועלכע עס זיינען מערקווירדיג עהנליך צו דעם גאנצען ניו־יארקער לעבען.

אין מיטען „ויאמר" ברעכט אויס א שטורם, עפעס אזוי ווי די נאטור וואלט זיך גענומען א ביישפיעל פון די ניו־יארקער געלע צייטונגען און וועלען איבערראשען די ניו־יארקער בירגער מיט א בראנד־בראנדאוועער „סענסאציאן." און עס שטורמט, און עס שנעעט, און עס בלאזט, און עס יאמערט, עס רייסט, עס ברעכט, עס קעהרט א וועלט. און פלוצלונג ווערט עס שטיל, עס געהט ניט אריבער קיין צוויי־דריי טעג ווי דער שנעע נעהמט צוגעהן, און עס בלייבט נור שמעקעכץ, פוילקייט און בלאטע אריבער די קניע.

ווען די „דראגע" מיט דארדיק'ס הענד האט זיך גערירט אין וועג איז דאס אויסגעקומען דאן, ווען פון דעם בליזארד איז נור פערבליעבען „בלאטע" און אין די ניו־יארקער גאסען איז געווען לעבעדיג.

די בלאטע האט געשטערט דעם פערקעהר, און אין די גאסען איז געווען א שרעקליכע מישענינע: קארס האבען זיך אנגעשטויסען אויף פורען. די פורען האבען זיך אנגעקלאפט אן קערידזשעס, קערידזשעס האבען געלערנט בלק מיט די פושקארטס, און אט אין דער מישענינע האט זיך דורכגעלעגט א וועג די „דראגע" מיט דארדיק'ס ארבייטער.

און דארדיק'ס „הענד"ווארפען צושראקענע בליקען אויף דער טומעלדיגער וועלט און פיהלען זיך נעבאך, אזוי ווי עס דארפען זיך פיהלען ווילדע חיות, וועלכע עס רייסען זיך ארויס דורך א סיבה פון שטילען געדיכטען וואלד אין דער רוישענדער שטאדט אריין.

און דער פוהרמאן שרייט און קנאקט מיט דער בייטש, און ארבייט מעשים, און די „דראגע" מיט דעם „דערוויילינגען סוועטשאפ" שטופט זיך דורך איהר וועג. דארף זיך מאכען, אז אויף דעם זעלבען וועג פאהרט אן נאך א גרויסע „דראגע" פול מיט לעבעדיגע קעלבער, וועלכע מען האט געפיהרט פאר א געוויסען שלאכטהויז, און די צוויי דראגעס שטויסען זיך אן איינע אן דער צווייטער, פערטשעפען זיך א ראד אן א ראד און ניט די ארבייטער און ניט די קעלבער קאנען זיך בעוועגען ווייטער... כאטש נעהם און לאך.

אין גאס ווערט די מישענינע שטארקער, לעבעדיגער. עס בלייבען שטעהן די קארס, פוהרען, קערידזשעס, פושקארטס; עס ווערט א ליארעם, א טומעל, א געפילדער. די ארבייטער זיצען פערציטערטע, די קעלבער „מוקען" דערשראקען, און די „פאסאזשירען" פוןביידע וועגען קוקען זיך דורך אין שרעק און די פוהרלייט פון דיביידע דראגעס נעהמען זיך זידלען. א ווארט פאר א ווארט און ביידע וואוילע יונגען קריכען ארונטער פון זייערע

טראהנען און מען נעהמט זיך שלאגען און אין קאמפף פאלען ארונטער זייערע היטלען, און פון אינוועניג פאלען ארוים די קוויטעלעך, אויף וועלכע יעדער פוהרמאן האט געהאט פערצייכענט דעם אדרעס וואוהין צו צושטעלען זיין סחורה.

צו אלעם קומט א ברעג. די פוהרלייט האבען אויפגעהערט שלאגען זיך. די דראגעס האט מען פערנאנדערגענומען, יעדער פוהרמאן האט פערנומען זיין ארט, און מען האט זיך געריהרט אין וועג . . .

עס פאהרען די ארבייטער, און הינטען פאהרען די קעלבער. אלעס וואלט זיך ענדיגען בשלום, האבען אבער די צוויי פוהרלייט, אין זייער שטרייט, אויפגעהויבען ניט די ריכטיגע קוויטעלעך. דער פוהרמאן פון דארדיק׳ס סוועט־שאפ האט געכאפט דעם אדרעס פון דעם שלאכט־הויז און דער טרייבער פון די קעלבער האט זיך גענומען דעם אדרעס פון דארדיק׳ס נייעם סוועט־שאפ.

וואס ווייסען די ערלים פון חכמות? הערט א געשיכטע! דארדיק׳ס בעל־עגלה האט א קוק געטאן אויף זיין קוויטעלע און אין א שטונדע ארום האט ער די צושראקענע „הענד“ אריינגעפיהרט אין דעם אנגעגעבענעם שלאכט־הויז. ווען די ארבייטער האבען דערזעהן, וואוהין מען האט זיי פערפיהרט, האבען זיי פאר שרעק דעם לשון פערלארען ; זיצען זיי, גלאצען מיט די אויגען און שווייגען נעבאך.

דער בעל־עגלה האט שוין געוואלט א קאמאנדעווע טאן, אז די הענד זאלען ארונטערקריכען. איז אבער דא אונטערגעגאנגען דער פערוואלטער פון דעם שלאכט־הויז.

ווען דער קערל האט דערזעהן די סחורה, וואס מען האט פאר איהם געבראכט, איז איהם פינסטער געווארען אין די אויגען, און ער האט זיך צושריען אויף דעם פוהרמאן:

„וואס האסטו דאס מיר געבראכט, דו לומפ? הויט און ביינער, רעגעלע פגרות? נעם דיך אוועק! פיהר דיין סחורה אין א לעדער־פאבריק, פאר א שלאכט־הויז איז דאס א שאנדע!“

דער בעל־עגלה האט מיט גרויס בזיון געמוזט דאס שלאכט־הויז פערלאזען.

אין דער זעלבער צייט איז צו דארדיק׳ס נייעם סוועט־שאפ צוגעפאהרען א וואגען מיט קעלבער. די נארעשע ברואים האבען נאטירליך ניט פערשטאנען, אז מען האט זיי צוגעפיהרט צו א אידישען סוועט־שאפ, אבער הפנים ווי זייערע קעלבערנע הערצער האבען דאך דערפיהלט, אז דער ארט איז זעהר א טרויעריגער, ווארום זיי האבען אלע אין איין קול געגומען „מוקען", עפעס ווי זיי וואלטען געזאגט: „האט רחמנות, פיהרט אונז בעסער אין שלאכט הויז".

אין שאפ איז געווען דער פארמאן, וועלכער עס האט ערווארטעט די „הענד". דער בעל־עגלה איז ארויף, א קוק געטאן אין קוויטעלע און א פרעג געטאן:

„מיסטער דארדיק?"

„ריכטיג!" האט געענטפערט דארדיק׳ס פארמאן.

„וואו ווילט איהר האבען אייערע קעלבער?" פרעגט דער בעל־עגלה. מיינט דער פארמאן, אז דער ערל איז א וויצלינג, און ענטפערט מיט א שמייכעל:

„דא, דא וויל איך האבען מיינע קעלבער".

אין א פאר מינוטען ארום זעהט דער פארמאן, אז מען שלעפט איהם אין שאפ טאקע אמת׳ע קעלבער. איז ער נשתומם געווארען.

דעם פארמאן זיינען די קעלבער גראדע געפעלען געווארען און איהם האט באמת פערדראסען, וואס זיי קאנען אויף דער נעהמאשין ניט ארבייטען. אבער אזוי ווי די קעלבער האבען דאך ניט פערשטאנען ווי אזוי מען טרעט צו צו א נעה־מאשין, האט דער בעל־עגלה געמוזט זיי צונעהמען צוריק.

שפעטער האט זיך דער גאנצער טעות דערגאנגען. די קעלבער האט מען אבגעפיהרט אין שלאכט־הויז, די ארבייטער האט מען מיט מזל געבראכט אין דארדיק׳ס נייעם סוועט־שאפ. וועמעס שיקזאל איז בעסער, צי די אפרייטארס צי די קעלבערס, דאס איז שוין ניט אונזער דאגה. נור דער שפאס האט זיך מיט דעם געענדיגט.

---

# נישט דו וועסט פאהרען!

אימער, אימער ווען דימשיטץ קומט פון דער ארבייט, קוקט ער אוים מיד, פערוואגעלט און צובראכען; דער מאן איז קער־פערליך נישט קיין שטארקער און א טאג זיצען און שטעפען ביי דער נעה־מאשין איז איבער געגוג איהם אין גאנצען צו צוברעכען און צושרויפען; נור היינטיגען מאל איז דער מאשינשטעפער אריינגעגאנגען אין הויז א פרעהליכער, א מונטערער, און עם האט געשיינט, אז אויף דעם בלאסען געזיכט פון דעם ארבייטער האט עפעס אזוי ווי די שכינה גערוהט.

מיט זיך האט דימשיטץ געבראכט א צייטונג, און ווי ער איז נור אין הויז אריין, האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף א שטול און האט זיך מיט די אויגען דורשטיג איינגעגראבען אין בלאט.

און דימשיטץ איז אויפגעשפרונגען, און זיין פנים האט גע־ברענט, און זיינע אויגען האבען פונקען געשאסען.

„עס איז אמת, עס איז אמת", האט ער מיט התפעלות גע־רעדט צו זיך אליין, „עס איז אמת, עס איז אמת ! !"

און ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס דימשיטץ איז שוין אלט געוועזען עטליכע און דרייסיג יאהר און איז געוועזען א פאטער פון דריי קליינע קינדער, האט ער פלוצלונג גענומען שפרינגען און טאנצען. עפעס אזוי, ווי ער וואלט נאך אליין געוועזען א חדר איי־געל — א שטיפער.

„סאפונא, סאפונא ! !" האט דימשיטץ גענומען שרייען א גליקליכער, א צופריעדענער. „סאפונא, טייערע, אהער־צו גען, גיכער, גיכער... אהער"...

סאפיא, דימשיטץ׳ס פרוי, איז געווען אין קיך שטארק פער־נומען מיט מאכען סאפער, נור דערהערענדיג איהר מאן׳ס פלוצליכען רופען זי, האט די פרוי אוועקגעווארפען איהר ארבייט און איז כמעט א דערשראקענע אריינגעלאפען אין עסצימער, וואו איהר מאן האט זיך געפונען.

„וואס איז, דימשיטץ?" האט סאפיא אונרוהיג און נייגעריג אנגעקוקט איהר מאן. „וואס דארפסטו מיך? וואס האט געטראפען?"

„סאפיניו, פרעהליכע נייס פון רוסלאנד!" האט דימשיטץ געענטפערט און ער האט ווייטער גענומען אריינקוקען אין דער צייטונג. עפעס אזוי ווי וועלענדיג נאך אמאל איבערצייגען זיך אין די גוטע פרעהליכע נייס, וועלכע ער האט געוואלט מיטטיילען זיין פרוי.

אריינגעלאפען איז סאפיא מיט הויך פערקאסערטע ארבעל, מיט נאסע הענד; געשטאנען איז זי, ווי מען זאגט, אויף איין פוס, איילענדיג זיך צו לויפען צוריק אין קיך צו איהר סאפער, נור האט שוין סאפיא דערהערט פרעהליכע נייס פון רוסלאנד, האט זי אפגעקאסערט די ארבעל, אויסגעווישט מיט א טיכעל די הענד און האט זיך נייגעריג געווענדעט צו איהר מאן:

„וואס פאר א נייס?"

„אונזער ראססיע איז פריי", זאגט אן דימשיטץ די פרעה־ליכע נייס פאר זיין פרוי. „רוסלאנד איז פריי!"

„ווי הייסט פריי?" פרעגט איבער סאפיא.

„פריי ווי אלע פרייע לענדער, מען האט געגעבען קאנסטי־טוציע".

„פטור, נו!" גלויבט ניט סאפיא, וואס איהר מאן דערצעהלט איהר. „אה, איך וויים, וואס דו רעדסט דארטען — מען האט שוין הונדערט מאל געשריבען, אז רוסלאנד איז פריי, און עס איז א נעכטיגער טאג."

„אבער היינט איז דאס אמת!" שרייט דימשיטץ בעגייס־טערט. „אמת, סאפיא, אמת, די נייס איז אן אפיציעלע, אט איז דער מאניפעסט: פרייע רעדע, פרייע פערזאמלונגען, פרייע פרע־

סע, כמעט פאלקאמענע שטימרעכט, און דאס פאלק וועט מאכן די געזעצע, עס איז א קאנסטיטוציע, סאפוניו, א קאנסטיטוציע!"

סאפיא גלויבט דאך ניט איהר מאן און זי נעהמט אליין אריינקוקען אין צייטונג: זי טיעפט זיך אריין אין בלאט, קענטיג זי שלינגט יעדעס ווארט, יעדע זילבע און אט נעהמען זיך ציינגן אויף איהר בלאסען געזיכט רויטע פלעקען, א צייכען אז די נשמה איז נישט מעהר רוהיג, אז דאס הארץ האט אויפגעפלאטערט...

ביי דער פרוי ציטערט דאס בלאט אין די הענד, און די אוי־גען נעהמען שיינען ליכטיגער, ליכטיגער.

„נו?" פרעגט דימשיטץ.

„יע", ענטפערט סאפיא, „עס קוקט אויס צו זיין, אז מיר האבען דערלעבט א צייט, וועגען וועלכער מיר האבען נור געקענט חלום'ן."

„מען דארף פאהרען אהיים", זאגט דימשיטץ.

„יע, מיר וועלען פאהרען", האט סאפיא געענטפערט, און פערבלייבענדיג א ווייל פערטראכט האט זיך פון איהר סאמען הארצען ארויסגעריסען א לאנגזאמער, טיעפער, טיעפער זיפץ.

אוי, ווען איינער וואלט געקאנט דיעזען שטומען זיפץ אנא־ליזירען, פערנאנדערנעהמען אויף שטיקעלעך, אויף קליינע טייל־כעלעך פערנאנדערלעגען — וואס וואלט מען אין דיעזען שטומען זיפץ נישט געפונען?!

א גאנצער ים מיט ליכטיגע האפנונגען, וועלכע עס זיינען ביסלעכווייז דונקעלער און דונקעלער געווארען, ביז זיי זיינען אין גאנצען פערשוואונדען געווארען, אונטערגעגאנגען; פריהער ברע־נענדע שטרעבונגען, וועלכע עס זיינען פון צייט און פון צרות פערגליווערט געווארען, אבגעשטארבען; א גאנצע יוגענד, וועלכע איז אהן א צייט אומגעקומען, דערשטיקט געווארען...

און דאס אלעס האט זיך אין דיעזען שטומען זיפץ ארויסגע־ריסען, אויפגעכאפט, צוריק צום לעבען געקומען!

„מיר וועלען זעהען אונזער רוסלאנד, אונזער היים, אונזער קליין־שטעדטעלע", האט דימשיטץ גערעדט פערטראכט, עפעס אזוי

ווי ער וואלט טרוימען און אויך פון דעם ארבייטערס נשמה האט זיך ארויסגעריסען א טיעפער, טיעפער זיפץ.

און מאן און פרוי האבען אויפגעהערט צו רעדען.ביידע זיי־נען געבליעבען זיצען פערטראכט; ביידע האבען גענומען טרוימען וועגען דעם שטעדטעלע, וואס זיי האבען פערלאזען מיט דרייצעהן יאהר צוריק.

סאפיא און דימשיטץ זיינען לאנדסלייט.

הארקע — אזוי הייסט דאס שטעדטעלע, וואו זיי ביידע זיי־נען געבארען געווארען און האבען זייערע קינדערשע יאהרען פער־בראכט.

חברים זיינען זיי געוועזען, צו איין „קרוזשאק“ בעלאנגט צו־זאמען, ביכער געלעזען, געטרוימט די זעלבע זיסע טרוימען, געבוים די זעלבע ליכטיגע לופט־שלעסער און נאכדעם איז געקומען דער גאט פון ליעבע און האט די צוויי הערצער פערבונדען אין זיין בונד פון ליכטיגע שטראלען.

און די גרויסע, ברייטע מוטער רוסלאנד האט אין איין שיי־נעם טאג אויסגעשפייט דעם יונגען אידישען טרוימער, אויסגע־שפייט, פערטריעבען, פעריאגט, אזוי ווי זי פעריאגט פיעלע, פיעלע פון איהרע יונגע קינדער.

דימשיטץ איז נאך ניו־יארק געקומען און שפעטער מיט איי־ניגע חדשים איז צו איהם זיין סאפיא געקומען.

מען האט געהייראט און דימשיטץ און סאפיא זיינען גע־ווארען א יונג פאר פאלק אין ניו־יארק.

דימשיטץ איז געווארען א מאשינענטרייבער, ביי הויזען, און סאפיא איז געווארען א ווירטהין אין הויז.

קינדערלעך האבען גענומען געבארען ווערען, קינדערלעך האבען גענומען קריינקען... שטארבען...

דאקטוירים, קברים, לענדלארדס, שעפער, ארבייט, א „היי־סע ביזי“, „סלעק“, סטרייקס, דירות, דזשעניטארס, דירה־געלד, רומס, צוויי רומס, דריי רומס, פיער רומס, באר־דערס, בארדערקעס, אריבערקלייבענים, שלעפענים, רייסענים,

נויט, דלות, דחקות, צרות, צרות פון קינדער, צרות פון בעל הבתים, צרות פון דירות, און יעדערער דריקט, און יעדערער שטיקט און מען דארף אייביג, אייביג אנפיהרען די מלחמה פאר'ן שטיקעלע ברויט, און תמיד, תמיד איז מען פערזונקען ביז'ן רעכ־טען האלז, אין דעם וואכעדיגען, קליינליכען, קלעגליכען מיזע־ראבעלען לעבען... און עס ווערט קראנק דער קערפער, און עס ווערט קראנק די נשמה... און עס לויפען די טעג, און עס לויפען די יאהרען, און אזוי זיינען אריבערגעלאפען דרייצעהן יאהר.

און סאפיא און דימשיטץ זיינען שוין אלטע מענשען. שוין ! אבגעלעבט א לעבען !

די געזיכטער צוקנויטשט, און אין קאפ ווארפט זיך דורך אן אפט גרוי האר. — אלטע מענשען !

געביטען פאר דער צייט ביי הונדערט דירות, הונדערט פוה־רען האבען כסדר געשלעפט דאס ביסעל דלות, פון איין טענע־מענט גרוב אין דאס צווייטע, צוויי קינדערלעך בעגראבען, דריי זיינען דא, דאס אלעס, נור דירה־געלד דארף מען נאך אימער צאלען, נאך אלץ נישט גענענדיגט מיט דעם דירה־געלד, מיט דעם אייבי־גען, אייביגען דירה־געלד.

און יעצט זיצען זיי ביידע און טראכטען וועגען דער היים, ביידע טרוימען וועגען דעם שטעדטעלע, וואס מען האט מיט דריי־צעהן יאהר צוריק פערלאזען.

די פרעהליכע אויפרעגענדע נייס פון דערהיים האבען אויף א ווײלע יונג געמאכט די אלטע מענשען.

אין די פערפינסטערטע הערצער האט אריינגעקוקט א ליכ־טיגער שטראל...

עס האבען אויפגעפלאטערט, אויפגעציטערט די האלב אב־געשטארבענע נשמות... און עס טראכט זיך ווידער וועגען דער היים ; עס טרוימט זיך וועגען די אמאליגע, אמאליגע יאהרען.

אהיים וועלען זיי פאהרען, אהיים וועלען זיי זיך אומקעה־רען ! און ביידע זיצען שווער פערטראכט : איין־און־דער זעלבער

זיסער טרוים האט גלייך ארומגעכאפטביידענס הערצער; ביי־דענס נשמות זינען פערטרונקען אין דער זעלבער זיסער פאנטאזיע.

זיי וועלען זיך אומקעהרען אהיים, און זיי טרוימט זיך, אז דארטען אין דער היים האט זיך גאר נישט געביטען, דארטען וועלען זיי וויעדער בעגעגנען זייער פערגאנגענע יוגענד. זיי וועלען זיך וויעדער זעהען מיט טייערע פערלארענע פריינד, מיט ליעבע, מיט טייערע פערוואנדטע, און זיי וועלען אנפאנגען דאס לעבען פון דאס ניי...

און ביי ביידע פלאטערען די קראנקע, די אנגעוועהטאגטע הערצער, ביידע טרוימען...

זיסע טרוימען, טייערע טרוימען, און ביי ביידען האבען געפינקעלט ליכטיגע טרוימען־טרערען אין די אויגען!

אימוצער האט א קלונג געגעבען דאס גלעקעל, און מאן און ווייב האבען זיך א כאפ געטאן עפעס אזוי ווי ביידע וואלטען געקומען פון אן אנדער וועלט...

„ווער קומט דאס צו אונז?" האט סאפיא א פרעג געטאן ווי אין א חלום.

„איך ווייס ניט", האט דימשיטץ געענטפערט.

ביידע האבען זיך א וויילע צוגעהערט, קיינער האט אבער אין טיר נישט אנגעקלאפט און סאפיא האט געזאגט:

„איך רעכען, עס מוז זיין א בריעף".

„יע, עס מוז זיין א בריעף", האט דימשיטץ צוגעגעבען.

„און אפשר פון דער היים?" פרובירט סאפיא טרעפען.

„איך וועל געהן ארויפטראגען", האט דימשיטץ געענטפערט און ער איז גלייך ארונטער צום בריעף־קאסטען.

און סאפיא האט זיך דערוויילע דערמאנט, אז עס איז דא איהר סאפער אויף דער וועלט; די פרוי האט צוריק פערקאסערט די ארבעל און זי איז אין קיך אוועק.

אין מר. דארדיק'ס שאפ, וואו דימשיטץ האט געארבייט, האט מיט א פאר וואכען צוריק אן אונגליק געשעהן.

אן ארבייטער, נאך גאר א יונגע „האנד“, איז קראנק גע־ווארען אויף אויסצעהרונג און איז אין א שיינעם טאג אוועקגע־פאלען ביי דער נעה־מאשין.

מען האט דעם קראנקען צוגענומען אין האספיטאל און אין צוויי טעג ארום איז אנגעקומען די בשורה, אז דער ארבייטער איז געשטארבען.

דער ארבייטער האט איבערגעלאזען א פרוי מיט דריי קליינע קינדער, אהן א שטיקעל ברויט, אהן א דירה, אויף וועלכער מען האט ערשט מיט א חודש צוריק רענט געהעכערט.

דיעזעס אונגליק האט געמאכט דימשיטצען צו טראכטען וועגען זיך זעלבסט, וועגען זיין אייגענער פרוי און קינדערלעך.

דימשיטץ פיהלט אז ער איז אויך נישט קיין גרויסער גבור; ער הוסט צו צו ביסלעך, האט אביסעל עסק מיט׳ן אטעם, און די לעצטע צייטען איז גאר קיין נייס ניט, אז עס טוט איהם א שטאך אין זייט.

„מען איז דאך ניט מעהר ווי א מאשינטרייבער“, האט דימ־שיטץ געטראכט ביי זיך. „צופיעל לעבען דארף מען זיך ניט ריכטען, עס קאן זעהר געבען, אז ער זאל אויך פאלען ביי דער נעה־מאשין, און וואס וועט דאן ווערען מיט זיין פרוי, מיט זיינע קליינע יתום׳לעך ?

און דימשיטץ האט איינמאל אן אבענד נאך סאפער א זאג געטאן צו זיין פרוי :

„סאפיא, איך רעבען זיך צו פערזיכערן אין טויזענד דאלער“.

סאפיא האט קיין מאל ניט געוואלט הערען וועגען פערזיכערן דאס לעבען. אזא מין זאך האט איהר עראינערט אן טויט, און זי האט וועגען דעם מורא געהאט אפילו צו טראכטען ; אויך יעצט האט זי געענטפערט :

„גאר, נאך עפעס ?“

„ווען איך זאל שטארבען“, מאכט דימשיטץ... נור סאפיא לאזט איהם ניט דערערדען און שלאגט איהם איבער :

„איך דארף קיין געלד ניט“.

„מיר האבען אבער קליינע קינדער“, האט דימשיטץ ווייטער געזאגט.

ביי דער ארעמער פרוי זיינען ארויס טרערען אין די אויגען און זי האט געזאגט מיט ערנסטען פערדרוס :

„דו וועסט לעבען, און דו טראכט בעסער ווי צו מאכען א בעסער לעבען און בעזארגען די קינדער. איך האב ניט ליעב די פערזיכערונגס־געשעפטען“.

דימשיטץ האט דאך איבערגערעדט זיין פרוי, און דער ארבייטער האט זיך געלאזט פערזיכערן מיט טויזענד דאלאר. ערשט מיט דריי טעג צוריק האט איהם אונטערזוכט דער דאקטאר פון דער לעבענס־פערזיכערונגס קאמפאניע, און עס דארף איהם אנקומען דער ענטפער, אויב מען וועט איהם ארויסגעבען א פאליסי.

ווען מען האט יעצט א קלונג געטאן דאס גלעקעל, איז דעם ארבייטער גלייך ארויף אויף די געדאנקען, אז דאס מוז זיין אן ענטפער וועגען זיין פאליסי ; ער האט געוואלט וועגען דעם זאגען זיין פרוי, נור עס האט איהם גלייך א קלאפ געטאן א געדאנק, אז אפשר איז דער ענטפער נישט קיין גוטער און די ווערטער זיינען איהם געבליבען אויף'ן שפיץ צונג.

אין בריעף־קאסטען האט דימשיטץ געפונען אן ענטפער פון ד"ער לעבענס־פערזיכערונגס־ קאמפאניע—מען האט איהם ענטזאגט.

דער דימשיטץ, וועלכער איז מיט א מינוט פריהער ארונטערגעגאנגען זעהען, ווער עס האט געקלונגען, איז שוין נישט מעהר ארויפגעקומען צוריק. ארויפגעקומען איז גאר אן אנדער מענש.

ארונטער איז א מאן מיט פערטרוימטע אויגען, מיט א געזיכט, אויף וועלכען עס האבען געשפיעלט ליכטיגע שטראלען פון האפנונגען ; ארויס פון הויז איז נאך גאר א יונגער מענש, מיט א פרייען, ליכטיגען הארצען, און צוריק אין הויז איז אריין א שוואכער, פערמוטשעטער מאשינטרייבער, ארויסגעלאשענע אויגען, א שווערער האפנונגסלאזער וואלקען אויף'ן געזיכט, אן אלטער מענש מיט א דערשלאגענעם געמיט... פערלארען... דערשראקען...

„נו, א בריעף ?“ האט סאפיא געפרעגט פון קיך.

„ניין".

„וואס דען ?"

„גאר נישט.... אן אנאנסע", האט דימשיטץ שטאמלענדיג געענטפערט: דער ארעמער ארבייטער האט מורא געהאט אנצו־זאגען דער ווייב די טרויעריגע בשורה.

שטילערהייט איז דימשיטץ אריין אין עסצימער און ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם זעלבען שטול, אויף וועלכען ער איז פריער א ווײַלע געזעסען פערטיעפט אין זיסע, ליכטיגע טרוימען.

פאר דעם ארבייטערס אויגען איז געלעגען די צייטונג פון זיין ווייטער היים — זיין הארץ איז אבער פערבליעבען קאלט און פער־דריקט ווי פון א שווערער, שווערער משא...

דער אבזאג פון דער לעבענס־פערזיכערונגס קאמפאניע האט זעהר שטארק דערשראקען דעם שוואכען, איבערגעהארעוועטען אר־בייטער ; עס איז איהם ארויף א געדאנק, אז דער דאקטאר פון דער קאמפאניע, וועלכער האט איהם אונטערזוכט, האט אויסגעפו־נען, אז ער דארף באלד שטארבען. און דימשיטץ האט זיך פלוצ־לינג געצומען פיהלען אזוי שוואך, אזוי פערמאטערט, אזוי ווי ער האט זיך נאך קיין מאל ניט געפיהלט, קיין מאל ניט פריער.

פאר דעם ארבייטערס אויגען איז דורכגעלאפען א בית עולם און דער אפענער קבר, אין וועלכען מען האט אריינגעלעגט זיין שאפרקאלעגע. ער איז דאן געווען צו דער לויה און אלעס, וואס ער האט בייגעוואהנט, די גאנצע שוידערליכע „קארטינע", האט יעצט געשוועבט אין דער לופטען און געשילדערט זיך פאר זיינע אויגען.

אט פאהרט מען צו צום בית עולם, אט איז דאס הויז ביים אריינגאנג, עס קומט ארויס דער שומר, עס ליארעמט די חברה קדישא, מען מאכט „לחיים" און מען רעדט געשעפט ; אט נעהמט מען ארונטער דעם ארון. עס איז פינסטער... מען געהט מיט פאנארען... און אט איז דער אפענער קבר ; צוויי גרינע פאליאקען זיינען זיך דארט מתעסק... מורמלען ניט צופריעדען און בעטען טרינק־געלד. און אט איז די אלמנה...די יתום'לעך...און אלע וויינען.

די פאליאקען לאזען ארונטער אזוי געשויט, אזוי שנעל דעם ארון אין קבר אריין, חברה קדישא ארבייט געשווינד און מען פער־שיט דעם קבר, אויף די עטליכע גוטע פריינד, וועלכע האבען זיך דא פערזאמעלט, בעצאלען יעצט זייער לעצטען חוב דעם פער־שטארבענעם ארבייטער און יעדער שיט צו דריי לאפעטקעלעך ערד אויף דעם פרישען קבר. און די אלמנה און די יתומים יאמערן, ווארפען זיך אויף דעם פערשטארבענעם'ס קבר... קושען די ערד...

„פאפא! פאפא!" שרייען די קינדער.

א שוידערליך בילד!

„וועסט אויך באלד שטארבען", האט דימשיטץ דערהערט, ווי א שרעקליכע שטימע וואלט צו איהם גענומען רעדען. „וועסט דיין היים קיין מאל ניט, קיין מאל ניט זעהען, ביזט אן אלטער מענש, האסט שוין אבגעלעבט דיין לעבען; אנדערע וועלען יא פאהרען אהיים... נישט דו וועסט פאהרען... דיין קבר וועט שוין דא זיין"...

און אין דעם ארבייטערס מחשבות האט דורכגעשוועבט זיין אייגענע לויה... אט איז דער זעלבער בית עולם... און מען ברייננט זיין אייגענעם ארון... אט איז זיין קבר... אט שטעהט זיין סאפיא... זיינע קינדערלעך... זיי וויינען... זיי ווארפען זיך צום קבר...

א שארפער, שארפער וועהטאג האט דורכגעשניטען דימ־שיץ'ס הארץ, טרערען האבען איהם גענומען שטיקען אין האלז... בלענדען די אויגען.

און דארטען אין קיך האט סאפיא גענומען זינגען א רוסיש ליעד, א ליעד, וועלכע זיי פלעגען אלע אין קאמפאניע, דער גאנ־צער „קרוזשאק", זינגען א מאל, א מאל מיט דרייצעהן יאהר צוריק אין דער היים, אין זייער קליינעם שטעדטעלע...

דימשיטץ האט שנעל בעהאלטען דעם קאפ אין די הענד און זיך בעגאסען מיט זודיגע, זודיגע טרערען...

# א געווינשטער און גליקליכער טויט.

בנימין ווילנער שטארבט אוועק...

דער מאן איז אלט א יאהר עטליכע און דרייסיג, ער איז א רוסיש־אידישער אינטעליגענט, און געקומען איז ער נאך ניו־יארק מיט א יאהר צעהן צוריק.

ווילנער האט ניט געהאט קיין אמונה שלמה אין דער רוסישער רעגיערונג. עס האבען זיך דערוואוסט וועגען זיינע פרייע, גע־פעהרליכע געדאנקען אזעלכע אפיציעלע פערזאנען, וועלכע האבען פון דעם ניט בעדארפט וויסען. און אום צו ראטעווען זיך מיט׳ן לעבען איז דער יונגער ווילנער פון זיין היימאט אנטלאפען...

נאך ניו־יארק איז ער געקומען.

ווען געטאן האט בנימין׳ס הארץ אויף דאס פערלאזענע פאטערלאנד; זיסע האפנונגען האבען אבער געגלעט און געטרייסט זיין וויינענד הארץ; פון דער ווייטען וועט ער קאנען מעהר אויפ־טאן פאר רוסלאנד איידער זייענדיג אין דער היים. אין דעם פרייען ניו־יארק וועט ער גרינדען „אבשצעסטוועס", צו העלפען די רוסי־שע קעמפפער פאר פרייהייט. ער וועט טאן... ער וועט קעהרען וועל־טען...

איז בנימין געקומען נאך ניו־יארק און... און איז געווארען אן אפרייטאר ביי קינדער׳שע הויזקעס...

האט ער זיך גענומען אזוי פלאגען אויף׳ן פיינעם אופן.

פון צרות האט ער זיך אין א מיידעל פערליעבט; די מיי־דעל האט איהם אויך ליעב געהאט — האבען זייביידע חתונה גע־

האט און אין ניו־יארק אין דער רוסיש־אידישער קאלאניע איז צו־געקומען נאך א בלוטיגער אביון.

אבמאטערנדיג זיך עטליכע יאהר ביי די הויזקעס, האט ווילנער אויפגעגעבען דעם שאפ און איז געווארען אן אגענט פאר א לעבענס־פערזיכערונגס קאמפאניע. קיין פייערדיגער געשעפטס־מאן פון דער נאטור איז ווילנער ניט געווען, האט ער אויך ביי זיין נייער בעשעפטיגונג געקייט די ערד ביז מען האט איהם אפגעזאגט פון דער שטעלע.

האט ער געפרובירט אונטערריכטונגען אין דער ענגלישער שפראכע, אבער אזוי ווי ער איז שוין געווען א פאטער פון צוויי קינדער האט ער פון זיינע שטונדען ניט געקאנט מאכען קיין לעבען, האט ער געקויפט עפעס א ביליגע טאבאק סטארקע, אבגעמאטערט זיך אין דעם קרעמעל א היבשע צייט, און האט זיך ווייטער גע־נומען פאר די הויזקעס און אזוי האט ער געהאלטען אין איין קעמפ־פען פאר די קלעגליכע עקזיסטענץ, ביז... ביז ער האט געקראגען די אויסצעהרונג...

צעהן יאהר זיינען אריבער...
א שרעקליך פעראראעמט צימער.
איינג, פינסטער, דושנע, לופטלאז.

אויף א בעטעל ליגט בנימין ווילנער, פערמאטערט פון אויס־צעהרונג און שטארבט אוועק.

נעבען בעטעל געפינען זיך זיין פרוי און קינדער.

די פרוי זיצט שטארק פערטרויערט, אויך די קינדערלעך קו־קען עפעס אזוי ערשראקען און אומעטיג...

די קינדער זיינען זעהר יונג — דאס עלטסטע איז אכט יאהר, זיי פערשטעהען גאנץ ווייניג זייער ביטערע לאגע, אבער פיהלען זיי עפעס שרעקליכעס, אן אימה דריקט זייערע קינדערשע הערצעלעך... און זיי זיצען אזוי שטיל, אזוי פערציטערט.

דאס גרויסע טענעמענט־הויז, וואו דער שטערבענדער ווילנער וואהנט, איז בעזעצט פון לויטער רוסישע אידען.

עס איז א שיינער זומער־אבענד, האבען זיך די יונגוואַרג צוזאמענגעקליבען אויף'ן דאך... מען פערברייננט דארטען, מען רעדט, מען שמועסט וועגען די לעצטע אונרוהען אין רוסלאנד און אט האבען אלע גענומען זינגען אין כאר דאס רוסישע רעוואָלוציאנערע ליעד: „ווארשאוויאנקא".

דער שטערבענדער ווילנער דערהערט דאס זינגען... אין זיינע אבגעשוואכטע געדאנקען נעהמט זיך פלאנטערען זיין יוגענד... זיינע האפנונגען... א מאדנער וועהטאג כאפט ארום זיין האלב אבגעשטארבען הארץ; ער טוט א קוק ארום זיך: אויף דאס צימער, אויף זיין פרוי און קינדער און א שטילער שוואכער זיפץ רייסט זיך ארויס פון אונטער דעם שטערבענדען'ס ברוסט...

„וואס איז דיר, בענדזשאמין?" פרעגט אונרוהיג זיין פרוי.

„גאר נישט", ענטפערט ווילנער.

און דארטען אויף'ן דאך זינגט מען אין כאר:

„נא באי קראוואווי,
סוויאטאי אי פראווי,
מארש, מארש, ווּפעריאד,
ראבאטשי נאראָד!"

אונטער דער ווירקונג פון רפואות ווערט דער שטערבענדער שוואך איינגעשלאפען... און איהם דרומעלט זיך זיין וויטע היימאט.

אין רוסלאנד ברענט די רעוואלוציאן!

דאס גאנצע רוסישע פאלק איז אויפגעשטאנען ווי איין מענש צום קאמפף פאר פרייהייט. א מעכטיגע מלחמה פון דעם אונטערדריקטען פאלק מיט דער רעגיערונג האט זיך פערנאנדערגעברענט מיט א פלאקער, מיט א פייערבראנד...

אין די גאסען בויט מען באריקאדען...

דאס פאלק האט זיך גענומען פאר די וואפען. מען קעמפפט מיט די ארמעען פון דער „סאמאדערזשאוויע".

און דאס פאלק זיעגט!

מען צושמעטערט טורמעס, מען בעפרייט ארעסטאנטען. אין

די גאסען פלאטערן רויטע פאהנען... איבעראל פראקלאמירט מען „פרייהייט" !

אט קומט ער, ווילנער, אהיים צו זיך, כאפט א רעוואלווער און וויל געהן ; שטעלט איהם אב זיין פרוי און פרעגט :

„וואוהין ווילסטו געהן, ווילנער ?"

„קעמפפען פאר פרייהייט צוזאמען מיט אלעמען".

„האב רחמנות", נעהמט זיך בעטען די פרוי, „דערמאן זיך... האסט א פרוי מיט דריי קליינע קינדער, וועסט נאך דער'הרג'עט ווערען... האב רחמנות, געה ניט".

„רעד נישט קיין נארישקייטען, סאפיא", ענטפערט ער זיין פרוי. „ווען איך זאל יעצט ניט געהן אין די קעמפפענדע רייהען, וועל איך זיך שעמען שפעטער צו קוקען מיינע אייגענע קינדער אין די אויגען".

„געה ניט, בנימין", בעט זיך זיין פרוי און נעמט וויינען.

„סאפיא, וואס איז מיט דיר?" נעמט ער רעדען צו זיין פרוי און קוסט זי און דריקט זי צו זיין ברוסט. „עס איז א היילי־גער קאמפף, עס איז א קאמפף פאר פרייהייט און ליכט, סאפיעלע. שטעל זיך פאר, אונזער ראססיא וועט זיין פריי ! אה, שטעל זיך פאר... לאז מיך... לאז מיך... מיך ארט ניט אוועקלעגען מיין קאפ פאר אזא היילינע זאך"...

און ער קוסט זיין פרוי, זיינע קינדער, און, זינגענדיג די מארסעליעזא, רייסט ער זיך פון הויז ארוים.

דרויסען איז א טומעל... מען בויט באריקאדען... און ער הערט, ווי מען זינגט :

„נא באי קראוואווי,
סוויאטאי אי פראווי,
מארש ! מארש ! ווּפעריאד,
ראבאטשי נאראד !"

אין איהם נעמט קאכען די בלוטען... דאס הארץ וואקסט ברייטער און ברייטער... עס קלאפט איהם אין די שלייפען... אט שטעלט ער זיך אהינטער א באריקאדע... עס קומען אן סאלדאטען...

עס ווערט א שיסעריי, עס גיסט זיך בלוט פוןביידע זייטען... אט טרעפט א קויל פון שונא אין איהם... גלייך אין ברוסט... א שאר־פער וועהטאג נעמט איהם דורך און דורך... און עס ווערט איהם איינג, אזוי איינג אונטערן ברוסט...

מיט א שוואכער שטימע בעט ער זיך ביי זיינע מיטקעמפ־פער אהיים צו זיין פרוי, צו זיינע קינדער...

ברייגנט מען איהם אהיים...

די פרוי פאלט פאר איהם אויף די קניע און נעהמט יא־מערן... אויך נעהמען די קינדער וויינען...

„וויינט ניט", זאגט ער צו זיי, „איך האב פערגאסען מיין בלוט פאר מיין פאטערלאנד און בין שטאלץ מיט דעם. איך שטארב מיט א גליקליכען טויט"... און ער פיהלט, עס נעהמט איהם עפעס שטיקען אויף דער ברוסט... ער פיהלט דעם טויט...

בנימין האט זיך אויפגעכאפט...

א טרוקענער הוסט האט איהם גענומען שטיקען און דער קראנקער האט אויסגעהוסט א שטיק בלוט...

ווען ווילנער איז עטוואס צו זיך געקומען פון דעם שטיקענ־דען הוסט, האט ער מיט א שוואכער שטימע גענומען דערצעהלען זיין פרוי זיין זיסען חלום... און ביי דעם ערצעהלער האבען זיי־נע האלב אויסגעלאשענע אויגען געבלישצעט מיט טרערען... און אין דער הויך אויף'ן דאך האט דער כאר נאך א מאל געזונגען:

„נא באי קראוואווי,

סוויאטאי אי פראווי" א. ז. וו., א. ז. וו.

* * *

אויף מארגען בעגינען איז ווילנער אויסגעגאנגען ניט אין קאמפף פאר דער בעפרייאונג פון רוסלאנד, נור אויף דעם מזבח פון קינדערשע הויזקעס....

# דאס לעצטע מאל געשפּיעלט.

אין קורצען איבערגעבען זייער געשיכטע וואלט מען געקאנט אין פאלגענדע ווערטער.

לינע איז געוועזן א „פּיאנא לעהרערין" און מאיר איז געוועזן א פּאַריער. לינע האט מיט איהרע ווייסע, לאנגע פינגער געקאנט ארויסגעבען זיסע רייצענדע טענער. זי איז געוועזן א קליין־געוויקסיגע מיידעל, זי איז אבער געוועזן פול מיט חן און לעבען. און מאיר האט זי ליעב בעקומען, און ער האט זי ליעב געהאט היים, ערנסט, מיט'ן גאנצען הארצען. מאיר איז געוועזן א גוטער ארבייטער און ער האט אויסגעארבייט פיינע שכירות; ער האט געהאט א ווייסע הויכע שטערן, אויף וועלכער עס פלעגען ארצבהייגען שווארצע קודרעס, אן אפען, שיין, גוטהערציג פנים און א פאר קארע אויגען, וועלכע עס האבען געקוקט אזוי ווייך, אזוי מילד. און לינע האט איהם אויך ליעב געהאט אזוי שטארק, אז זי פלעגט זיך אימער ווינשען איהר טייערען מאיר'קען בעהאלטען ביי זיך טיעף, טיעף אין הארצען.

זיי האבען געהייראט...

---

דער אידישער „סוועט־שאפּ" איז אהן לופט און אהן ליכט, שנעל ווערט דארטען צופוילט און פערדארט דעם ארבייטערס לעבען...

אך, רבותי, וויפיעל יונגע יאהרען ווערען דארטען אבגעשניטען, אבגעריסען; וויפיעל קרעפטען ווערען דארטען דערשטיקט און געטויט!

מאיר איז קראנק געווארען, זיינע לונגען האבען איהם גע־נומען פוילען, דאס הארץ אויסגעהן ווי א ליכט, און אין איין שיי־נעם טאג איז ער מעהר ניט געווען אימשטאנדע אויפצושטעהן פון בעטעל. אויך האט זיין קראנק־זיין צוזאמענגעשמידט לינעם הענד און זי האט זעהר ווייניג געקאנט אויסמאכען פון איהרע אונטער־ריכטונגען אין פיאנא שפילען.

א שטיקענדע שווארצע ביטערע נויט האט זיך איינגעוואר־צעלט ביי מאיר'ן אין הויז, און זי האט אנגעפאנגען אהן רחמנות שטיקען דאס ארעמע יונגע פאר־פאלק.

---

מאיר פערנעמט צוויי צימערן: דאס שלאפצימער און דעם פארלאָר. אלעס קוקט אוים אין די צימערען אזוי ארעם און הייל, דער דלות קלאגט אין יעדען ווינקעלע, דאך געפינט זיך ביי מאיר'ן אין פראָנטרום אזא מין מעבעל, אזא טייערע צירונג, וועלכע הארמאָנירט זעהר ווייניג מיט דעם ארומיגען דלות — דאס איז א שיינע, רייכע, עלעגאנטע פיאנא.

פאר דיעזער פיאנא צאלט לינע וועכענטליכע אויסצאלונג; אפט, זעהר אפט פעהלט אוים אויף ברויט, אבער פאר דער פיאנא צאלט מען — מען צאלט פון די לעצטע, מען רייסט אב אן אבר און מען צאלט.

די פיאנא איז די לעצטע און די גאנצע טרייסט ביי לינען און אויך ביי איהר קראנקען מאן. דאס איז דער איינצעלנער פער־גניגען אין זייער ניט פרעהליכען לעבען, און אפט־אפט צוגיסען זיך איבער די פעראָרעמטע קליינע טרויעריגע צימערן זיסע, ברומענ־דע, הערצרייסענדע אקקארדען.

---

א צייט אז לינע צאלט שוין ניט פאר דער פיאנא. ניטא! מען קאן ניט! די נויט איז שוין צו גרוים. און אט האט זי בע־קומען א מודעה, אז אין דעם און דעם טאג, ווען מען וועט ביז צוועלף דעם זייגער מיטאג ניט אריינטראגען קיין געלד, וועט די „קאמפאניע" שיקען צונעמען די פיאנא.

דער טאג איז געקומען !

דאס איז געווען א פייכטער הערבסט פריהמארגען, און דער קראנקער מאיר האט זיך געפיהלט זעהר שלעכט.

לינא איז געזעסען ביים קראנקען אין בעט און ער האט גע־האלטען אן איהר אנגעשפארט זיין קאפ.

ביידע האבען זיי געוואוסט, אז אט באלד וועט מען קומען צו זיי אין הויז און מען וועט אוועקנעמען פון זיי די פיאנא, מען וועט אוועקרייסען פון זיי זייער איינציגען חבר אין דער צייט פון אונגליק און עלענד. זיי האבען ביידע געוואוסט און ביידע האבען וועגען דעם מורא געהאט צו רעדען...

דער ווייזער פון זייגער רוקט זיך און רוקט זיך און אט קומט נעהנטער און נעהנטער די קריטישע מינוט.

„לינע", האט דער קראנקער געזאגט מיט א שוואכער שטימע, „לינע, מען וועט באלד צונעהמען די פיאנא פון אונז".

„נו, מילא, וועסט געזונד ווערען", האט לינע געזאגט, „וועלען מיר קריגען אן אנדערע".

ביי לינען זיינען געשטאנען טרערען אין די אויגען.

„לינע", זאגט ווייטער דער קראנקער, „נעהם, מיין לעבען, שפיעל עפעס אויס... א... לעצטען... מא..." דער קראנקער קאן ניט דעררעדען ; די ווערטער ווערען ביי איהם ווי פערשטיקט אין גארגעל... און ביי לינע'ן גיסען און גיסען זיך טרערען...

„לינע... לינעלע..."

לינע געהט צו צו דער פיאנא... זי עפענט אויף דעם צודעק, איהרע הענד ריהרען אן די קלאווישען און איבערן חדר טראגט זיך פערנאנדער א לאנגזאמער טיעפער, טיעפער, הערצרייסענדער קרעכץ...

זי זיצט בלאס ווי א טויטע און טרערען רינען פריי... זודיגע, ברענענדע טרערען...

זי שפיעלט און א ים מיט ברומענדע טענער צוגיסט זיך אי־בערן חדר...

זי זיצט און שפּיעלט, זי ווייס, אז זי שפּיעלט עס א לעצט מאל און איהר הארץ געהט אויס לאנגזאם, לאנגזאם אין די טענער.

די גאנצע וועלט איז פאר איהר פערשטארבען. זי איז דער־טרונקען אין איהר אייגענעם שפּיעלען, אין אקקארדען. דאס בענו־מענע, ברומענדע, וויינענדע, דאס ווייכע, זאנפטע, מילדע, גלע־טענדע האבען זיך געגאסען און געגאסען... און זי האט געשפּיעלט!

און זי האט אויסגעגאסען איהר גאנצען קומער, איהר עלענד, איהר טיעפען ברייטען טרויער, איהר זודיגע ליעבע צו דעם קראנקען מאן. אין די טענער האבען זיך געהערט איהרע גוטע פערגאנ־גענע יאהרען, איהר פערלארענע יוגענד... איהר פערלארען גליק...

זי זיצט ווי א פערגליווערטע, בלאס ווי א טויטע און טרערען רינען פריי...

זי שפּיעלט אין אקקארדען, דאס ברומענדע, רוישענדע, וויי־נענדע, דאס מילדע, זאנפטע, קוסענדע, גלעטענדע גיסען זיך אזוי ווי כוואלעס...

און דער קראנקער מאיר?

ער האט געפיהלט ווי צוזאמען מיט לינעס שפּילען געהט אויס זיין חיות; ער האט געפיהלט, ווי זיין האלב־אבגעשטארבען הארץ ציהט זיך נאך יעדען טאן און ווערט שוואך, שוואך און ווערט פערשטארבען...

א שטארקער קלאפּ אין טיר... און צוויי מענער זיינען אריין...

זי האט א ציטער געגעבען. דער לעצטער טאן האט זיך איבערגע־ריסען און איז זיפצענד פערשטארבען געווארען.

זי האט א קוק געגעבען אויף איהר מאן... ער איז געלעגען שטיל...

א קאלטער שוויים האט בעדעקט איהר פּנים; זי איז צו־געלאפען צום בעטעל...

„מאיר!!"

ער איז געוועזן טויט.

---

# „גוד נייט, אלד מען!"

ערשט צוויי וואכען זיינען אריבער זייט אייבערעם לעווינסאן האט בעקומען א בוך אין א לעבענס־פערזיכערונגס קאמפאניע און איז געווארען פאר דיעזער קאמפאניע א געלד־אויפמאנער.

אייבערעם לעווינסאן איז אלט דריי און דרייסיג יאהר, פערהייראט און האט צוויי קליינע קינדער. אין אמעריקא איז ער שוין צוועלף יאהר. אייבערעם האט שוין פאר די צוועלף יאהר געקאנט זיעבציג פרנסות. ער האט שוין געארבייט ביי העמדלעך, ביי הויזקעס, אין א פאבריק פון שרויפען, געווען א וועכטער ביי נייגעבויטע הייזער, געפעדעלט מיט טיי און קאפע, געהאט א ציימונג־סטענד, א קענדי־סטאר, א דעליקאטעסען סטאר, געפרואווט ווערען א מעקלער, געפעדעלט איבער די שעפער מיט געזאלצענע בייגעל און מיט סאדא־וואסער, געווען אן אגענט פאר א פירמע, וואס האט פערשפרייט עפעס א נייעם מין סארט זייף צום פערניכטען זומער־שפרינקלעך און אנדערע מכות, געווען אן אגענט פאר די זינגער נעה־מאשינען און האט זיך אימער געמאטערט מיט'ן טויט.

דערוויילע האט ער חתונה געהאט... די ווייב האט איהם שוין מנדב געווען פיער קינדערלעך. צוויי האט ער שוין בעגראבען. צוויי לעבען. אייבערעם בעלאנגט צו א פאר פעראיינען, און גארנישט, און די טעג און די יאהרען לויפען!

אצינד איז ער געווארען א קאלעקטאר. שוין צוויי וואכען אז ער ארבייט דאביי, און ער האט פאר די צוויי וואכען נים שלעכט

אויסגעמאכט. און אייבערעם איז דערוויילע גאנץ צופריעדען מיט זיין נייער פרנסה.

אט איז א׳ן אבענד. עס איז פסח צייט. דאס וועטער איז אנגענעהם און שיין. לעווינסאן האלט אין ענדיגען זיין קלייבען און ער טראכט שוין צו געהן אהיים.

גוטע געפיהלען ברייגגען מיט זיך גוטע געדאנקען. און לע־ווינסאן איז שטארק פערטראכט; און וואס פאר א טייערע, וואס פאר א זיסע מחשבות דאס זיינען! אה, דעם מענשען׳ס רעיונות, ווי הויך און ווי ווייט זיי קענען פליהען...

„מיט דער צייט, ווען ער וועט זיך מעהר איינארבייטען אין זיין נייער בעשעפטיגונג, וועט ער געוויס נעמען פערדינען מעהר, וועט ער אבשפארען עטליכע דאלאר און אוועקשיקען אין קאנטרי זיין ווייב מיט די קינדער. די קינדערלעך זיינע זיינען אזוי בלאס. עס איז אין זיי גאר קיין טראפען בלוט ניטא. וועה, וואס פאר א רחמנות אויף זיי איז. און די פרוי? אויך, נעבאך, זעהר א שוואַ־כע! אין דארף וועלען זיי דארטען אלע ווערען פריש און געזונד און ווען זיי וועלען קומען צוריק, וועלען זיינע קינדערלעך האבען רויטע בעקלעך... און די פרוי וועט אויך אויסקוקען שיין און געזונד״.

איין פאנטאזיע ענדיגט זיך און ער פאנגט אן א בעסערע, א גליקליכערע פאנטאזיע:

„די גאנצע וואך איז ער ניט פערנומען. א פאר טעג אין וואך איז ער אין גאנצען פריי. מען דארף נעמען די צייט ריכטיג בע־נוצען. ער וועט זיך אקארשט נעמען לערנען. די צוועלף יאהר, וואס ער איז אין אמעריקא, האט ער עפעס אין גארנישט פער־בראכט, און האט זיך זאגאר ניט אויסגעלערענט די ענגלישע שפראך. אבער דאס, וואס איז פערביי, איז פערביי. יעצט וועט ער זיך אבער נעמען מיט נייע קרעפטען, ער וועט זיך געשמאק א נעהם טאן פאר׳ן לערנען. האט ער זיך דען ניט געלערענט א מאל אין רוסלאנד מיט אזא פלייס, מיט אזא התמדה? ער האט געהאט טייערע פעהיגקייטען. ווארום זאל ער עס יעצט ניט קאנען? יע, ער

וועט זיך נעמען פאר דער ארבייט. א יאהר, העכסטענס צוויי, און ער וועט זיין גרייט אום אנצוקומען שטודירען אלס דאקטאר, און ער וועט אנקומען... נו, מען מוז דאך קומען צו עפעס א שטי־קעל תכלית. אייביג פערבלייבען אן אגענט, אייביג ארומשלעפען זיך און קלאפען אין די טירען איז אויך א קנאפער גליק. און דא ווערען קינדערלעך עלטער. די פארדערונגען ווערען גרעסער. מען מוז די קינדער געבען עפעס א רעכטע ערציהונג. ביי זיין יעצטיגער ארבייט קאן מען עס ניט האבען... יע, ער וועט ווערען דאקטאר, ער וועט ווי עס איז אבשפארען געלד. צייט האט ער".

און לעווינסאן זעהט שוין אין זיינע רעיונות, ווי ער איז א דאקטאר, ווי ער לעבט שיין און גוט און דער ווייב דערגעהט, און די קינדערלעך שטודירען און נעהמען לעקציעס אין מוזיק... נור אט איז שוין דאס הויז, וואו ער דארף מאכען זיין לעצטען „וויזיט". ער געהט אריין אין האָל, קלינגט אן, מען עפענט די טיר, ער געהט ארויף, און מען בעצאלט איהם דאס, וואס איהם קומט.

„גוד נייט" (א גוטע נאכט)! זאגט לעווינסאן גאנץ צו־פריעדען.

„גוד נייט, אלד מען" (גוטע נאכט, אלטער מאן)! ענטפערט מען...

עפעס האט גלייך א ריס געגעבען לעווינסאן'ען אין סאמען הארצען. „אלד מען!" אן ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט מען איהם אזוי אנגערופען... „יאנג מען" רופט מען איהם אימער, אבער „אלד מען" ? ניט שוין זשע קוקט ער אוים אזוי אלט, אז מען דארף איהם רופען „אלד מען" ? ווען איז דאס געווארען ? ווען איז ער דאס געווארען אן „אלד מען" ?

לעווינסאן האט געענדיגט דאס קלייבען און איז גלייך אהיים אוועק... די זיסע פאנטאזיען האבען איהם פלוצלונג פערלאזען... עפעס האט ער גענומען פיהלען אזא מאדנע שווערע משא אויף'ן הארצען. ער האט ווייטער געפרובירט צו פאנטאזירען, אבער עס

האט זיך עפעס ניט געפאנטאזירט און דעם אגענט האט גענומען מאטערען אזא שווער, שווער, האפנונגסלאז געפיהל.

לעווינסאן האט זיך פערטיעפט אין געוויסע רעכנונגען, וועלכע האבען בעלאנגט צו זיין ארבייט, און ער האט זיך אויף אלעס פערגעסען.

אט קומט דער אגענט אהיים.

די קינדער, די ווייב, סאפער, טהעע, געוויינליכע סצענען, געוויינליכע געשפרעכען און איהם איז ניט מעהר ארויף אויף'ן זינען דער „גוד נייט, אלד מען".

נור אט האבען זיך אלע צולעגט שלאפען. אין הויז איז שטיל געווארען. לעווינסאן האט זיך ארומגעקוקט; וועה, וואס פאר א דלות עס טראגט זיך פון יעדען ווינקעלע... וואס פאר א ביטערע, שטיקענדע נויט!...

דאס הארץ נעהמט איהם וועה טאן.

ערווארפט א בליק אויף דער פרוי: ליעגט א געלע ווי א וואקס, א האלבע א טויטע... און די קינדערלעך, ווי דאר, ווי מאגער, ווי בלאס.....

ער געהט אריין אין פראָנטרום, צינדט אן די גאז, און זעצט זיך אוועק אין שאקעלשטול. א מידקייט אין אלע גליעדער דערפיהלט דער אגענט, די פיס זיינען ווי אפגענומענע...

„גוד נייט, אלד מען", טוט איהם א זאג א בייזע, א גיפטיגע שטימע. „גוד נייט, אלד מען!"

דעם אגענט טוט א ריס אין הארצען.

„וועסט בלייבען אן אגענט, אלד מען", רעדט די זעלבע שטימע, „בייזט שוין צו אלט צו נעהמען זיך פאר עטוואס אנדערס, וועסט ביז דיין רעכטען טויט ארומקלעטערען איבער די שטיגען און קלייבען געלד פאר א קאמפאניע... וועסט ווערען שוואכער און שוואכער. די פיס וועלען אויפהערען צו דיענען און דו וועסט אויך צו דיעזער ארבייט ניט טויגען... דער דלות וועט ווערען שטארקער און שטארקער. די ווייב קראנקער, די בלאסע קינדער וועלען איין שאפ צו דער מאשין אוועקגעהן".

אה, וואס פאר א שרעקליכע שטימע!

דער אגענט זיצט אן אונגליקליכער, א פערציטערטער און ער פיהלט, אז ער איז אזוי שוואך, אזוי צובראכען, אז ער איז שוין ווירקליך אן „אלד מען"....

געגען איהם איז א שפיגעל און ער טוט אויף זיך א בליק... אלט, אלט קוקט ער אויס! דאס געזיכט איז שוין אין פיעלע ער־טער צוקנייטשט, די אויגען זיינען טיעף איינגעפאהרען אין די אויגען־לעכער. ער געהט צו נעהנטער צום שפיגעל, קוקט זיך צו בעסער און ער דערזעהט גרויע האר אין זיין קאפ... וועה, וואס גרויע האר!

א ווייל ע שטעהט ער נעבען שפיגעל, גיט א טיעפען זיפץ און זעצט זיך ווייטער אין שאקעלשטול.

„ווי שנעל מען ווערט עס אלט אין אמעריקא", האט לעווינ־סאן א מורמעל געגעבען און א ביטערען שמייכעל געטאן.

„גוד נייט, אלד מען!" האט ער דערהערט די זעלבע טרויע־ריגע שפאטישע שטימע...

דער אגענט האט זיך פערטראכט און שטילערהייט גענומען זינגען:

„ווסיא קאנטשענא, ווסיא קאנטשענא,
סיעדעיעט גאלאווא", א. ז. וו.

און זינגענדיג דאבען איהם גענומען טרערען שטיקען...

❧ ❧ ❧

# ניט דערקאנט.

אז רייזעל האט ערוואַרטעט דאס אריבערקומען פון איהר מו־טער פון דער אלטער וועלט אהער, צו איהר, נאך ניו־יארק, האב איך געוואוסט; נור די ריכטיגע צייט, ווען דער גאסט דארף אנקומען, איז מיר געווען אונבעקאנט.

אין איין שיינעם פריהמארגען פאלט צו מיר אין הויז אריין טאקע די רייזעל, און נאך איהר אויפגערעגטען געזיכט איז געווען לייכט צו מערקען, אז דער גאסט איז דא.

„געקומען די מאמע ?" האב איך געפרעגט.

„געקומען", האט רייזעל געענטפערט און איהרע אויגען האַ־בען געבלישצעט.

„וואו איז זי ?"

„דאס דארף איך זי געהן ארונטערנעהמען פון שיף", האט רייזעל געענטפערט און ווארפענדיג אויף מיר א בליק פול מיט געבעט האט זי מוסיף געווען:

„איך בעט אייך, קומט מיט מיר, אויב איהר האט צייט".

צייט האב איך געהאט גענוג, בין איך אוועק מיט רייזלען ארונטערנעהמען איהר מוטער פון שיף.

די בעגעגענים פון דער טאכטער מיט דער מוטער האט אויף מיר געמאכט א שטארקען איינדרוק און איך וועל אט דיעזע בע־געגענים פערצייכנען צווישען מיינע כתבים.

ווער איז די רייזעל ?

זי קומט פון דער זעלבער שטאדט, פון וועלבער איך קום,

דאס הייסט זי איז מיינע א לאנדסמיידעל און איך קען זי זעהר גוט נאך פון דער היים.

אין דער היים, אין אונזער קליינעם פערוואָרפענעם שטעד־טעל האָט זי געהייסען רייזעל, אזוי ווי איך רוף זי יעצט; דא, אין ניו־יארק, רופט מען זי מיס גלעס. און נור איך רוף זי מיט איהר היימישען נאמען.

איהר פאטער האט געהייסען חיים דער אגאראדניק.

אגאראדניק איז א קאצאפיש ווארט, אויף אונזער לשון להבדיל, וואלט ער הייסען א גערטנער. דאס הייסט, חיים בער־דעם אגאראדניק׳ס בעשעפטיגונג איז געווען, וואס ער פלעגט זו־מער האלטען גערטנער און פלעגט פערקויפען אוגערקעס, קאר־טאפעל, בוריקעס, קרויט, א. ז. וו.

רייזעל, חיים בער׳ס עלטערע טאכטער, פלעגט איהר טאטען העלפען בעארבייטען די גערטנער און די מיידעל פלעגט גאנצע זומערס געפינען זיך אויף דער פרייער לופט, אונטער דער ברע־נענדער זון, אונטערן ווייטען, ווייטען, ברייטען, בלויען הימעל, אויף די בייטען צווישען די שמעקענדע, בליהענדע גרינסען.

רייזעל איז געווען ניט קיין שיינע, נור געזונד איז די מויד געווען ווי א מויער.

דאס געזיכט פערברוינט, פער׳שרף׳עט פון דער זון, דאך פריש און געזונד, פול מיט לעבען, פול מיט בלוט.

די הענד פערגרעבט, צוקאליעטשעט פון דער שווערער ערד־ארבייט, אבער דערפאר די מוסקולען — געוועבטע, דיקע קאנאטען.

פון דער נאטור זעהר אן איינפאכע, אבער זארגלאז, פרעה־לעך, לעבעדיג!

האט זי זיך צולאכט, האט איהר געלעכטער געקלונגען ווי פון גלאקען; האט זי גערעדט, האט זי ניט אנדערש ווי געשריען מיט א הילכיגער, פרייער שטימע...

און דעם גארטען, די פוכיגע בייטען, די גרינסען, די לופט, דאס ליכט, דעם פרייען קלארען הימעל, — דאס אלעס האט רייזעל ליעב געהאט מיט איהר גאנצער, איינפאכער, געזונטער נשמה.

חיים בער דער אגאראדניק איז אבער געוועז א קבצן גדול. קיין גרויסען נדן פאר זיין טאכטער האט ער ניט אנגעגרייט, און ווען ער האט איינגעזעהן, אז עס איז שוין צייט צו טראכטען וועגען א שידוך פאר רייזלען, האבען איהם שדכנים געגעבען צו פערשטעהן, אז זיין רייזעל איז גאר א קנאפע סחורה.

איז חיים בער אין כעס געווארען און האט א מעשה אפ־געטאן.

ביי אונז אין שטעדטעל האט מען געוואוסט, אז אין אמערי־קא זיינען מיידלעך טייערער ווי גין־גאלד. ביי אונז האט מען גע־וואוסט, אז אין אמעריקא דארפען מיידלאך גאר ניט דאגה'נען זיך וועגען נדן. פערקעהרט, די כלה'ס קריגען דארטען נדן פון זייערע חתנים. אויך האט חיים בער דער אגאראדניק געהערט, אז אין ניו־יארק איז א געזונדע מיידעל א זעלטענהייט, גאר ניט צום אויפ־זוכען. האט ער זיך מישב געווען און אוועקגעשיקט רייזלען קיין אמעריקא.

איז רייזעל נאך ניו־יארק געקומען און דא איז די מיידעל געווארען א נעהערין אין א אידישען סוועט־שאפ.

אוי, איך וויים אליין ניט וואס מיט מיר איז. צו יעדען מאל, צו יעדען מאל, ווען עס דערמאנט זיך מיר וועגען דעם אידישען סוועט־שאפ, טוט מיר עפעס א ריס אין הארצען...

רייזעל איז געווארען א שאפ־מיידעל און האט בשותפות מיט נאך א מיידעל געדונגען א וואהנונג אין א בעזונדערן צימער, ערגעץ וואו אין מאנטגאמערי סטריט, צום הויף צו.

אוים ברייטער, פרייער גארטען, אוים גרינסען, אוים זון, אוים ליכט, אוים לופט, אוים פרייער, טיעפער שיינער הימעל ! ווענד !

בייטאג די ווענד פון דעם פינסטערען סוועט־שאפ, ביי נאכט די ווענד פון דעם צימער...

אוים ליכט !... אוים זון !... אין שאפ ברענט די גאז ביי טאג, אין צימער ברענט א לאמפ ביי נאכט...

אוים הימעל ! אין שאפ הייגגט איבער די רעכטע פענסטער

א שרעקליכע, פינסטערע וואנד... און אין איהר צימער הייגט איבער דעם איינציגען פענסטער די זעלבע שוידערליכע וואנד!

רייזעל האט גענומען דארער ווערען, בלאסער ווערען...

די ברענענדע זון האט מעהר ניט געברענט איהר פנים, האט אבער אויף איהר דער סוועט־שאפ גענומען לעגען זיין שרעקליכען שטעמפעל.

שטילער איז געווארען איהר פרייער, הילביגער געלעכטער... שטילער און זעלטענער... ביז ער איז אין גאנצען פערשטילט גע־ווארען און עס איז נור געבליעבען א הערצרייסענדער, מעלאנכא־לישער שמייכעל אויף די ליפען...

און רעדען האט רייזעל אויך מעהר ניט גערעדט הויך... נור מיט א שטימע, וועלכע עראינערט אן א שאף, אן א באס און אן א פארליידי.

א שטימע, וועלכע איז פול מיט אונטערטעניגקייט, וועלכע איז געשמידט אין קייטען...

ביז וואנען פון דער געזונדער קליינשטעדטעלדיגער מויד איז געווארען א געוויינליכע, געלבליכע, אויסגעדארטע שאפ־מיידעל, האט עס גענומען א משך פון גוטע אכט יאהר.

פאר דער צייט איז רייזעל'ס פאטער דארטען אין דער היים געשטארבען. און זיינע קינדער האבען די מאמען אוועקגעשיקט צו דער שוועסטער אין אמעריקא.

און אצינד בין איך דאס געפאהרען מיט רייזלען ארונטער־נעמען די מוטער פון שיף.

מיר זיינען געקומען אויף עללים איילענד.

טרערען! טרערען! ! טרערען! ! ! אי, וואס טרערען עס פליסען אויף דיעזער קליינער אינזעל... וואס טרערען, וואס אונגליק, וואס צרות, וואס פריידען, וואס גליק... א הערצרייסענדע בעגע־גענים פון צוויי גאנצע וועלטען... עס וויינען מוטערס... עס וויינען קינדער... חתנים... כלות... פריינד... פארביי! פארביי לאמיר געהן...

אט איז זי רייזעל׳ס מאמע... אן עלטערע, אבער גאנץ גע־זונטע פרוי, געזינטער פון דער טאכטער יעדענפאלס...

„מאמעניו !“ שרייט אוים רייזעל...

און די מוטער בלייבט שטעהן אן ערשטוינטע... קוקט אן איהר טאכטער מיט טעמפע בליקען...

די מוטער דערקענט ניט איהר קינד...

„מאמעניו, דערקענסטו מיך ניט ?“...

און די מוטער׳ס אויגען צייגט זיך א שמערצליכער שרעק, זי קוקט נאך אימער אן איהר קינד און א שטומער איבערראשונג...

„מאמע !“

„רייזעניו... מיין קינד... וועה... ווי דו קוקסט אוים... ביזט קראנק ?“...

מיט א טיעפען קרעכץ איז די מוטער געפאלען דער טאכ־טער אויף׳ן האלז...

ביידע האבען געוויינט...

און פאר מיינע אויגען האט געשוועבט יענע רייזעל, וועלכע איך האב געקענט אין דער היים, יענע רייזעל, וועלכע די מאמע האט וואהרשיינליך געזוכט מיט איהרע אויגען... פאר מיינע אויגען האט געשוועבט דער אידישער סוועט־שאפ...

איך האב געפיהלט, אז איך ווער דערשטיקט פון טרערען.

# דער ענטפער.

א שפעטיגע שטונדע פון א זומער־נאכט.

א שמאל, לאנגליך צימער...

זי זיצט מיט א פעדער אין האנד איבער א בויגעלע פאפיער... טיעף פערטראכט איז זי... און בלאס איז איהר פנים, בלאס ווי ביי א טויטען...

נור די אויגען ברענען...

פון דאך הערט זיך א געזאנג.

אין א זומערדיגער הייסער נאכט קלייבען זיך צוזאמען די שכנים אויף'ן דאך, אויף דיעזער ניו־יארקער קבצן'ישער „דאטשע".

די עלטערע רוהען, שלאפען, דאס יונגוואַרג שטיעפט, — מען רעדט, מען לאכט און מען זינגט ביז שפעט אין דער נאכט אריין.

יעצט זינגט עפעס א מיידעל.

א זיסע טרויעריגע שטימע.

זי זינגט די רוסישע פעסניע:

„יא ווידיעל בעריאזו,

„סלאָמילאַס אנא", א. ז. וו.

ביי דער, וואס זיצט אין דעם צימער, פאלט ארויס די פעדער פון האנד... זי הערט זיך צו צום געזאנג... א ווײלע זינגט זי מיט:

„יא ווידיעל בעריאזו,

„סלאָמילאַס אנא".

און איהרע אויגען פערלויפען מיט טרערען...

זי האט ווייטער גענומען די פען אין האנד...

איין ווארט דארף זי בלויז אנשרייבען.

„יא“ אדער „ניין“.

אזוי האט ער זי געבעטען.

נאך א מאל נעמט זי לעזען זיין בריעף:

„ליעבענסווירדיגע פריילין ראזי גרינבויגען.

„איך וועל זיך אייך ניט ערקלערען אין א ברענענדער ליעבע, איך האב ניעמאלס און צו קיינעם ניט געפיהלט אזא ליעבע, און איך גלויב אין איהר ניט. אלעס וואס איך וויל אייך זאגען איז, אז איך האב איינגעזעהען, דאס איהר וואלט געווען זעהר א פאסענדע פרוי פאר מיר; איך וואלט מיט אייך געווען פאלקאם גליקליך... מיך קענט איהר גוט און אלעס וואס איהר האט צו טאן איז צו ענטפערען איין ווארט „ניין“ אדער „יא“.

„אייער ערגעבענער ס. זאנגען“.

יא, זי האט איהם געקאנט,ווירקליך געקאנט זעהר, זעהר גוט, און זי האט איהם זעהר, זעהר ניט ליעב געהאט...

אבער זי האט ניט געוואגט צו ענטפערען: „ניין“.

עס האט זי צו דעם שידוך ניט געטריבען קיין בייזער פאטער, קיין אונגליקליכע מוטער.

זי איז געווען פריי צו האנדלען, ווי זי האט נור געפונען פאר נויטיג...

איהר ארעם הארץ האט כסדר גע׳טענה׳ט: ניין! ניין! ניין!

דאך האט זי מורא געהאט צו ענטפערען דאס „ניין“.

* * *

א מאל איז אין א קליינעם ליטווישען שטעדטעל געוועזען א מיידעל מיט דעם נאמען רייזעל.

א צונעמענים האט די רייזעל געהאט; מען האט זי גערופען: „בעריאזע“, דערפאר ווייל די מיידעל איז געוועזען געוויקסיג, געזונד, „סטראינע“ ווי א שיינע בעריאזע.

עס האט פאסירט אן אלטע געשיכטע:

די עלטערן האבען זי געוואלט פערשלייערען מיט עפעס א חתן, וועלכען זי האט ניט ליעב געהאט...

קעמפפען מיט איהרע עלטערן איז איהר געוועזען צו לאנג־ווייליג, איז זי נאך אמעריקא אוועק...

דא איז זי אוועק אין א סוועט־שאפ...

צוועלף יאהר זיינען אריבער...

ווערה, וואס די ניו־יארקער פאבריקען מאכען פון א מענשען !

ניט אומזיסט זיינען ראזי'ס אויגען בעגאסען געווארען מיט טרערען, ווען זי האט געהערט זינגענדיג :

„יא ווידיעל בעריאזו,

„סלאמילאם אנא"...

איבערגעבראכען איז געווען די בעריאזע...

די אייגנע פאבריק האט צובראכען, מערדערליך צובראכען דעם געזונדען בוים.

שוואך איז יעצט ראזי געוועזען... אזוי שוואך, אז זי האט קוים, קוים כח געהאט צו לעבען.

הויך, דאר, מאגער, א סקעלעט!

קיין שיינע איז זי קיינמאל ניט געוועזען, יעצט איז זי גע־וועזען כמעט ווי העסליך.

דאס פנים בלאס־געל, די אויגען אביסעל איינגעגראבען... די שטערן און די באקען אזוי ניש'קשה'דיג צוקנייטשט, צוויי און דרייסיג יאהר איז זי אלט, אבער זי קוקט אויס ווי פון פערציג...

צוועלף יאהר, אז זי ארבייט אין סוועט־שעפער !

ארבייטען האט זי מעהר קיין כח ניט, אבער וואס דען זאל מען טאן ?

די ארבייט האסט זי ווי דעם טויט. יעדען אבענד, ווען זי קומט פון דער ארבייט, שוידערט איהר ביי דעם געדאנק, אז מאר־גען וועט זי צוריק דארפען געהן צו דער ארבייט... אבער וואס קאן מען בעסער מאכען ? !

חתונה האבען ?

עס זיינען דא אויף איהר ניטא קיין בעלנים... ווער דארף עס האבען א קראנקע אויסגעמאטערטע מיידעל ?

קיינער ניט !

אמאל האט זי לייכט געקאנט קריגען א חתן... האט זי אויסגעקליבען. זי האט געוואלט נור ליעבען...

א פאר מאל האט זי יע געליעבט, האט מען זי ניט געליעבט.

און די צייט האט זיך געצויגען... און די פאבריק האט כסדר געטאן איהר מערדערליכע ארבייט !

איין איבערגעבראכענער בוים איז זי יעצט !

עלענד !

זי האט דא קיינעם ניט !

די בעצאהלטע בעל הבית'טע פון איהר קווארטיר טוט נור א פריינדליכען שמייכעל, ווען מען בעצאלט איהר פאר דער דירה, ווייטער אינטערעסירט זיך מיט איהר קיינער ניט... אפילו פאר די באסעס ווערט זי אויס סחורה... זי בעמערקט, אז אפילו אין דיעזע גריבער איילט מען זיך אויף איהר ניט... ניט ווי אמאל, ווען פון איהרע באקען האט בלוט געשפריצט.

וואס ערווארטעט זי ?...

ניט איין מאל ווערט נאס פון טרערען דאס קישעלע, אויף וועלכער ראזי שלאפט.

* * *

שטונדען לאנג, אז זי האלט שוין די פעדער אין האנד. זי האט אויפגעשריעבען די ווערטער :

„ווערטהער הערר זאנגען... איך האב אייער בריעף בעקומען... איך פאלג אייך און איך ענטפער אייך אייןווארט :..."

ווייטער קאן זי ניט שרייבען... די פעדער ציטערט אין האנד און זי קאן ניט אויפשרייבען דאס „איין ווארט".

ניט ליעב האט זי איהם !

זי האט פיינט זיין פיזיאנאמיע, זיין פליכעוואטען קאפ, זיין קאלט לעבענסלאז פנים... זיין קאלטען שמייכעל... זי האט איהם ניט האלט... ניט האלט !

זאל זי ענטפערן : „ניין ?"

נו, און וואס וועט מיט איהר זיין ?

אפשר וועט זיך אזא גוטע געלעגענהייט מעהר קיין מאל ניט מאכען ?

דאס איז דער איינציגער מאן, וועלכער האט איהר געמאכט אזא פארשלאג...

זי וועט איהם פערלירען... און וואס וועט פון איהר ווערען ?

האט דען מיט איהר איינינע מאל שוין ניט פאסירט, אז זי האט בעשלאסען אריינצוואווארפען זיך יעדען איינציגען אין די הענד, אבי צו בעפרייען זיך פון דער אייביגער, אייביגער, שרעקליכער פאבריק ?

זאל זי ענטפערן : „ניין ?"

ער איז א פערדיענער...

איהר ערוואַרטעט ניט קיין גליק; ברויט וועט זי אבער האָבען... זי וועט ווערען א פרוי... זי וועט אפשר האבען א קינד... וועט ווערען א מוטער, וועט ליעבען... וועט ערציהען איהר קינד... און וועט קריגען א נייע אינטערעס אין לעבען...

זאל זי ענטפערן „יא ?"

אוי, זי האט דאך איהם אזוי ניט ליעב !

„ניין" ?

ווייטער די פאבריק !

און ווי שוואך זי פיהלט זיך !

און יענע רחמנות'דיגע בליקען, מיט וועלכע מען קוקט אויף א מיידעל, וועלכע האט ניט געהאט דאס גליק אדער די בריה'שאפט אזוי גיך אויסצובריינגען זיך...

פוי, אט די בליקען... ווי שלעכט זיי זיינען !

„יא" ?

אך, ווי ביטער !...

פון דאך האט די זעלבע שטימע ווייטער גענומען זינגען אזוי זיס, אזוי טרויעריג :

„יא ווידיעל בעריאזו,

„סלאָמילאם אנא“...

„יע“, האָט זי נערוועז א מורמעל געגעבען, „יע, סלאַמילאם — צובראכען... די בעריאזע איז צובראכען... צובראכען... צובראכען...

פּלוצלונג האט זי זיך אנגעצונדען ווי מיט א פיבער... איהרע באקען האבען גענומען ברענען... די אויגען פינקלען...

זי האט פיבעריש געכאפּט דאס פּאפּיער אין האנד, אויפגעשריבען : „יא“, פער׳חתמ׳עט דעם בריעף אין א קאנווערט, אנגעשריבען די נויטיגע אדרעסע, און איז ווי א משוגענע ארויסגעלאפען פון צימער...

איבער דער גאס איז זי געלאפען אזוי ווי פון א שרפה, צו דעם ערשטען בריעף־קאסטען איז זי צוגעלאפען... אריינגעווארפען דעם בריעף און צוריק גענומען לויפען...

ווען זי איז געקומען צוריק אין איהר צימער, האט זי זיך אוועקגעזעצט אויף דעם זעלבען שטול, וואו זי איז געזעסען פריער...

א ווייל איז ראזי געבליעבען זיצען ווי א פערשטיינערטע... נאכהער האט זי גענומען שטילערהייט זינגען :

„יא ווידיעל בעריאזו,

„סלאָמילאם אנא“...

און זינגענדיג האט זי זיך צואוויינט...

# לעבעדיג בעגראבען.

ער איז לעבעדיג בעגראבען...

א רוסיש־אידישער אינטעליגענט איז ער, אבער ניט אויף דעם ווייטען קאלטען סיביר איז ער בעגראבען.

דא אין ניו־יארק, אויף א א פרייער בריימער גאס געפינט ער זיך א פערהאפטעטער...

זיין טיורמע איז אויף'ן ערשטען בליק שווער צו דערקענען. מען דארף זיך צו איהר גוט צוקוקען, גוט זי בעטראכטען, און דאן זעהט מען, אז דאס איז אזא מין שרעקליכע פעסטונג, אז אליין דער אשמדאי וואלט ניט געקאנט קיין ערגערע אויסטראכטען.

עס איז א מאדערנער ניו־יארקער אסטראג!

קוקט אוים, דאכט זיך, ווי א שיינע, פיין פערפוצטע אפטייק און אינעווייניג איז בעשעפטיגט אן אפטייקער, אבער דאס איז נור א פערבלענדעניס, אין דער ווירקליכקייט איז דאס אן אסטראג און אינוועניג מאטערט זיך אן ארעסטאנט.

די טיר פון דעם אסטראג איז ניט פערשלאסען. עס זיינען ניטא קיין אייזערנע ריגלען, א קליין קינד קאן עס עפענען... אבער עס מאכט ניט אוים, דער ארעסטאנט וועט דעם שוועל ניט אריבער־טרעטען.

אויף קייטען איז ער ניט צוגעשמידט, עס גיבען אויף איהם ניט אכטונג קיין וועכטער, אבער דער ארעסטאנט וועט ניט לויפען. ער געהט דא אוים ווי א ברענענד ליכט, און ער וועט דא פערבלייבען לעבעדיג בעגראבען, ביז דער טויט, דער אלגעמיינער בעפרייער, וועט קומען צו זיין הילף.

דאס איז א מאדערנע טיורמע!

א מאדערנער ארעסטאנט!
דעם טייפעל'ס בייז שפיעל...

* * *

וואס טוט דער אינטעליגענטער יונגער עמיגראנט אין ניו יארק, ווען עס פאנגען אן דונקלער צו ווערען די ליכטיגע האפ־נונגען און אפצוקיהלען די ברענענדע שטרעבונגען, וועל־כע האבען איהם אמאל מיט דער קראפט פון א ווילדען שטורם געשלעפט נאך דאס ברייטע, פרייע לאנד? מיט איין ווארט, ווען דער ביטערער קאמפף פאר'ן שטיקעל ברויט שלאגט ארויס אלע „נארישקייטען" פון דעם קאפ און עס הויבט זיך אן צו טראכ־טען וועגען א שטיקעל תכלית?

וואס טוט מען?

זינגער'ס נעה־מאשינע? עס איז א קנאפער צוועק אין לעבען... עס איז עפעס צו גראב, צו דום, צו איינפאך.

אן אגענט אין א וועלכער עס איז פערזיכערונגס־קאמפאניע? ווייט ניט קיין זיסער ביסען.

מען דארף קלאפען אין די טירען, לייזען הונדערט מאל א טאג האלז־און־אקען... שנארען... לייגען... מאכען זיך צו חרפה און צו שאנדע פאר'ן שטיקעל ברויט, אבער טאקע ניט מעהר ווי פאר'ן שטיקעל טרוקענעם ברויט...

ניין, עס איז עפעס אויך א קנאפער תכלית!

א צייטונגס־סטענדיל קויפען? דאס איז כמעט דאס זעלבע ווי געהן איבער די הייזער בעטלען. א קענדי־סטארקע — דאס איז עפעס ניט געלעבט און ניט געשטארבען, — דאס הייסט זיין א שטי־קעל קרעמער און דאך ליגען טיעף אין דער ערד.

געבען שטונדען אין ענגליש?

יא, דאס איז שוין ניט אזוי שענדליך. אבער וואו קריגט מען די שטונדען?

עס זיינען ב"ה אין ניו יארק דא צווישען די אידישע עמיג־ראנטען הונדערט לעהרער אויף יעדען שילער, וואס וויל זיך לער־נען דעם לשון פון לאנד און וויל דערפאר בעצאלען.

און ווען מען קריגט שוין די שילער, איז דאס זעהר ניט א זיכערער ביסען, א קדחת־פרנסה, היינט פערדיענט מען און מארגען קומט אוים צו לייגען די ציינער אויפ'ן בוידעם... עס איז ניט גוט! וואס טהוט מען? וואוהין ווארפט מען זיך?!

העבט מען אן שטודירען, מען העבט אן שטרעבען צו ווערען א דענטיסט, א דאקטאר אדער אין ערגסטען פאל א פארמאצעפט...

א דענטיסט איז דאך גאר א גאנצער גליק, רייסען ציינער אין ניו יארק איז א גאלדענע פרנסה.

א דאקטאר איז אויך גוט. ווי דעם דאקטאר זאל ניט געהן שלעכט, מאכט ער דאך א בעסער לעבען פון א פרעסער אדער א שטעפער, ווייטער איז דאס פארט ניט אזוי הינטיש ווי צו זיין אן אגענט... עס איז דאך פארט א שיינע „אינטעליגענטע" פרנסה.

און אפילו גאר דאס לעצטע אן אפטייקער, איז אויך ניט אזוי שלעכט, ווער רעדט ווען מען פערלעבט זיך אויף אן אייגענעם אפ־טייקעל, איז דאך געוויס גוט...

עס איז אויך א שיינע פרנסה!

מיסטער מארכאָוו, טאקע דער זעלבער יונגער מאן, וועלכער איז עס יעצט לעבעדיג בעגראבען, האט אויסגעקליבען דאס לעצ־טע. ער איז אוועק שטודירען פארמאציע.

ניט לייכט איז עס איהם אנגעקומען. קיין גרויסע קענטעניס דארף מען אפילו צו דעם ניט האָבען, אבער מארכאָוו איז ניט גע־זעסען אויף „סטיפענדיע". ער האָט אין דער צייט פון זיין שטודירען געמוזט אויך פערדיענען זיין ברויט, פערדיענען אויף ביכער, האָט ער ניט דערשלאפען פיעלע, פיעלע נעכט און האָט געארבייט מיט די לעצטע קרעפטען.

א געליעבטע האָט ער געהאט, א יונגע, שיינע סאפיעלע, מיט שיינע פערטראכטע אויגען.

סאפיע האט אויך געארבייט אין א פאבריק, אויסגעהאלפען איהר געליעבטען מיט מוט, ראט און טהאט.

מארכאָוו איז פראוויזאר געווארען!

א צייט האָט ער ניט געקענט קריגען קיין שטעלע, פלענט אר־

בייטען בלויז שטונדען אין פערשיעדענע אפטייקען, און האט זיך געפלאגט.

ענדליך האט ער א שטענדיגען פלאץ געקראגען און גענומען פערדיענען צוועלף דאלאר א וואך.

סאפיע האט דערווייל אויך געארבייט און מארכאוו און זיין געליעבטע האבען גענומען געלד שפארען, מען האט אבגעשפארט עטליכע הונדערט דאלאר און מארכאוו האט ענדליך אן אפטייק געקויפט...

ערגייכט דעם ענדליכען צוועק, אין גן עדן אריין!

אבער אן אפטייק קריגט מען ניט אין ניו יארק אזוי ביליג. עס האט בעדארפט קאסטען פיעל, פיעל מעהר ווי עס האט בעטראפען מארכאוו'ס קאפיטאל. איז ניו יארק אבער אזא שטאדט, וואו מען האט ליעב אויסהעלפען און מען לאזט א מענשען ניט פערפאלען געהן...

עס איז דא אן אינסטאלמענט סדרה, עס זיינען דא מארט־געדזשעס און וועקסלען.

מארכאוו איז אן אפטייקער געווארען, א פיינע אפטייק איינגעפיקסט, נור גארנישט... ער האט בעדארפט צאלען און צאלען, און ער האט אויסגערעכענט, אז ער וועט אזוי צאלען פינף יאהר, וועט ער האבען אן אייגענע אפטייק.

מארכאוו האט יעצט גענומען לעבען א פאמיליען־לעבען.

נו, אויף וואס זאל מען וייטער ווארטען? ווייניג געווארט, וואס?

אין אפטייק איז קיין וואהנונג ניט געווען, האט מארכאוו מיט א פאר בלאק ווייטער פון זיין אפטייק געדונגען א פאר־סענדע דירה און פערפוצט א פיינע וואהנונג פאר זיין יונגער פרוי.

די געשעפטען געהען זיך אזוי ניט רעש'דיג... עס זיינען דא גענוג חולאים אין ניו יארק, נו, יע, אבער עס זיינען דא, ניט צו פערזינדיגען, אויך גענוג אפטייקען, איז ביי מארכאוו'ן אין אפטייק קיין גרויסע הצלחה ניטא.

עס געהט לאנגזאם.

ניט אזוי פרעהליך!

און צאָלען דאַרף מען !

קומט אָן דער ערשטער, ווערט דער אַפּטייקער פערפּליצט פון רעכנונגען — צאָל, צאָל און צאָל, צאָל, ברודער מאַרכאָוו, נשמה געלד, מען מוז צאָלען, אַ ברירה האָט מען!

איז איינגלעך, און דער אַפּטייקער פאַכט צו, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, מיט דער נשמה.

אָבער עס זיינען דאָ גוטע האָפנונגען... די שלעכטע צייטען וועלען איבערלויפען, מען וועט זיך דאָך ווען עס איז אויסצאָלען, מען וועט האָבען אין ניו יאָרק אַ פיינע, אייגענע אַפּטייק און עס וועט זיין זעהר פיין.

נו, לעבט מאַרכאָוו מיט זיסע האָפנונגען !

אַרבייטען, אַרבייט מאַרכאָוו ניט שווער, עס איז דאָך ניט אַ נעה־מאַשינע, נור פערנומען איז ער אַזוי ניש'קשה'דיג, נאָך מעהר פון אַן אַרבייטער אין דעם ערגסטען שאָפּ !

דער מאַן עפענט זיין געשעפט זעקס אוהר אין דער פריה און טאַשנעוועט אין אַפּטייק ביז איינס אוהר אין דער נאַכט אַריין.

עס איז אַביסעל לאַנגווייליג, נו, אָבער וואָס קען מען זיך העלפען? אָט ער וועט זיך אַביסעלע אויסצאָלען, וועט ער זיין ביכולת צו נעהמען אין אַפּטייק אַן אויסהעלפער און ער וועט לעבען אַ טאָג.

דערווייל קומט צו איהם זיין סאָפיע אין אַפּטייק און פערטרייבט דעם אומעט... זי ברייננט איהם זיינע מאָהלצייטען און גוטע זאַכען און פערברייננט אין אַפּטייק גאַנצע טעג... נו, וואָס זאָל זי טון אין דער היים? ווע׳מען האָט זי דאַרטען?

און מאַרכאָוו פיהלט ניט אַזוי די מערדערליכע צייט...

אָבער אָט האָט סאָפיע אויפגעהערט צו קומען אין אַפּטייק... זי שעמט זיך צו צייגען זיך אין גאַס, זי קוקט אויס ניט לייטיש... האָט מאַרכאָוו אַנגעטאָן זיך אַ כח, גענומען אַ יונגיל צום אויסהעלפען, וועלכען ער צאָלט צוויי און אַ האַלב דאָלאַר אַ וואָך.

דער יונגעל רייניגט די אַפּטייק, לויפט צו מאַרכאָוו'ן אַהיים און ברייננט דעם אַפּטייקער זיינע מאָהלצייטען, אַ. ז. וו.

די צייט לויפט, מארכאָוו איז א פאטער געוואָרען!

א נוירס, א דיענסט, א דאקטאר... און מען דארף זיך אי־בעראל שטעלען אויף דער ברייטער פוס... עס איז דאך פארט ניט אן איינפאכער ארבייטער... פארט אן אפטייקער... נו, האט מארכאָוו נייע חובות און ער דארף מעהר צאלען און מעהר צאלען...

אוי, ניט גוט!

און פאר די לאנגע צוואנציג שטונדען, וועלכע מארכאָוו קומט אב יעדען טאג אין אפטייק, דארט איהם דער מוח. וועקסלען, וועקסלען... פרישע, נייע, אלטע, פערשפעטיגטע... דריקען זיי, שטי־קען זיי דעם ארעמען מארכאָוו אזוי ווי בייזע גייסטער, אזוי ווי שלעכטע געשפענסטער...

צאָל, ברודער מארכאָוו, נשמה געלד, האסט א געשעפט אין ניו יארק!

מיט דער ווייב און מיט דעם קינד זעהט זיך מארכאָוו איינס דעם זייגער אין דער נאכט, ווען ער שליעסט צו די אפטייק און קומט אהיים.

עס איז א ביסעל שפעטליך... נו, אבער בעסער שפעט איידער קיין מאל ניט...

דער אפטייקער האט ליעב זיין פרוי, ליעב זיין שיין, קליין קינדעלע... און ער געניסט א גליקליכע שטונדע אין דער היים!

האט מען איהם מקנא געווען!

ווען, אין א שלעכטער שעה האבען זיך שלעכטע אויגען פער־קוקט אויף מארכאָוו'ס אפטייק!

אימיצען האט זיך אפגעדאכט, אז מארכאָוו האלט א שטיקעל ברויט אין מויל, און מען האט פערקוקט זיך אויף דעם.

א מילבען־גרוב איז ניו יארק, איבערפילט מיט הונגעריגע מיל־בען... טוט נור א ווארף א שטיקעל ברויט, וועלען די הונגעריגע מיל־בען נעהמען לויפען פון אלע ווינקלען, פון אלע גריבער, פון אלע לעכער, מען וועט זיך אויף דעם ארויפווארפען און נעבען דעם שטי־

קעל ברויט וועט פארקומען א פירכטליכער, א שרעקליכער, א בלו־טיגער געדראנג!

איבער'ן גאס, ניט ווייט פון מארכאוו'ס געשעפט, איז אויפ־געעפענט געווארען א נייע אפטייק...

מארכאוו האט צו זיינע ביטערע צרות, צו זיינע חובות, צו זיינע וועקסלען, צו די פערשפעטיגטע, צו די נייע, צו די פרישע, צו די אלטע, צוגעקראגען א נייע צרה, א ביטערען קאנקורענט!

און די נייע אפטייק עקזיסטירט...

אפשר איז דעם נייעם אפטייקער פונקט אזוי פינסטער, ווי עס איז פינסטער מארכאוו'ן אויפ'ן הארצען... אבער דערווייל־ע ווערט מארכאוו דערווארגען פון צרות...

מארכאוו זעהט שוין יעצט, אז ער וועט ניעמאלס, ניעמאלס אויסצאלען זיין אפטייק...אוים האפנונגען אויף דער צוקונפט...אוים אפטייק... א טיורמע!

א שרעקליכע טיורמע!

מארכאוו זעהט זיך שוין יעצט ניט מעהר מיט דער ווייב און קינד. דער אפטייקער געהט ניט מעהר אהיים, ער שלאפט אין טיורמע!

פאר דעם קאנקורענט האט ער מורא, פאר דער מגפה אי־בער'ן גאס שרעקט ער זיך. דארטען נעכטיגט מען אין אפטייק, און מארכאוו האט מורא, אז עס קען פאסירען, אז זיינער א קונד קען בעדארפען נאך האלבע נאכט א רפואה און וועט אוועקגעהן אהין איבער'ן גאס... נעכטיגט ער אין סטאר... און די ווייב קומט צו איהם זעלטען... ניט אימער קען מען ארויסגעהן מיט א קינד, עס איז ווינ־טער, די וועטערן זיינען שלעכט.

געהט אוים מארכאוו'ן דאס הארץ.

און די לאגע שלימערט זיך און עס איז ניטא קיין האפנונג אויף בעסערס...

און ער זעהט אפט נור אין דעם טויט זיין איינציגע בעפריי־אונג!...

* * *

אין ניו יארק, אויף א פרייער, ברייט אפענער גאס, אין א שיינער אפטייק, קיינע וועכטער, קיינע קייטען, קיינע אייזערנע גראטעס, און דאך זיצט דארט אן ארעסטאנט לעבעדיג בעגראבען און בעשאטען...

נו, איז דאס ניט דעם טייפעל'ס א בייזער שפיצעל?

# די טערקען.

מיסטער פעטראוו איז געווען א מאן, וועלכער האט ניט געהאט פון וואס צו מאכען א לעבען, און וועלכער האט דארום געזוכט א מעגליכקייט צו ווערען אן אגענט אין א לעבענס־פער־זיכערונגס קאמפאניע.

מיסטער פעטראוו איז אבער געווען א שלים־מזל, און ער האט געהאט דאס אונגליק געבארען צו ווערען א איד.

ער האט גוט געוואוסט, אז א יהודי וויל מען ניט אננעמען אין דיעזער בעשעפטיגונג. און דאס האט איהם בעאונרוהיגט. ער האט אפילו געוואוסט דעם אלטען סוד פון פערלייקענען דעם אייגענעם „איך" און אנצוגעבען א פרעמדע נאציאנאליטעט, אבער דאס האט איהם ניט בערוהיגט. ערשטענס האט פעטראוו'ס פנים, ניט פאר אייך געדאכט, אויסגעקוקט זעהר אידישלעך, און צוויי־טענס האט דער מאן אויסער „אידיש־דייטש" און געבראכען ענג־ליש קיין אנדער שפראכע ניט געקענט. און אנצוגעבען זיך אלס איירישער אדער אלס בלוט געבארענער יענקי איז געווען לעבערליך, און לאזען זיך מעלדען אלס א דייטש האט איהם אויך קיינער ניט געראטען. ווארום מען האט געוואוסט, אז אין די קאמפאניעס קוקט מען זעהר פערדעכטיג אויף ניי געמעלדעטע קאנדידאטען, וועלכע גיבען זיך אן אלס דייטשען... מען ווייס שוין דארטען, אז זייט מען נעמט ניט צו קיין אידען, שטעלען זיך פאר אידישע אגענ־טען אלס דייטשען. אנגעבען עפעס אן אנדער נאציאנאליטעט האט פעטראוו ניט געקאנט בעשליסען זיך, מורא האבענדיג, אז פילייכט ווען ער וועט זיין דארטען אין אפיס, קאן נאך דער סופעראינטענ־

דענט ארויסרופען נאך אן אגענט פון דער זעלבער נאציע, פון וועל־כער ער — פעטראוו — וועט זיך אנגעבען און וועט זיי הייסען דורכשפרעכען זיך, האט זיך פעטראוו דערפאר געשראקען און ער האט אלץ ניט געוואוסט וואס צו טאן, און ווי אזוי ארייננצוכאפען זיך אלס אגענט אין א לעבענס־פערזיכערונגס קאמפאניע.

ענדליך איז פעטראוו'ן ארויף אויפ'ן זינען א גוטער פלאן: ער וועט, הייסט דאס, געהן אין קאנטאר פון דער קאמפאניע און אנגעבען זיך אלס טערק. פעטראוו איז געווען מעהר איידער זיכער, אז ער וועט זיין דער ערשטער „טערק" אלס אגענט, און האט דערביי געדענקט צו געווינען א צווייענדיגען נוצען: ערשטענס וועט דער סופעראינטענדענט ניט האבען מיט וועמען אויסצופרובירען די ריכטיגקייט פון זיין טערקישען אבשטאם; און צווייטענס וועט אפשר דער ערל קאנען דיינקען, אז טערקען קוקען אויס עהנליך צו יהודים. געזאגט און געטאן. פעטראוו האט גענומען מיט זיך זיין געלד, זיין רעפערענס און איז אוועק אין דעם קאנטאר פון דער נ... לעבענס־פערזיכערונגס קאמפאניע. אין גיכען איז פעטראוו געשטאנען פאר דעם סופעראינטענדענט פון דיעזער קאמפאניע. פעטראוו האט זיך געלאזט מעלדען און דער־צעהלט וואס ער פערלאנגט.

„מיר בעשעפטיגען ניט קיין אידען!" האט בלויז דער סו־פעראינטענדענט געענטפערט.

ביי דעם ארעמען פעטראוו'ן איז דאס הארץ פערשטארבען געווארען, דאך האט ער געפאסט מוט.

„איך בין דאך אבער ניט קיין איד", האט ער געענטפערט.

„וואס דען, א דייטש?" האט דער סופעראינטענדענט גע־פרעגט מיט א גיפטיגען שמייכעל.

„א טערק!" האט קורץ און שארף פעטראוו געענטפערט.

„א טערק!" האט דער סופעראינטענדענט צווייפעלהאפט געפרעגט. און ער האט גענומען בעטראכטען דעם ארימען פעט־ראוו'ען מיט א לאנגזאמען דורכדרינגענדען בליק. פלוצלונג איז דעם ערל'ס פנים געווארען עפעס ווי ליכטיגער און לויטערער.

„**א טערק !**" האט ער געזאגט, „זעהר גוט ! ווי עס שיינט מיר, זיינען טערקען זעהר פעהיגע, בראווע און ארענטליכע יונגען. איך האב דא ביי זיך א פאר ט ע ר ק ע ן. בין איך פון זיי זעהר און ז ע ה ר צופריעדען." פעטראוו'ען האבען די לעצטע עטליכע ווערטער געמאכט ציטערען פון קאפ ביז די פיס.

„ווארט איין מינוטעלע", האט דער סופעראינטענדענט ווייטער געזאגט, „דא איז יעצט איין טערק אין קאנטאר, איך וועל איהם א רוף געבען און איהר, ליעבע לאנדסלייט, וועט זיך דורכרעדען". פעטראוו האט דערפיהלט, אז די האר שטעלען זיך ביי איהם „דובאם". ווען די ערד וואלט זיך עפענען אונטער זיינע פיס, וואלט ער לעבעדיגערהייט אריינגעשפרונגען. אין א מינוט ארום איז נעבען פעטראוו'ן געשטאנען א טערק פון א יאהר עטליכע און צוואנציג, א שווארץ־חן'עוודיגער יונגער מאן מיט שווארצע געדיכטע וואנצעס.

די צוויי טערקען האבען איינער דעם ווייטען שטומערהייט בעטראכט פון קאפ ביז די פיס און דער סופעראינטענדענט איז געשטאנען און אן אויג פון זיי ניט אראבגענומען.

„איך בין א יהודי", — האט אויסגעשטאמעלט דער אגענט, וועלכען דער סופעראינטענדענט האט געבראכט.

„גם אנכי", האט פעטראוו געענטפערט, און ער איז ווי ניי בעלעבט געווארען.ביידע „טערקען" האבען זיך אפגעזיפצעט, עפעס אזוי ווי זיי וואלטען געהאט ערשט דורכגעגאנגען די גרעסטע געפאהר.

„שלום עליכם !"

„עליכם שלום !" האבען זיך די צוויי טערקען מיט דער גרעסטער שמחה א כאפ געגעבען פאר די הענד, און די טערקען זיינען איינפאך געווען פארטיג צו ווארפען זיך איינער אויף דעם צווייטענס האלז און קושען זיך.

„פילייכט אבער איז דער ערל מבין בלשון עברי", האט זיך אונרוהיג א כאפ געגעבען דער גליקליכער פעטראוו.

„א מכה וויים ער, מאך איהם כאטש די קבורה", האט דער אלטער אגענט געענטפערט.

דער סופעראינטענדענט איז געשטאנען, גוט צוגעקוקט זיך, צוגעהערט זיך ווי די צוויי טערקען ריידען, און ער האָט צופרידען געשמייכעלט.

פעטראוו האָט געקראגען א בוך און איז געווארען אן אגענט.

# א בלוטיגע האכציים.

ענדליך איז די צייט געקומען, די גליקליכע, לאנג ערוואר־טעטע צייט...

סעמואיל האט אבגעגעבען די ארבייט, פערלאזען די פאב־ריק מיט דער אבזיכט זי ניעמאלס ווידער צו קענען און איז אוועק זוכען עפעס א געשעפט.

מיט א יאהר צוויי צוריק האט סעמואיל ליעב בעקומען א מיידעל מיט דעם נאמען דארא און איז אויך פון איהר געוועזן גע־ליעבט.

סעמואיל און אויך דארא זיינען געוועזן אינטעליגענטע יונגע מענשען, פאלקאמענע פרייזדייקער. זיי האבען ניט בעדארפט מא־כען א חתונה אדער אירגענד וועלכע עס איז צערעמאניע אין דעם טאג פון זייער צוזאמענגעהן זיך; ארייננקלייבען זיך אין איין צימער וואלט עס ביי זיי געהייסען דער אנפאנג פון זייער פאמי־ליען לעבען. דאך זיינען זיי פערבליעבען לעבען בעזונדער, אלס קווארטיראנטען.

צו א צוועק האבען זיי געשטרעבט און אויף יענעם גרויסען, הייליגען טאג, ווען זייער אידעאל וועט פערווירקליכט ווערען, הא־בען זיי אבגעלעגט דעם אנפאנג פון זייער פאמיליען־לעבען.

זייער צוועק איז געוועזן — ארויפארבייטען זיך אויף א קענ־די אדער טאבאק סטארקע.

לאכט ניט, עס איז דא גאנץ ווייניג צום לאכען.

סעמואיל איז געוועזן א העמדעל־נייער, אבער ער האט זעהר ווייניג געטויגט צו די העמדלעך...

אין פאבריק, ביי דער מאשינע איז ער אויסגעגאנגען ווי א ברענענדער ליכט און האט אויסגעארבייט צוויי מיט א האלב דאלאר די וואך...

די וועלט פון ביכער וואלט פאר איהם געווען פיעל, פיעל אנגענעהמער, איידער די וועלט פון העמדלעך, אבער דער קאמפף פאר׳ן ברויט שליידערט ניט אימער אהין, וואו עס וואלט זיך ווע־לען זיין.

דארא, זיין געליעבטע, האט אפילו פערדיענט מעהר פון סע־מואיל׳ן, אבער ביי איהרע ראפּערס האט זי אויך ניט געמאכט קיין גרויסע גליקען — פיער דאלאר א וואך, דאס איז געווען דאס העכסטע, וואס זי האט אויסגעארבייט דורכשניטליך.

א מיידעל איז זי געווען א שוואכע, און אויך זי האט צו דער ארבייט ווייניג געטויגט.

סעמואיל האט זעהר געוואלט, אז דארא זאל אוועקלעגען די ארבייט, ווייל ער האט ניט געקאנט צוזעהען, ווי זי פינסטערט אין פאבריק.

אבער וואס טוט מען ? ווי ראטעוועט מען זיך ?

דארף מען זעהען ארויפלעבען זיך אויף א שטיקעל געשעפט, מען זאל קאנען מאכען א לעבען, מען זאל ניט וויסען פון דער פינסטערער פאבריק און מען זאל קאנען לעבען צוזאמען.

וואס פאר א געשעפט ?

א קענדי אדער טאבאק סטארקע !

און וואלט איהר בעדארפט הערען, ווי סעמואיל און דארא פלעגען פאנטאזירען וועגען זייער אידעאל.

„סעמועלע“, פלעגט דארא זאגען, „ווען מיר וועלען דער־לעבען די צייט און מיר וועלען האבען א סטארקע, וועלען מיר שטענדיג, שטענדיג לעזען צוזאמען.“

„ריכטיג, דארעלע“, פלעגט סעמואיל ענטפערן.

„זאלסט נור קויפען אזא סטאר, וואס האט א וואהנונג דאביי.“

„געוויס, נארעלע.“

„אַ סטאָר אהן אַ וואָהנונג, וועט אויסקומען, אז מיר וועלען שטענדיג דארפען זיין בעזונדער."

„איך וועל אזא סטאָר קיינמאל ניט קויפען, דארא."

„איך וואלט שוין וועלען דערלעבען יענע צייט", זאגט דארא און זיפצט.

„וואס זיפצסטו, דארעלע ?"

„סעמואיל, איך קען ניט צוזעהן... זעה, ווי בלאס דו ביסט... אוי, ווי ערלעב איך יענעם טאג, ווען דו וועסט אוועק פון דער פאבריק."

„און איך וואלט וועלען דערלעבען יענעם טאג, ווען דו, דארעלע, וועסט מעהר ביי דער מאשינע ניט דארפען זיצען"...

און ער נעמט ארום איהר קאָפּ, דריקט צו זיין ברוסט, און בעשיט איהר ברענענדען פּנים מיט קושען און ביידע פאנטאזירען וועגען זייער ליכטיגער צוקונפט...

אבער צום קריגען א סטאָרקע אין אמעריקא דארף מען האָבען געלד, מען קאן דאס ניט קריגען אומזיסט.

סעמואיל און דארא האבען גענומען פון זייערע ארימע פערדיענסטען שפּארען פּענעס און מאכען פון די פּענעס דאלארס.

שווערליך איז דאס זיי אנגעקומען, אזוי שווער, אזוי שווער, אז ווען מען וואלט גענומען א דאלאר פון זייערע אבגעשפּארטע געלד און צורייסען, וואלט א שפּראָץ געגעבען בלוט; עס האט גענומען צוויי יאהר צייט ביז סעמואיל און דארא האבען אבגעשפּארט הונדערט-און-פופציג דאלאר. און עס איז ענדליך געקומען יענער גליקליכער, אזוי פיעל ערווארטעטער טאג, ווען סעמואיל איז ארום א געשעפט זוכען.

אזוי ווי זיין קאפּיטאל איז געווען ניט איבעריגס גרויס, האט דער גליקליכער העמדעלנעהער געזוכט מציאות צו האנדלען.

און עס האט זיך געמאכט אַ כשר'ע מציאה...

איז אייך בעקאנט יענער קווארטאל אין ניו-יארק, וועלכען מען רופט מיט דעם נאמען „העלל'ס קיטשען" (די קיך פון דעם גיהנם) ?

א שרעקליכע געגענד איז דאס. אויף יעדען בלאק זיינען דארטען צוואנציג שיינקען און אלע מאכען זיי גאלדענע געשעפ־טען, ווייל די איינוואהנער פון יענעם קווארטאל זיינען ניעמאלס ניכטער. די געגענד איז בעזעצט דאס רוב פון איירישע און ניגערס, צווישען וועמען עס „בושעוועט" אייביג א העסליכער ראס־סען־קאמפף... דארטען הערשט אייביגע געשלעגעריי, מהומות, סקאנדאלען... דארטען איז קיינער ניט זיכער מיט'ן לעבען.

אין דיזער ליעבליכער געגענד האט דער שלים־מזל פער־שלעפט אונזער סעמואיל'ן, וועלכער האט געזוכט מציאות...

עס האט זיך אנאנסירט צום פערקויפען א סטאָר. און ווי די אנאנסע האט געלויטעט, האט דאס געשיינט צו זיין עפעס א מציאה פון א גנב. און פאר דעם גאנצען גליק האט מען פערלאנגט ניט מעהר ווי הונדערט דאלאר. בעדארפט האט דער געשעפט אריינטראגען ביי א צוואנציג דאלאר א וואך.

אהין איז אוועק סעמואיל.

דאס געשעפט האט געהאלטען א געזונטע געלע איירי־שע אלמנה. די פרוי האט אנגעדערצעהלט גאנצע גליקען, דער העמדעלנעהער האט פאר זיך געזעהען אן אוצר. ער האט געגעבען פינף דאלאר דעפאזיט, און איז אין גרויס איילענים אוועקגע־לאפען אנזאגען די גוטע בשורה זיין דארא'ן.

דארא האט אונגעדולדיג ערווארטעט איהר סעמואיל'ן און ווען דער לעצטער איז געקומען, האט זי גלייך געפרעגט:

„נו ?"

„גוט," האט געענטפערט סעמואיל.

„געקויפט ?"

„דעפאזיט געגעבען"... און סעמואיל האט דעם אטעם געכאפט.

שוין ?" האט דארא געפרעגט.

„נו, אויף וואס זאל איך ווארטען ? אזא זאך קען מען יעדע ווייל אויסכאפען."

„זעה, חלילה, מיר זאלען ניט אריינפאלען אין א צרה,"

האט דארא אויסגעדריקט איהר ערשטען צווייפעל.

„מאך זיך ניט נארעש !" האט דער העמדעלנעהער געזאגט מיט א טאן פון א גרויסער אויטאריטעט.

„ווער פערקויפט עס ?" האט דארא געפרעגט.

„אן איירישע גוי'קע".

„עפעס ביי א גוי'קע קויפען ?" האט דארא מורא געקראגען.

„אוי, דו נארעלע", האט סעמואיל איינגערעדט זיין געליעבטע. „נור ביי א קריסט. וואס דען ביי אידען וועט מען האנדלען א מציאה ? א איד וואלט פאר אזא געשעפט געהייסען זיך געבען פינף הונדערט דאלאר, אויב ניט מעהר."

„נו, איז ווי וועט זיין ?" האט דארא ווייטער געפרעגט.

„מיר וועלען געהן אהיןביידע בעטראכטען נאך א מאל דאס געשעפט, איך וועל נאכהער פערבלייבען אויף א טאג אום צו זעהן ווי דאס געשעפט געהט, און מיר וועלען אפקויפען די סטאָר".

די פאלגענדע עטליכע טעג האבען סעמואיל און דארא דורכ־געלעבט א „ביטערע צייט" ווי מען זאגט.

שטעלט זיך נור פאר, וואס זיי האבען בעדארפט דורכמאכען!

מען האט אויסגעפרובירט דאס געשעפט, אויסגעפונען, אז עס טראגט אריין פיינע געלד, צוזאמענגעקליעבען די פאר בלוטיגע דאלאר, באצאלט דער ערל'טע. פאר די איבריגע פאר דאלאר איינ־געקויפט א ביסעל ווירטשאפט און אריינגעקליעבען זיך אין גע־שעפט...

אוי, וואו, ווי שטארק פערנומען זיי זיינען געווען !

אבער צו אלעם קומט א סוף, עס האט זיך געענדיגט דער געפעהרליכער טומעל.

דאס איז געווען א שיינער זומער - פריהמארגען, ווען די קריסטליכע אלמנה האט געגצליך פערלאזען איהר סטאָר פאר די נייע אייגענטימער, געזאגט זיי „אדיע", געוואונשען זיי : „גוד לאק". און איז זיך אוועק.

סעמואיל און דארא זיינען פערבליעבען אין געשעפט גאנץ אליין.

זייער אידעאל איז געווען ערררייכט, זיי האבען פערמאגט א סטארקע, עס האט זיך אנגעפאנגען זייער פאמיליען־לעבען... עס איז געווען זייער האכצייט...

דאס נייע פאר פאלק זיצט זיך אין סטאר און... גארנישט. ביידע וואלטען געווען גליקליך, ווען די הערצער וואלטען ביי זיי געווען א ביסעל רוהיגער.

„נו, וואס זאגסטו, סעמועלע ?" פרעגט דארא. „האבען מיר צוגעטראפען מיט אונזער געשעפט ?"

„איך האף אזוי," ענטפערט סעמואיל... אבער אויפ'ן הארצען האט איהם פלוצלונג גענומען דראפען א קאץ... שוין העכער ווי דריי שטונדען אז די איירישקע איז אוועק און עס לייזט זיך א פעני ניט... די טיר עפענט זיך ניט... געסטערן אין דער זעלבער צייט, ווען די ערלית איז נאך דא געשטאנען, האט זי שוין געהאט אריינגענומען נאהענט פון צוויי דאלאר... און היינט גארנישט... וואלט זיך כאטש די טיר עפענען !

„עפעס עס לייזט זיך גארנישט," וויל דארא זאגען... אבער די ווערטער בלייבען ביי איהר אויפ'ן צונג... זי האט עפעס מורא דאס צו זאגען און זי טוט נור א שווערען זיפץ.

„דו זארגסט, ווייל עס לייזט זיך ניט," טרעפט סעמואיל זיין דארא'ס געדאנקען...

„איך ווייס... עפעס אזוי „שטיל."

„נארעשע, אויף דעם איז דאך דאס א געשעפט", טרייסט סעמואיל זיין יונגע דארא'ן, „אן אנדערס מאל איז שטיל, אן אנדערס מאל איז ביזי... דאס איז גארנישט"...

אזוי האט סעמואיל געטרייסט זיין ארעמע דארא'ן, אבער טיעף אין הארצען האט ער גענומען טראכטען : „איך האב מורא, מען האט אונז דא בעשווינדעלט..."

דער טאג האט זיך אוועקגעצויגען... און לייזען לייזט מען גארנישט. און נאהענט פון אבענד האט מען איינגענומען ביי פיער און צוואנציג פענעס...

סעמואיל און דראַ האבען ביידע פערשטאנען, אז מען האט זיי בעשווינדעלט, אז פאר זייער שווער, שווער פערהארעוועטע דאלארס האבען זיי זיך אַ קבר געקויפט... אבער זיי האבען וועגען דעם גארנישט גערעדט... עפּעס אזוי ווי איינער וואלט ניט וועלען דערעסען דעם צווייטען.

דראַ האט אבער פּאַרט ניט אויסגעהאלטען און האט זיך געווענדט צו סעמואיל'ען.

„וועה, סעמואיל, עס איז דאך עפּעס אזוי שטיל"...

סעמואיל'ען האט אַ ריס געגעבען אין הארצען.

„עס איז גארנישט מיט גארנישט," האט ער געענטפערט גאר געלאסען. „דער הויפּט לייזונג קומט שפּעטער בייננאכט".

עס איז געווען וואהר. דער הויפּט איז געקומען ביי נאכט. אבער וואס פאר אַ פינסטערער ביטערער „דערהויפּט" דאס איז געווען!

די איינוואהנער פון דעם בלאָק — לויפער, באנדיטען, האָבען שוין געוואוסט, אז היינט וועט דער אידעל זיין אליין אין סטאָר, און חברה האט ערווארטעט צו האבען אַ „שפּאס".

אבענד צייט האבען די רעגעלע יונגען פון „העלל'ס קיטשען" אנגעפילט סעמואיל'ס סטאָר.

עס איז געווארען ליהודים!

סעמואיל און דראַ, נעבאך, האָבען דערהערט אזעלכע רייד, וועגען וועלכע זיי האבען גאר ניט גע'חלום'ט.

סעמואיל האט ניט געהאט קיין ארט וואו צו בעגראבען זיך, און ער האט דראַ'ן אוועקגעשיקט אין דער הינטער צימער... עס האט זיך אנגעפאנגען אַ פרייליכע סצענע!

די לאבוזעס האבען גענומען טון וואס זיי ווילען... מען האט גענומען ברעכען, שטעכען, פּלינדערן די סטאָר... ביי דעם ארעמען אפּרייטאר איז אריבער אַ סקרוך איבער'ן לייב... עס האט איהם גענומען ווארפען אַ צאן אן אַ צאן פאר שרעק...

ער האט זיך גענומען בעטען ביי די קאסטימער רחמים זיי

זאלען זיין אביסעל אנשטענדיגער, אבער די וואוילע יונגען זיינען געווארען אלץ פרעכער און ווילדער.

סעמואיל איז געווארען אויפגערעגט. ער האט זיך פערגעסען אויף וואס פאר א וועלט ער געפינט זיך און געוואלט איינעם פון זיינע קונדען פון סטאָר ארויסשטופּען... דא האט זיך ערסט אנגעפאנגען די „בלוטיגע האכצייט“. די גאסען־יונגען האבען זיך א ווארף געטאן אויף דעם שוואכען צושראקענעם העמדעלנייער און גענומען איהם שלאגען מכות רצח... דארא איז ארויסגעלאפען פון איהר צימער מיט געשרייען... און זי האט אויך געלייזט א גוטען חלק...

דארא איז ארויסגעלאפען דרויסען און גענומען שרייען נאך א פאליסמאן, אבער ביז וואנען דער פערטרעטער פון געזעץ איז געקומען, איז שוין פון די צעווילדעטע גאסען־יונגען קיין זכר ניט געבליעבען...

ווען עס איז געקומען נאכט, האָט דאס יונגע פאר פאלק מורא געהאט צו פערבלייבען לייגער אין זייער סטאָר. זיי האבען פערשלאסען דאס גוטע געשעפט און ביידע זיינען אוועק זוכען פלעצער וואו צו נעכטיגען...

און אזוי האָט זיך געענדיגט סעמואיל׳ס און דארא׳ס האכצייט... די בלוטיגע האכצייט!

# געלאזט זיך דערקענען.

ווען מיסטער בערלינסקי האט געעפענט אן אפטייק אין האמ־
בורג סטריט, ברוקלין, האבען איהם זיינע פריינד און בעקאנטע
זעהר בעדויערט, און מען האט וועגען איהם געזאגט, אז דער מאן
קריכט מיט א געזונדען קאפ אין א קראנקען בעט.

בערלינסקי'ס פריינד האבען גוט געוואוסט דעם יונגען פאר־
מאצעווט'ם לאגע. זיי האבען געוואוסט, אז ער פאנגט אן זיין גע־
שעפט מיט זעהר א קליינעם קאפיטאל. זיי האבען געוואוסט, אז
דער מאן האט זעהר שווער געארבייט, ביז ער האט צוזאמענגעקלי־
בען זיינע עטליכע דאלאר, און ענדליך זיינען אלע געווען כמעט ווי
זיכער, אז ער וועט פון זיין אפטייק ארוים אהן א העמד. און זיינע
פריינד האבען געהאט ניט קיין פאלשע רעכנונג: ווער עס וויים,
וואו האמבורג סטריט ליעגט, ווער עס איז בעקאנט מיט דיעזער
געגענד, וויים, אז די איינוואהנער זיינען דארטען לויטער דייטשען
און גרויסע אנטיסעמיטען.

אלעס וואס דארטען געפינט זיך, איז דייטשמעריש. די איינ־
וואהנער—דייטשען, די בעלי בתים—דייטשען, די דזשעניטארס
— דייטשען, די קרעמער — דייטשען, די פאליסלייט — דייטשען
און אפילו די שטראסען־קעהרער זיינען אויך דייטשען. איהר קענט
אין האמבורג סטריט ניט טרעפען אן איינוואהנער ניט קיין דייטש.
היינט ווער רעדט שוין וועגען א אידען ? עס איז א בעקאנטע זאך,
אז אין יענעם געגענד האסט מען א אידען ווי דעם טויט. דער איינ־
צעלנער שאנס, וואס א איד האט דארטען, איז צו בעגראבען און

בעשאטען ווערען, און בערלינסקי איז דאך געווען אויך א זינדיגער איד !

בערלינסקי איז אבער אויך ניט געווען קיין פערריקטער, ער האט זיך געהאט זיינע רעכנונגען : ערשטענס איז בערלינסקי געווען מיט דער מיינונג, אז טאקע דארטען וואו א איד האט ניט קיין שאנס צו שטעקען זיך, קען מען מאכען א לעבען ; צווייטענס האט בערלינסקי גוט און אויפמערקזאם בעטראכט די געגענד און ער האט געזעהען, אז דער פלאץ איז זעהר א גינסטיגער פאר איין אפטייק : פיער־פינף קווארטאלען ארום און איז ניט געווען קיין איינציגע אפטייק, אדער עפעס א דיספענסערי, און די נאכבארשאפט האט אויסגעקוקט צו זיין ניט זעהר רייך און ניט זעהר ארם, ניט צו רייך אום ניט צו זיין קראנק און ניט צו ארם אום ניט צו זיין אימשטאנדע אויסצוגעבען אויף מעדיצין. און ענדליך איז בערלינסקי געווען מעהר איידער זיכער, אז קיין שד וועט איהם ניט דערקענען אלס א אידען. דאס לעצטע האט אויך געטרייסט זיינע פריינד, ווארום דער יונגער בערלינסקי האט אין זיך ווירקליך ניט געהאט קיין איין איינצעלען טיפיש־אידישען שטריך. דער וואס האט איהם ניט געקאנט פערזענליך, האט איהם ווירקליך ניט געקאנט אננעהמען פאר א אידען.

בערלינסקי האט זעהר גוט גערעדט ענגליש, אויך האט ער גערעדט אויסגעצייכענט דייטש, ווארום ער האט פיער יאהר שטודירט אין בערלין.

בערלינסקי האט ריזיקירט.

ער האט אויסגעגעבען זיינע לעצטע פאר דאלאר, פערבארגט זיך, פער׳משכון׳ט זיך און ער האט געעפענט א קליינע, אבער א פיין־פערפוצטע אפטייק אין האמבורג סטריט.

ער האט זאפארט געביטען זיין נאמען פון בערלינסקי אויף בערלינער.

דער מאן האט גענומען מאכען פיינע געשעפטען. ווי עס האט אויסגעקוקט, האט די ארומיגע נאכבארשאפט גאר ניט אנגעפאנגען צו פערדאכטען אין איהם א אידען.

עס איז געווען א ווינטערדיגער פריהמארגען. אויף דרויסען איז געווען קאלט און חשך. עס איז ניט געווען קיין פראסט, אבער עס איז געשטאנען עפּעס א פייכטע דורכנעהמענדע קעלט. דער שנעע, וואס האט שוין א פּאר טעג בעדעקט די ערד, האט געהאלטען אין צוגעהן און עס איז געשטאנען א געדיכטער קאלטער נעבעל.

בערלינסקי (מיר זיינען דאך איינפאכע אידען און מיר קענען איהם רופען ביי זיין אלטען נאמען), בערלינסקי איז געשטאנען אין זיין לאבאראטאריע און האט געארבייט. מיט א מאל האט ער דערהערט עפּעס א טומעל, וועלכער האט זיך געטראגען פון דרויסען; ער האט געווארפען די ארבייט און איז צוגעגאנגען צו דער טיר.

א אידישער פּעדלער, האלב א נאקעטער, א צוריסענער, ארומגעהאנגען מיט שלייקעס און שיך־בענדלעך, איז געשטאנען אין מיטען גאס, פון אלע זייטען האבען איהם ארומגערינגעלט ווילדע לויפער, און מען האט אין איהם ניט אויפגעהערט צו ווארפען סניעשקעס, צופוילטע לימאנען, שאלעכץ פון באנאנעס, מיסט און שמוץ. בערלינסקי האט זיך צוגעקוקט און א וועהטאג האט צוזאמענגעדריקט זיין הארץ.

די לויפער האבען געשריען, געפייפט, געשישקעט און פרעהליך און ווילד געלאכט, אויך פון די פענסטער פון די הייזער האבען ארויסגעשטעקט קעפּ, לוסטיג צוגעקוקט זיך צו די מאטערניס פון דעם אונגליקליכען פּעדלער, און פערגאסען זיך מיט א פרעהליכען זארגלאזען געלעכטער.

דער פּעדלער איז געשטאנען אזוי ווי א פערלארענער. אין גאנצען איז ער געווען בעדעקט מיט שמוץ און מיט שנעע, אויף די קליידער, אויף די שלייקעס, אויפ׳ן פנים, אויפ׳ן בארד, אויפ׳ן קאפּ, איבעראל זיינען געווען צופוילטע לימאנען און באנאנעס. ער איז געשטאנען, געטרייסעלט זיך ווי א בלאט און ווי אן אווטאמאט האט ער בלויז געדרעהט מיט׳ן קאפּ אויף אלע זייטען...

עפּעס אזוי ווי א דערשראַקענע, געפאַנגענע חיה, וועלכע זוכט ווי אזוי ארויסצורייסען זיך פון איהרע נאכיאגער...

און ארום און ארום האט מען געלאכט, געפייפט, געשריען, געשישקעט און געהוזשעט.

ביי בערלינסקי׳ן איז דאס הארץ פערשטארבען געווארען. עס האבען איהם גענומען ציטערען הענד און פיס. ער האט געוואלט אן עפּען געבען די טיר און א שפּרונג טאן אויף דרויסען... עפּעס אזוי ווי א האסטיגע קראפט האט איהם אבער פּלוצלונג געגעבען א שטויס צוריק. איהם איז פּלוצלונג געווארען קאלט און אומעטיג... בערלינסקי האט זיך דערמאנט, אז ער איז אויך א איד... און דער געדאנק, אז מען קען איהם דערקענען, האט עס איהם אבגעשטעלט!

„באנדיטען! לומפּען!" האט ער גיפטיג א מורמעל געגעבען, פערביסען די ליפּען און איז אוועק צוריק אין לאבאראטאריע. ער האט גענומען ארבייטען, ער האט אבער ניט געקענט, די הענד האָבען איהם געציטערט, און די פלאש, וועלכע ער האט געהאלטען, איז ארויסגעפאלען און צובראכען זיך.

„דער שד זאל עס כאפּען!" האט בערלינסקי נערוועז אויסגעשריען. ער האט זיך אוועקגעשטעלט, אנגעשפּארט דעם קאָפּ אן וואנד און ער האט זיך גענומען צו עפּעס צוהערען.

בערלינסקי האט זיך צוגעהערט צו דעם טומעל, דרויסען. ער האט אויך זיך צוגעהערט צו א שטימע, צו א טרויעריגער און בייסענדער שטימע, וועלכע האט גערעדט אין דער טיפענים פון זיין הארצען.

„דער ארמער פעדלער", האט די שטימע גערעדט, „האט נאך היינט אפשר ניט געגעסען. ער האט צו הויז קינדערלעך, וועלכע רופען איהם טאטע, וועלכע ווארטען פיעלייכט אויף איהם, אז ער זאל זיי ברייגגען וואס צו עסען... און די ליפּער זיינען מיט אנגעשטאפּטע בייכער... ער איז נאקעט, הויל, פעראַרמט. איהם איז אזוי אויך געווים ביטער, איהם איז קאלט, פינסטער... זיי, די ליפער, איז ווארם, זיי זיינען ווארם געקליידעט... דער מאן זוכט עפּעס פערדינען, ער ארבייט מיט דער נשמה... זיי הוליען, געהען

לעדיג. וואס האבען זיי צו איהם ? וואס רייסט מען פון איהם שטיקער?"

בערלינסקין האט דאס הארץ וויטער צוזאמענגעדריקט א וועהטאג. „א פאליסמען וועט באלד אונטערקומען", האט ער געני־מען צו זיך מורמלען, עפעס אזוי ווי ער וואלט זיך פאר אימיצען פערענטפערט. „וואס קאן איך העלפען? וואס זאל איך איהם טאן? איך קען ניט! איך וועל זיך שעדיגען..."

„א ליגען! ביסט א פייגלינג!" האט די שטימע פון הארצען געענטפערט, עפעס אזוי גיפטיג, אזוי בייסענד, „דו ציטערסט פאר דיין הויט... געה ארויס... פערטרייב די פארליעצעס!... פיהר ארויס פון דעם גיהנם דעם פעדלער."

בערלינסקי איז וויטער צוגעלאפען צו דער טיר, דער פעדלער איז נאך אלץ געשטאנען און די ווילדע אטאקע אויף איהם איז אנ־געגאנגען ווי פריהער...

בערלינסקי'ס פנים איז פלוצלונג בלאס געווארען. ער האט א ציטער געגעבען און אין איין סעקונדע איז ער שוין געווען אויף דרויסען... דער פעדלער איז געשטאנען... בערלינסקי'ן האט גענו־מען קלאפען א צאן אן א צאן. ער איז צוגעלאפען צו איין לויפער.

„וואס ווילסטו פון דעם מאן?" האט בערלינסקי געפרעגט, און זיין קול האט געציטערט פון אויפרעגונג...

דער לויפער האט אויסגעשטעלט א פאר אויגען און איז גע־בליבען אהן לשון. אין איין האנד האט ער געהאלטען א צופוילטען לימאן, מיט וועלכען ער האט הפנים געוואלט אויסשיסען אין דעם פעדלער.

„ווארף עס אוועק! גלייך!" האט בערלינסקי א געשריי גע־געבען און ניט ווארטענדיג אויף קיין ענטפער האט ער געגעבען דעם לויפער אזא מין טרייסעל, אז דער לעצטער האט ארויסגעלא־זען דעם לימאן פון האנד און זיך גלייך אפגעטראגען...

די אטאקע אויף דעם פעדלער איז געווען אונטערבראכען. אנדערע לויפער האבען גלייך געמאכט די פליטה, אנדערע זיינען געשטאנען און האבען פערוואונדערט געקוקט אויפ'ן אפטייקער,

ביי וועלכען די אויגען האבען געברענט מיט פייער, אבער קיינער האט מעהר ניט געוואגט צו טשעפען דעם פעדלער. זיי זיינען אלע געווען עפּעס אזוי ווי איבערראשט.

אליין דער פעדלער איז אויך איינינע מינוטען געבליבען שטעהן, עפּעס אזוי ווי ער וואלט ניט פערשטאנען, וואס דא טוט זיך. נור פּלוצלונג האט ער זיך א כאפּ געגעבען, קוק געטון אויף דעם אפּטייקער... עפּעס א מורמעל געגעבען צוגעטראָטען עטליכע טריט צו איהם, ארומגעקוקט זיך און געכאפּט לויפען.

איינינע מינוטען איז בערלינסקי געבליבען שטעהען. ער האט מיט די אויגען בעגלייט דעם לויפענדען פעדלער, ביז דער לעצטער איז פערשוואונדען געווארען פון זיינע אויגען, און נאכהער איז ער צוריק אריין צו זיך אין אפּטייק.

ווען בערלינסקי איז אריין אין אפּטייק, איז ער נאך געווען אויפגערעגט און עס האבען איהם געציטערט אלע גליעדער. אבער ער האט עפּעס געפיהלט אזוי גוט, עפּעס אזוי ווי ער וואלט זיך זעלבסט געראטעוועט דאס לעבען.

ער האט זיך ווייטער גענומען פאר דער ארבייט. ווען עס זיינען פאריבער עטליכע מינוטען און בערלינסקי'ס אויפרעגונג איז אריבער, האט ער פּלוצלונג דערפיהלט שווער אויף'ן הארצען, עפּעס אזוי ווי ער וואלט עטוואס פערלארען אויף אייביג; עפּעס האט איהם גענומען אזוי ווי שרעקען און איהם האט גענומען אויף עט־וואס פערדריסען.

אין א פּאר שטונדען ארום, ווען בערלינסקי איז ארויס אויף דרויסען, האט ער בעמערקט, אז אויף דער וואנד פון זיין אפּטייק איז אנגעשריעבען מיט גרינעם קרייט עטליכע מאל דאס ווארט „שיני“. ער האט א שמייכעל געטאן, האט עס פער־מעקט, אבער אויף'ן הארצען איז איהם געווארען נאך שווערער... נאך שווערער...

אין דעם זעלבען אבענד האט זיך א קונה געווענדעט זעהר העפליך צו בערלינסקי'ן מיט פאלגענדער פראגע:

„צו וואס פאר א נאציאנאליטעט בעלאנגען זיי?“

„איך בעלאנג... איך בעלאנג צו דער מענשהייט“, האָט בערלינסקי געענטפערט און ער איז געווארען עפּעס אזוי ווי צומישט.

דער קונד האָט א שמייכעל געגעבען, נור ארויסגעהענדיג פון אפּטייק, האט ער א מורמעל געגעבען : „ א יודע“.

די געשיכטע האָט זיך פערצויגען, און איז געווארען פון טאג צו טאג טראגישער.

עס איז צו לאנגזאם איבערצודערצעהלען אלע איינצעלהייטען. קורץ און גוט, עס איז ניט אריבער קיין גאנצער מאנאט, און בערלינסקי האָט געמוזט אנטלויפען פון האמבורג סטריט.

# שבת

## 1.

עס איז געווען א פרייטאג אבענד אין דעם מאנאט תמוז. איבער דעם ברייטען זומפיגען וועג, וועלכער פיהרט צו דעם קליינעם דערפעל ס., האט געהאלטען אין שפאנען א מאן פון א יאהר פערציג.

דער פוסגעהער האט געטראגען א גרויסען קאסטען אויף'ן רוקען.

דאס איז געווען א אידישער פעדלער.

דער קאסטען איז געווען פעסט איינגעבונדען צו דעם טרעגער דורך רימענס, די רימענס זיינען געווען אריבערגעווארפען איבער זיינע שולטערן און האבען זיך אויסגעלייגט איבער זיין ברוסט אזוי ווי דער בוכשטאב „x".

דער קאסטען איז הפנים געווען זעהר א שווערער, ווארום אויף דעם פערשוויצטען פערברענטען פנים פון דעם פעדלער האבען זיך ארויסגעזעהן אנגעצויגענע און אנגעלאפענע אדערן, א סימן פון א שטארקער אנשטריינגונג. אימער פלעגט זיך דער קאסטען אראברוקען אלץ ניעדריגער איבערן רוקען, ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס ער איז געווען פעסט איינגעבונדען, און דער פעדלער האט געהאלטען אין איין שטופען די משא אלץ העכער און העכער ביז צום קאפ צו.

דער וועג האט זיך געצויגען פון צפון־זייט צו דרום און אויף דער דרום־זייט פון'ם וועג איז געלעגען דאס דארף ס...

דער וועג, איבער וועלכען דער פעדלער האָט געשפּאַנט, איז געלעגען צווישען אַ צימליך געדיכטען וואַלד.

עס איז געוועזען אַ זייגער פיגף. די זון האָט נאָך געהאַט דורכ־צומאַכען אַ פיין שטיקעל רייזע ביז איהר אונטערגאַנג. אָבער אויף דיעזען וועג האָט מען זי שוין מעהר ניט געזעהן, וואָרום דער וואַלד, וועלכער עס האָט זיך געפונען אויף דער מערב־זייט, האָט זי אין גאַנ־צען פערשטעלט און געוואָרפען אַ ליבליכען שאָטען איבער די גאַנצע ברייט פון׳ם וועג. אין אַ זודיגען תמוז־טאָג וואָלט אַזאַ געלעגענ־הייט בעדאַרפט זיין זעהר אַנגענעהם פאַר אַ מידען פוסגעהער איבער דיעזען וועג. דאָך האָט דער ליעבליכער שאָטען וויינ ניט געפרייט אונזער פעדלער; דאָס האָט מען דייטליך געקאָנט אַרויסזעהן פון דעם, וואָס דער פוסגעהער פלעגט זעהר אָפט וואַרפען עפּעס אַזוי ווי אַ בייזען בליק אויף די מערב־זייט פון וועג, אַ דריק געבען מיט די פּלייצעס און ניט צופרידען נעמען מורמלען צו זיך זעלבסט.

„עך... ס׳אַראַ וואַלד... געדיכט... און ציהט זיך... און ציהט זיך... גאַר אָהן אַ סוף... מען קאָן דאָ די ווייסע וועלט ניט זעהן... ווער ווייס? פיליכט איז שוין די זון פערגאַנגען?“

און דער פעדלער איז געגאַנגען ווייטער און ווייטער.

נור אָט האָט דער וואַלד פון מערב־זייט גענומען ווערען שי־טערער.

און צווישען די בוימער האָט גענומען שפּרינקלען מיט גאָלד פון די שטראַלען פון דער פערגעהענדער זון.

דער פעדלער האָט עס בעמערקט. ער האָט פרייער אָן אָטעם גענעבען און זיין פּנים איז געוואָרען פרעהליכער.

„די זון איז נאָך ניט פערגאַנגען“, האָט ער גאַנץ צופריעדען געזאָגט צו זיך זעלבסט.

נור באַלד איז דער פעדלער ווייטער געוואָרען אַזוי טרויעריג.

„ווער ווייס?“ האָט ער גענומען רעדען, „ווער ווייס, ווען איך וועל זיך דערשלעפּען צו אַ דאָרף?... אפשר וועט שוין שבת לאַנג פערגעהן?“

ער האָט אַ האַסטיגען שטופּ געגעבען דעם קאַסטען העכער איבערן רוקען און גענומען שנעלער טרעטען.

און אַט האָבען פון דער ווייטען, אַזוי ווי פון דער ערד, גע־נומען אַרויסשניידען זיך הייזקעס... עס האָט זיך דערהערט אַ רעש פון לעבען.

„אַ דאָרף!" האָט דער פּעדלער אַ זיפץ געגעבען. „געלויבט איז גאָט, פּונקט צו דער צייט".

ער האָט זיך גלייך פּערקערט צום זייט פון'ם וועג, אַוועקגע־שטעלט זיך מיט'ן רוקען צו אַ בוים, אַנגעשפּאַרט דעם קאַסטען, אויסגעגלייכט זיך, אַריבערגערוקט די רימענס פון די ערטער, וואו זיי האָבען זיך איינגעשניטען, אויסגעהוסט זיך, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ נאָז־טיכעל, אָבגעווישט דעם שווייס פון פּנים, און עפּעס אַזוי ווי פון גאָרנישט טראַכטענדיג האָט ער גענומען קוקען אויפ'ן וואַלד, פון דער אַנדער זייט וועג...

ווען איינער וואָלט זיך יעצט צוגעקוקט צו דעם פּעדלער, וואָלט ער גלייך פערשטאַנען, אַז דער מאַן עררינערט זיך אָן עפּעס אַ פרעהליכעס און אַ טרויעריגעס. דאָס האָט מען געקענט זעהן נאָך זיינע אויגען, וועלכע פלעגען יעדע רגע בייטען זיך: דאָס פלעגען זיי פרעהליך אַ ברען געבען, דאָס פלעגען זיי ווערען טיעף פערטראַכט און פייכט פון טרערען.

דאָפּטום האָט ער זיך אַ כאַפּ געגעבען... און גענומען קוקען אַהין אין יענער זייט, פון וואַנען דאָס דאָרף האָט זיך אַרויסגע־זעהען.

„אַ דאָרף," האָט ער אַ זיפץ געגעבען. „אַ דאָרף... ווער ווייס? וועל איך דאָ טרעפען אַ אידען? וועל איך דאָ קענען שבת האַלטען? ווער ווייס? דאָס האַרץ איז דאָך שטענדיג אונטער אייז... ווער ווייס?... נור... מען דאַרף שוין געהן... שפּעט!..." און דער פּעדלער איז אַוועק צום דאָרף.

2.

מיט צוויי יאָהר בעפאָר איז ירוחם, אַזוי האָט געהייסען אונזער פּעדלער, געקומען נאָך ניו יאָרק. געקומען איז ער אַהער

פון א ליטווישען פערוואָרפענעם העכסט פאַנאַטישען קליינעם שטעדטעלע. אין דער היים האָט ער איבערגעלאָזען א ווייב מיט קינדער, און ער איז געקומען אהער זוכען ברויט פאַר זיך און פאַר זיי.

ירוחם האָט אין אמעריקא קיינעם ניט געהאַט, אויסער עפּעס א ווייטען קרוב, אַן אָרמען העמדעל-נייער. דער קרוב האָט ירוחם'ען אראָבגענומען פון שיף און צוויי טאָג צייט געלאָזט זיין גאַסט ביי זיך, אויסרוהען זיינע פון וועג איבערגעמאַטערטע ביי-נער. אויפ'ן דריטען טאָג נאָך זיין קומען האָט דער גרינער שוין אליין געמוזט זאָרגען פאַר זיך.

וואָס דער אָרמער האָט זיך צופּלאָגט!

אנפאַנגס איז ער אַוועק אין פאַבריק צו העמדלעך. ער איז שוין אָבער געווען צו אַלט פאַר דער נעה-מאַשין און אפילו די העמדעל-נייעריי, דיעזע ווייט ניט שכל'דיגע מלאכה, האָט ער זיך ניט געקאָנט אויסלערנען. ירוחם'ן האָט זיך צוויי מאָל געווען געמאַכט א שטעלע, נון, האָט מען אָבער דאָרטען געמוזט אַרבייטען שבת, און ער האָט זיך פון דעם אָבגעטרייסעלט ווי פון א פייער... ענדליך נאָך לאַנגע מאַטערנים און זוכענים האָט ער גענומען פּעדלען מיט שלייקעס... און דערביי איז ער דערוויילע פערבליבען; ער האָט ווי עס איז געמאַכט זיין אייגען לעבען... אָבער איז דאָס איהם געווען גענוג? ירוחם האָט געהאַט א ווייב מיט קינדער, וועגען וועלכע ער האָט געטראַכט ווי טאָג אזוי נאַכט.

ירוחם האָט זיך אין אמעריקא געפיהלט זעהר עלענד און אונגליקליך. ער האָט עפּעס געפיהלט, אז ער איז ניט אין זיין טע-לער, זיין הארץ איז איהם אַוועקגעגאַנגען נאָך זיין ווייטער היי-מאַט. ער האָט שטאַרק געבייינקט נאָך זיין קליינעם ליטווישען שטעדטעלע. ער האָט אָבער געוואוסט, אז ער קאָן דאָרטען ניט פערדינען אויף ברויט, און זיין איינציגע טרייסט איז געווען די האָפנונג אראָבצוברייינגען אהער זיין פאַמיליע. ער האָט ערוואַר-טעט דיעזע גליקליכע מינוט פיעל מעהרער, איידער ער האָט גע-וואַרט אויף דער צייט פון תחית המתים. ווען ער פלעגט א קלער טון,

אז אין גיכען פיליכט וועט ער זיך ווייטער זעהן מיט זיין ווייב, מיט זיינע קינדער, פלעגען ביי איהם די אויגען פערלויפען מיט טרערען פון פרייד...

אפט אבער פלעגט דעם ארעמענס הארץ פערשטארבען ווע־רען פון שרעק, צווייפלענדיג אויב ער וועט עס גאר ווען עס איז קאנען עררייכען. ירוחם האט גוט געוואוסט, אז אויף צו ברייננגען אהער זיין פאמיליע, דארף ער האבען א היבש ביסעל געלד, און וואו האט ער עס געקאנט נעמען? פון זיינע פערדינסטען האט ער גאר־נישט געקאנט שפארען. ער האט ניט געגעסען און ניט געטרונ־קען, ניט פערגונען זיך דאס לעבען, געשפארט, געקארגט, אבער ער האט גארנישט, גארנישט געקאנט אבשפארען.

דער פערוואגעלטער פעדלער פלעגט אפט ווערען פערצוויי־פעלט, ער פלעגט ארומגעהן ווי א צומישטער און פלעגט זיך, ברע־בענדיג די הענד, ווענדען צו יעדען איינציגען:

„געוואלד, גיט א'ן עצה," פלעגט ער ערנסט רעדען, „ווי אזוי פערדיען איך עפעס מעהר... איך זאל עפעס קענען אבשפא־רען... איך זאל קאנען אראפברייננגען אהער מיין ווייב מיט מיינע קינדערלעך."

עפעס איינער האט ירוחם'ען אן עצה געגעבען, אז ער זאל פרובירען אוועקגעהן איבער די דערפער פעדלען מיט שניט־סחורה. דער זעלבער האט איהם דערצעהלט, אז צו דעם דארף מען קיין גרויסע קענטעניס ניט האבען און מען קאן מאכען פיין געלד, אבער מען מוז דערביי ארבייטען מיט די זייטען.

ירוחם האט זיך דערפאר אנגעכאפט ווי פאר א הייסען קוי־לעטש. ארביימען שווער האט ירוחם'ען א האר ניט געמאכט. וואס האט איהם דען געקאנט אבשטעלען פון דער מעגליכקייט צו בריינ־גען זיין פאמיליע? אבער איין זאך האט איהם יא געשראקען: ער האט אלץ געפרעגט, ווי טוט מען דא, ווען מען פערבלייבט שבת אין וועג?

ווען מען האט איהם אבער דערצעהלט, אז אין יעדען דארף קאן מען טרעפען א אידען און אז אין ערגסטען פאל וועט דא

יעדער קריסט לאזען האלטען שבת, דאן האָט זיך ירוחם ענטשלאָ־סען. אויסגעגעבען די פּאָר דאלאר, וועלכע ער האָט דאך געהאט אבגעשפּארט, אויף א קאסטען און אויף שניט־סחורה, און ער איז געווארען א דארף־פּעדלער. איהם איז גראדע געגאנגען ניט שלעכט. ער האָט גענומען שפּארען א דאלאר, און פון וואך צו וואך איז פערשטארקט געווארען זיין זיסע האפנונג צו ברייגנען אהער זיין ווייב און קינדער.

מיט די ערשטע עטליכע שבתים האָט ער אויך קיין גרויסע יסורים ניט געהאט. ירוחם האט טאקע געפונען אין יעדען דארף א אידען, פונקט אזוי ווי מען האָט איהם געזאגט.

בלויז איין מאָל איז איהם אויסגעקומען צו האלטען שבת ביי א קריסט אין הויז. אמת, דאס איז געווען ניט אזוי אנגענעהם, מען האָט פון איהם גענוג שפּאט געמאכט. מאמעלע, וואס מען האָט פון איהם צולאכט און צופיהרט. געקאסט האָט דאס איהם אויך גע־נוג... אבער דאך האָט ער ניט מחלל שבת געווען, און ער איז געווען צופריעדען און ער איז געווען גליקליך... פיעל מאָל האָט מען איהם געטריבען פון די הייזער, פיעל מאָל געיאגט ווי א משוגענעם הונד, פיעל מאָל איז ער געווען טויט הונגעריג, פיעל מאָל זיינען איהם הינד בעפאלען, פיעל מאָל איז ער שיער ניט געבליבען אויפ׳ן וועג אהן קרעפטען, אבער ער האָט אלץ איבערגעטראגען און ער האָט אין זיין מחשבה אלץ נעהנטער און נעהנטער געזעהן דעם טאג, ווען ער וועט זיך זעהן מיט זיין פאמיליע.

אזוי איז עס געגאנגען ביז דעם לעצטען קריטישען פרייטאג, אין וועלכען מיר האָבען בעגעגענט אונזער פעדלער אויף דעם איינזאמען וועג, ביי דעם דארף ס... מיט דעם גרויסען, שווערען קאסטען אויף זיין רוקען...

3.

ס... איז געווען א קליין דערפעל פון פערציג ביז פופציג איינוואהנער. אויב ירוחם האט דארטען געפונען א אידען אדער ניט, ווייס איך ניט, אבער קיין ברידערליכען פריינדליכען עמפפאנג

האט דער פעדלער אין דיזען דערפעל יעדענפאלס ניט געהאט. דאס האט מען געקענט דייטליך שוין זעהען אין דעם פערלויף פון א קנאפער שטונדע, ווען זיין פיגור האט זיך פלוצלונג בעוויזען אויפ'ן וועג הינטער דעם זעלבען דארף.

בעוויזען זיך האט דער פעדלער לויפענדיג. עס איז געווען קענטיג, אז ער ענטלויפט פון א געפאהר, וועלכע יאגט איהם נאך. דער קאסטען, וועלכער איז ביי ירוחם'ן שוואך געווארען אויף די רימענס, האט איהם געקלאפט איבערן רוקען, ווען ער איז געלאפען, און ער האט זיך ניט אבגעשטעלט. זיין הוט איז אראבגעפאלען אין מיטען וועג און ער איז געלאפען און געלאפען. אין דער ווייטע־נים אהינטער דעם פעדלער האט זיך געהערט א שרעקליך בילען פון הינד און באלד האט זיך טאקע אויפ'ן וועג געצייגט א סטאדע הינד, וועלכע זיינען געלאפען און אלץ נעהנטער און נעהנטער אנ־געיאגט דעם פעדלער... אט זיינען זיי שוין! אט דעריאגען זיי דעם לויפענדען!... און דער וועג איז אזוי איינזאם, קיין לעבעדיגער נפש!

„ראטעוועט!" האט א הערצרייסענדען געשריי געגעבען דער פערציגיעהריגער פעדלער. שנעל ווי א בליץ האט ער א ווארף גע־געבען פון זיך דעם שווערען קאסטען און גענומען נאך שנעלער לויפען.

די הינד זיינען עפעס ווי געווען איבערראשט מיט דיזען איינפאל. זיי האבען זיך אבגעשטעלט ביים קאסטען, ארומגע־שמעקט, ארומגעלעקט איהם, פיין אויסגעבולען זיך און זיינען צוריק אוועק צום דארף... דאך איז דער פעדלער געלאפען און געלאפען... ווען דאס בילען פון די הינד איז שטיל געווארען, האט זיך ירוחם אומגעקוקט אהינטער. ער איז געבליעבען אייניגע מינוטען שטעהן. ווען דער לעצטער שפור פון די הינד איז פערשוואונדען געווארען, האט ער זיך צוריקגעקעהרט. ער איז צוגעגאנגען צום קאסטען, אבגעשטעלט זיך אויף עטליכע סעקונדען. פון ווייטען האט זיך געזעהען זיין הוט ליגענדיג אויפ'ן מיטען וועג. ער איז גלייך אוועק, אויפגע־הויבען איהם, אבגעווישט אן ארבעל דעם שמוץ פון איהם און ער איז ווייטער צוגעקומען צו זיין שווערען קאסטען.

ער האָט איהם גלייך געוואלט אויפהעבען, נור דער קאסטען איז ארויסגעפאלען פון זיינע הענד... די קרעפטען האָבען פלוצלונג דעם גרינעם פעדלער פערלאזען. עס האָט איהם גענומען ציטערן הענד און פיס, עס האָט איהם גענומען קלאפּען א צאָן אן א צאָן, און ער האָט דערפיהלט אז א קאלטער שוויים האָט בעדעקט זיין פּנים.

ירוחם האָט זיך מאכטלאז א זעץ געגעבען אויף זיין קאסטען און איז א ווײַלע געבליבען זיצען עפּעס אזוי ווי א צומישטער... ראפּטום האָט ער זיך א כאפּ געגעבען.

„וועה איז מיר, עס איז דאך שוין אזוי שפּעט... עס איז דאך שוין שבת!"

עס איז ווירקליך געווען ניט פריה, אויף דעם הימעלשען גע־וועלב האָבען זיך שוין דא און דארט געזעהן בלאסע זילבערנע שטערן.

„עס איז שוין שפּעט", האָט ירוחם פערבראכען מיט די הענד. „וואס טו איך? וואו בין איך דאס אין דער וועלט?"

דער פּעדלער האָט מיט דער האנד אריבערגעפיהרט איבערן שטערן. „גאט מיינער, וואו בין איך דאס יעצט?" האָט ירוחם שטיל געערדט מיט די ליפּען און פערצווייפעלט געדריקט מיט די פּליי־צעס. „ווייט פון חנה'ן... ווייט פון די קינדער... ווייט פון אידען... ווייט פון מענשען... אליין ווי א שטיין, נע ונד, עלענד... פערוואָ־געלט... שטום... וואוהין האָב איך דאס פערשלעפּט מיינע אלטע ביינדעלעך?"

ירוחם איז ווייטער געבליעבען זיצען שטיל. זיין היימאט האט גענומען פארביישוועבען פארביי זיינע אויגען. אט זעהט דער פעדלער, ווי ביי איהם אין דער היים איז יעצט שוין שבת, די טישען זיינען געגרייט, אין אלע הייזער ברענען ליכט, עס איז פרעהליך.

עס איז שבת, אין בית מדרש איז ליכטיג, און אלע שטעהען און מען איז מקבל שבת... ער האָט א שווערען זיפץ געגעבען און זיינע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרערען...

„וואס בין איך, משוגע ? וואס זיץ איך?" האט זיך ירוחם ווייטער א צאפּעל געגעבען, „עס איז דאך שוין שבת, וואו זאל איך געהן, וואו? זאל איך דא האלטען שבת?"

ירוחם האט זיך ארומגעקוקט.

עס איז שוין געווען דונקעל. דער וועג איז געווען איינזאם. א טויטע שטילקייט האט געהערשט ארום איהם... און דער וואלד? דער וואלד האט אנגעווארפען אן אומעט, א מרה שחורה... ירוחם'ן איז פּלוצלונג געווארען שרעקליך... ער האט א ציטער געגעבען, און א געפיהל פון עלענד און אימה האט צוזאמענגעדריקט זיין הארץ.

אנווענדענדיג די לעצטע קרעפטען האט ער א כאפּ געגעבען דעם קאסטען, אויפגעהויבען און איהם אוועקגעלעגט אויף'ן רוקען... שנעל, פיבעריש פערבונדען די רימענס, און ער האט זיך געלאזט לויפען.

4.

שפּעט אין דער נאכט איז ירוחם א האלבער א טויטער אריינגעפאלען אין דעם נעקסטען דארף.

דא האט שוין דער ארעמער פּעדלער געהאט א בעסערען מזל. דא האט ער געקראגען א נאכט-לעגער און דא איז ער פערבליבען שבת האלטען.

פון דיזען דארף איז אבער ירוחם אוועק צוריק נאך ניו יארק.

„אויס פּעדלער!" האט ער צו זיך זעלבסט געזאגט. „ניטא... ניין! איך מעג שארען גאלד... איך וועל ניט פערטרינקען מיין נשמה..."

און דער פּעדלער האט געהאלטען ווארט.

יעצט קאנט איהר ווייטער זעהן ירוחם'ן אין ניו יארק פּעד־לען מיט שלייקעס. ביי דעם גרינעם דערגעהט נאך אלץ קיין געלד ניט, אום אריבערצוברייגגען אהער זיין פאמיליע, און ער איז ווייטער פערצווייפעלט, און ער ווייס ווייטער ניט וואס צו טון.

# דער ציוניסט.

איך האָב דאן געזוכט געשעפט און האָב נאכגעקוקט פערשיע־דענע אנאנסען. איין מאָל לעז איך אין א צייטונג:

„א צייטונג־סטענד און ראאוט צום פערקויפען, טראגט אריין ביז צוועלף דאלאר א וואך, צוויי מענשען מוזען צוזעהען, מוז שנעל פערקויפט ווערען, נאכצופרעגען נומער... אמסטערדאם עווענוי, חיים מאיעראוויץ".

„חיים מאיעראוויץ, עפּעס אזא בעקאנטער נאמען," האָב איך געטראכט, „עפּעס א בעקאנטער נאמען".

איך האָב זיך גענומען עראינערן, וואו און ווען איך האָב זיך בעגעגענט מיט א חיים מאיעראוויץ, און איך האָב זיך דערמאנט אזא געשיכטע:

מיט א יאהר צעהן צוריק האב איך געהאט א קווארטיר אין טשערי סטריט אין די „קאזארמעס". איין מאָל זאגט צו מיר מיין מיסים:

„איך האב יעצט געקראגען פון א מאן א פינסטערע גאב און איך בין צופריעדען."

„פאר וואס זייט איהר צופריעדען?" האָב איך געפרעגט.

„ווייל דער מאן איז גערעכט."

איך האָב ניט געהאט וואס צו זאגען און בין געבליעבען שווייגען.

האָט מיין מיסים ווייטער געזאגט:

„איך האב געמיינט, אז עס זיינען ניטא קיין רעכטע מענשען אויף דער וועלט, יעצט זעה איך, אז עס זיינען דאָ."

„ווער?" האָב איך געפרעגט, „ווער זיינען דאָס די מענער, מיט וועמען איהר זייט דאָס אזוי שטארק צופריעדען?"

„טאַקע דערזעלבער, וואָס האָט מיך אזוי גוט אויסגעזוי־דעלט."

„זייט איהר הפנים ווערט געווען, ווי איך זעה," האָב איך גע־זאגט צו מיין מיסים.

„אלץ הייסט ווערט, א ברכה אויף זיין קאָפּ. מיר, ווייבער, זיינען געמיינע ברואים, און ווען מען בעהאנדעלט אונז שלעכט, פערדינען מיר דעם שטעקען."

איך האָב בעמערקט, אז ביי דער פרוי האָבען די אויגען א שיין געגעבען.

איך בין געווארען נייגעריג און איך האָב געוואַרט אויף ווייטערע דבורים.

לאנג ווארטען האב איך ניט בעדארפט. ווען א פרוי נעמט ריידען, הערט זי ניט אזוי שנעל אויף.

„קענט איהר דעם מיסטער חיים מאַיעראוויץ?" האָט ביי מיר א פרעג געגעבען מיין מיסים.

„חיים מאַיעראוויץ? ניין, איך ווייס ניט ווער דאָס איז".

„איהר דארפט איהם קענען."

„ווער איז דאָס?"

„אט דא אויפ'ן צווייטען פלאר וואוינט ער, אן אלמן מיט א קליינער טעכטערעל. וואוינט ביי דער מיסים שנאבילסאן".

„מיט א קיילעכדיגען שווארצען בערדעל?" האב איך גע־פרעגט.

„יע."

„אזא שטילער פערטראכטער אידעל."

„יע, א שטילער," האָט מיין מיסים געענטפערט. „ווען זיין ווייב האָט געלעבט, איז ער אויך געווען א שטילער, אבער אצינד זייט זי איז געשטארבען, האָט ער אין זיך קיין פרייען מוט ניט."

„איך באגעגען איהם אן אנדערם מאהל אויפ'ן דאך", האב איך געזאגט. „ער שיינט צו זיין א וואוילער איד, ער איז א מאנטעל־שניידער, א יא?"

„ יע, דאס איז ער, און זיין נאמען איז חיים מאיעראוויץ, ער איז שוין זייט זעקס חדשים אן אלמן און לעבט מיט זיין איינ־ציג קינד אין „באארד".

„נו, איז פאר וואס האט ער איך אנגעזידעלט?" האב איך ווייטער געפרעגט מיין מיסים.

„ווייל איך האב זיך געמאכט צום נאר."

„וואס צוםביישפיעל?"

„איך האב איהם אנגעמוט ווענען א שידוך."

„האט ער איך—"

„גוט אבגעבריהט," האט מיין מיסים מיך איבערגעשלאגען און נאך איהר פנים האב איך דייטליך געזעהען, אז זי איז באמת צופריעדען מיט דעם „אבבריהען".

„וואס האט ער איך געזאגט?" האב איך געפרעגט.

„ער האט געזאגט, אז איך בין א נארישע יענטע. ווייטער האט ער מיר געזאגט, אז א מוטער פון קינדער דארף זיך ניט סטא־רען בעזארגען דעם צווייטענס א קינד מיט א שטיעף־מוטער..."

נאך דיזען געשפרעך האב איך געזוכט נעהנטער צו בעקאנען זיך מיט דעם מיסטער חיים מאיעראוויץ, פלעג זיך מיט איהם עפ־טער בעגעגענען און פיהרען געשפרעכען.

איך האב דערוואוסט, אז ער האט זעהר ליעב געהאט זיין פערשטארבענע פרוי, און אז ער האט נאך מעהר, שטארקער, שמערצליכער ליעב זיין איינציג קינד, וועלכע איז איהם געבליעבען פון זיין פרוי, א מיידעלע א שוואכע, א בלאסע, פון א יאהר צעהן.

אויך האב איך דערוואוסט, אז אט דער שטילער שניידער איז א פערברענטער ציוניסט.

ווען ער פלעגט נור נעהמען ריידען ווענען ציון, פלעגען זיינע אויגען ברענען און ער פלעגט קריגען עפעס א נייע נשמה.

אזוי ווי איך בין געווען א סאציאליסט, פלעג איך האבען

אפטע דערבאַטען מיט דעם מיסטער חיים מאַיעראַוויץ, אבער איך מוז צוגעבען, אז איך האָב געהאַט אַ גאַנץ קליינעם ערפאָלג, און מאַיעראַוויץ איז זיך פּערבּליעבען דער זעלבער פערברענטער ציוניסט.

עס האָט זיך געמאַכט אזוי, אז איך האָב געמוזט ארויסמופען פון טשערי סטריט. איך האָב פערלאָרען יעדען „סליאַד" פון מאַ־יעראַוויץ'ן און איך האָב מעהר וועגען איהם ניט געהערט, נור יעצט ווען איך האָב איבערגעלעזען די אנאנסע וועגען דעם ציי־טונג־סטענד, האָב איך זיך אָן איהם דערמאַנט, און מיר איז ארויף אַ געדאַנק, אז אפשר איז דאָס דערזעלבער חיים מאַיעראַוויץ.

איך בין אוועקגעפאָהרען נאָך דער אנגעגעבענער אדרעסע און בין געקומען אין נומער... אמסטערדאם עוועניו.

איך האָב געפונען אין בריעפקאַסטען דעם נאָמען מאַיעראַ־וויץ, האָב אָנגעקלונגען, מען האָט געענטפערט דעם קלונג און איך בין ארויף.

אויפ'ן צווייטען פלאָר אויף אַ טיר האָב איך ווייטער אי־בערגעלייענט דעם נאָמען מאַיעראַוויץ און האָב אנגעקלאַפּט.

„קאם אין."

איך בין אריין.

עס האָט מיך בעגעגענט אַן אלטער גרויער מאַן.

ניין, דאָס איז ניט דער, האָב איך אַ טראַכט געגעבען.

„וואוינט דאָ מיסטער מאַיעראַוויץ?" האָב איך געפרעגט און געקוקט אויף דעם אלטען.

„יע, דאָס בין איך..."

„איהר האָט אדווערטייזט וועגען אַ סטענד".

„יעס, איך האָב אדווערטייזט."

איך האָב זיך נאָך אַ ווײַלע צוגעקוקט צו דעם אלטען מאַן... איך האָב איהם דערקאַנט... יע, דאָס איז געווען דער אמאָליגער חיים מאַיעראַוויץ.

עס האָט מיר עפּעס אַ ריס געגעבען אין הארצען.

ווערע, ווי אלט און ווי גרוי ער איז געווארען.

„וואס קוקט איהר מיך אן אזוי?“ האט ביי מיר געפרעגט מיסטער מאיעראוויץ.

„מיר שיינט, איך קען אייך.“

„מעגליך.“

„האט איהר אמאל געוואוינט אין טשערי סטריט?“

„אין טשערי סטריט? יעס.“

ביי דעם אלטען גרייז איז אריבער א שאטען איבערן פנים און ער האט ווייטער געזאגט:

„יעס... יעס, דארטען איז מיין פרוי געשטארבען.“

„איך האב אייך קוים דערקענט.“

„אלט געווארען, א יא?“ האט ער געפרעגט עפעס מיט אזא מאדנעם שמייכעל, און נאכהער פרעגט ער מיך :

„זאגט מיר, זייט מוחל, ווער זייט איהר?“

איך האב געזאגט מיין נאמען.

„איך געדענק ניט“.

„האט איהר זיך פערגעסען אונזערע ויכוחים אויפ'ן דאך וועגען ציון?“

„אה... איך וויים... איך ווייס... יעצט דערמאן איך זיך...“

ער האט מיר געצייגט אויף א שטול.

איך האב זיך געזעצט.

„ווי קומט עס עפעס, אז איהר זייט גאר געווארען א צייטונגס־הענדלער?“ האב איך געפרעגט. „איהר זייט, שיינט מיר, געוועזען א שניידער.“

„איך האב אפגעגעבען מיין ארבייט צוליעב מיין טאכטער'ס וועגען... איך האב געוואלט האבען מעהר צייט צו זיין אין דער היים, מיט איהר צוזאמען.“

„וואס מאכט אייער טאכטער?“

„זי איז אלל רייט...“

און דורך דעם אלטען'ס געזיכט האט ווידער דורכגעשוועבט א שווערער וואלקען.

„און פאר וואס פערקויפט איהר עפּעס דעם סטענד?“

„ווייל איך דארף עס יעצט ניט.“

„רייך געווארען.“

„איך האב מיין טאכטער מעהר ניט.“

מיר איז ארויף א מחשבה, אז זיין קינד איז געשטארבען. דער אלטער האט הפנים פערשטאנען מיין מחשבה, ווארום ער האט גלייך געזאגט:

„זי לעבט.“

„נור וואס דען?“

„זי האט מיך פערלאזען... זי איז פון מיר אנטלאפען...“

די פינסטערע נאכט האט בעדעקט דעם אלטען'ס פנים.

„וואס איז עפּעס דער מעהר?“

„ווייל איך בין א איד...“

איך האב אנגעקוקט דעם אלטען, איך האב עפּעס געוואלט פרעגען, נור איך האב ניט געוואוסט וואס.

„ווייל איך בין א איד,“ האט מיר מאיעראוויץ ווייטער גע־זאגט.

„נו, איז וואס?“

„מיין טאכטער איז געבארען געווארען דא... זי איז אן אמע־ריקאנער מיידעל און האט חברים און חבר'טעס אמעריקאנער מיידלאך און באיעס.“

„נו, איז וואס?“

„האט זי זיך מיט מיר פאר זיי געשעמט...“

„זאל דאס זיין די אורזאכע?“ האב איך געצווייפעלט.

„דאס, נישט מעהר, ווי איהר זעהט,“ האט מאיעראוויץ גע־נומען רעדען. „ווי איהר זעהט, האב איך א טיפּישען פנים פון א בערדיטשעווער אידען. און ווי איך זאל זיך ניט אנטאן, דער־קענט מען, ווער איך בין... ניט איין מאל האט געטראפען, אז ווען מיין רייזעל פלעגט מיט מיר געהן, פלעגט זי זעהען ווי מען שטעלט מיר „פאלעס“, מען מאכט צו מיר משוגה'דיג ווילדע האוואיעס...

און ניט איין מאָל האָט מען מיר געטראָפען מיט א שטיין, ווען זי האָט עס געזעהען...

„איך פלעג זעהען, אז זי ליידעט פאר מיר... אז זי האָט רחמנות אויף מיר... דאָך האָט זי אויפגעהערט מיט מיר געהן צוזאמען. זי האָט גענומען אויסמיידען מיט מיר צוזאמען צייגען זיך אין סטריט... די נאכבארשאפט איז דא א העסליכע... מען האסט דא א אידען ווי דעם טויט... און ניט איין מאָל איז רייזלען אויסגעקומען האָבען איבער מיר בזיונות...

„מיין קינד האָט זיך מיט מיר גענומען שעמען ווי מיט דעם גרעסטען פערברעכער... וועה, וועה, וואס איך האָב איבערגעליטען, טאטע אין הימעל! ניט איין מאָל האָב איך נאס געמאכט מיין קיכעלע מיט ביטערע טרערען... ווען איהר וואלט וויסען ווי איך האָב זי האלט געהאט... וואס איז מיין לעבען אהן איהר?... איך האָב גארנישט געקענט העלפען... די שכנים... איהרע חברים, איהרע חבר'טעס... אלעס האָט געווירקט אויף איהר... ניט איין מאָל האָב איך זיך דערוואוסט, אז מען לאכט פון איהר אָפּ, ווייל איך בין איהר טאטע... מיט איין ווארט... קורצע דבורים... מיט דריי טעג צוריק האָב איך בעקומען אט דעם צעטעלע".

ער האָט מיר דערלאנגט א פאפיערעל אין וועלכען איך האָב געלעזען אין ענגליש:

„פאפא, מיר קענען לייגער צוזאמען ניט פערבלייבען, מיר זיינען צוויי בעזונדערע מענשען... איך פאהר אוועק... זיי געזונד."

איך האָב געדריקט מיט די פלייצעס, און דעם אלטען'ס אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרערען...

נאָך א ווײַלע פון שטיל־שווייגען האָט מאיראוויץ געזאגט:

„איהר פלעגט מיט מיר אמאָל האָבען ויכוחים וועגען ציון."

„יעס, איך געדיינק."

„איהר פלעגט זאגען, אז אפילו ווען אידען זאלען קענען בעקומען ציון, וועלען זיי דארטען זיין נאָך אויף גרעסערע צרות איידער אין דעם ביטערסטען גלות."

„איך זאג עס יעצט אויך."

„גלויבט מיר, עס וואלט מיר ניט געארט אויסגעהן פון הונ־גער, אבער ניט זיין ארומגערינגעלט מיט האס, מיט שנאה, שפאט, געלעכטער און לצנות... סם... דאס איז סם... דאס האט פער׳סם׳ט דאס בלוט פון מיין רייזעלען... פון מיין איינציג קינד... אוי, וועה איז מיר!!!“

ער האט בעהאלטען זיין גרויען קאפ אין די הענד און דער אלטער אונגליקליכער פאטער האט זיך צוואויינט.

* * *

איך האב געהאט פיעלעס וואס אנצואווענדען געגען מאיע־ראוויץ׳עס ווערטער ווענען ציון, דער מאמענט איז אבער געווען צו טראגיש צו רעדען; מיין הארץ האט צוזאמענגעדריקט א וועהטאג, און בלויז א טיעפער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון אונטער מיין ברוסט...

# פון וועמען ער האט זיך בעהאלטען.

דיעזען טאג האב איך שוין געריכט זיך כאפען די טייערע צרות און איך האב געכאפט. ווען איך פלעג אבער ווארפען א בליק אויף מיין נאכלויפער, פלעגט מיך אנכאפען ביים הארצען און איך פלעג פערגעסען אן מיינע אייגענע צרות.

מיין נאכלויפער איז געווען אן עלטערער איד פון עטליכע און פופציג יאהר, א איד מיט א שיינער גרויער באָרד... אבער לאָמיך אייך דערצעהלען די געשיכטע אביסעל דייטליכער.

אין יענע גוטע צייטען האב איך פערדיענט מיין שטיקעל ברויט פון דעם, וואס איך פלעג ארומטראגען אידישע צייטונגען איבער די הייזער צו שטענדיגע קונים.

אזא מין פרנסה רופט זיך אין ניו יארק: „א אידישער צייטונגס־ראוד". דאס רעכענט זיך דארטין פאר א ביזנעס, און מען קויפט און מען פערקויפט עס להבדיל ווי א שטיק אייגענטום.

עס איז געווען א צייט, ווען איך האב מיין ראוד געקויפט, און עס איז אויך געקומען א צייט, ווען איך האב דאס געשעפט בעדארפט פערקויפען.

האב איך וועגען מיין פערלאנג געלאזט וויסען אין דער אידישער מעקלער־וועלט.

אט זעהט זיך מיט מיר א מעקלער און האט מיט מיר אזא מין געשפרעך:

„וויפיעל טראגט אריין אייער געשעפט א וואך?" פרעגט מיך דער מעקלער.

„צעהן דאלאר", ענטפער איך.

„דאס טראגט טאקע, אדער איהר גיט עס אַן אזוי ?" פרעגט דער מעקלער גאנץ ערנסט.

„עס טראגט טאקע אזוי".

„און אין וויפיעל ווילט איהר אנגעבען ?"

„אין צעהן דאלאר".

„דאס הייסט איהר ווילט האנדלען דורכאוים מיט'ן אמת ?"

„צו וואס איז דא דער ליגען ?" פרעג איך דעם מעקלער.

„רעכט", איז מרוצה געווארען דער מעקלער, „וויבאלד אז איהר ווילט זיין אַן אמת'ער מאן, וועל איך אייך געבען א קונה אויך אַן אמת'ען מאן.

„זעהר פיין".

„דער קונה איז גאר א געהויבענער", דערצעהלט מיר דער מעקלער.

„וואס מיינט איהר מיט דעם ?"

„ער האט אמאל אין רוסלאנד געשפיעלט גאר א גרויסע ראלע. ער האט געהאט פיינע געשעפטען און איז געווען גאנץ רייך, האט איהם דער אויבערשטער נעבאך ביטער געשטראפט. ווענינ וואס ער איז דורך פערשיעדענע אונגליקען געווארען זעהר ארעם, דארף ביי איהם נאך אוועקשטארבען זיין בן יחיד און לאזט איהם איבער צוויי קליינע קינדערלעך. איז ער אהער נאך אמעריקא גע־קומען. נו, פאר וואס זאל זיך אזא נעהמען ? גרין אין לאנד איז ער, רעדען ענגליש קען ער א ווארט ניט, ארבייטען אויף די עלטערע יאהרען קען ער ניט געהן, קיין סך געלד האט ער ניט. שוין זעקס חדשים זייט ער איז אין לאנד און ער עסט פון גרייטען געלד. האב איך איהם געראטען קויפען א אידישען ראוד און ער איז זעהר געדן דאס צו טאן.

„יעס", ענטפער איך דעם מעקלער, „אבער"...

„וואס אבער ?" שלאגט מיך איבער דער מעקלער.

„איך וויים גאר ניט, אויב פאר אזא מאן טויג אזא ביזנעס".

„עס טויג", ענטפערט דער מעקלער.

„איהר ווייסט דאך"... זאג איך ווייטער.

„אז וואס ?" שלאגט איבער דער מעקלער.

„אז דאס איז ניט אזא זיסער ביסען".

„ער איז מרוצה. ער האט נעבאך ניט פאר וואס אנדערס צו כאפען זיך".

„מען מוז אבער איהם זאגען, אז מען האט דאביי גרויסע צרות פון לויפערס", מאך איך אויפמערקזאם דעם מעקלער. „עס איז ווינטער און מען כאפט גאנץ אפט מיט סנעזשקעס, אדער ווען עס איז א דוחק אין שנעע,קריעגט מען אזוי מיט בלאטע אין קאפ".

„ער ווייס , ער ווייס", מאכט דער מעקלער, „נור איהם ארט ניט. עס איז ניט א קליינינגקייט, עס איז שוין זעקס חדשים, אז דער מענש זיצט אהן פרנסה: ער איז שוין פינסטער ווי די ערד; ער ווייס, ער ווייס שוין אלץ וועגען דער בעשעפטיגונג. ער ווייס, אז לויפערס שלאגען ; ער ווייס, אז מען דארף זעהר פיעל ארומ־געהן ; אבער ער איז צופריעדען ; ווי באלד ער זאל נור מאכען אן ארעמען לעבען, איז ער צופריעדען".

איך האב פערהאנדעלט מיט דעם מעקלער ווייטערע ביזנעס און מיר האבען זיך געשיידט אין פריעדען.

אויף מארגען אבענד האט מיין קונה בעדארפט קומען אנ־זעהען מיין ביזנעס. ווי אויף להכעיס איז דיעזען טאג ארויסגע־פאלען א פיינער שנעע. גאנצע באנדעס לויפערס זיינען ארומגעלא־פען אין די גאסען און מען האט מיט סנעזשקעס פער׳הרג׳עט, ווע־מען מען האט נור געקאנט.

ווען איך בין געקומען אין קעלער נעהמען מיינע צייטונגען, האב איך דארטען דערזעהען אן אונבעקאנטען אלטען אידען מיט א גרויסער גרויער באָרד ; דער מאן איז געשטאנען אין א וויני־קעלע עפעס אזוי ווי פערטראכט אין טרויעריגע רעיונות. דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז דאס איז מיין קונה און איך האב איהם א ווײלע אנגעקוקט.

דאס איז געווען א איד פון עטליכע און פופציג יאהר, מיט

א שיינעם קלוגען געזיכט, ארומגערינגעלט ארום און ארום מיט שנעע ווייסע האר.

זיין בלאסע, בלייכע שטערן איז געווען איינגעשניטען מיט טיעפע קנייטשען, און זיין גאנץ פנים איז געווען בעדעקט מיט א שווערען וואלקען.

ער איז געשטאנען אימער טיעף פערטראכט, ניט אכטענדיג אויף דעם ארומיגען גוואלדיגען טומעל פון די ארומיגע צייטונגס־הענדלער.

אפשר האט ער געטראכט וועגען זיין היים, וועגען זיינע אמאליגע יאהרען, וועגען זיין איינציגען זוהן'ס קבר, וועלכען ער האט איבערגעלאזען אהינטער זיך אין זיין היימאט...

„דער מאן ווארט אויף אייך", האט מיר איינער א צייטונגס־הענדלער א זאג געטאן אויף'ן אויער.

„איך וויים", האב איך געענטפערט ; איך האב נאך א מאל א קוק געטאן אויף דעם אלטען גרויען אידען ; מיר האט זיך פארגעשטעלט, ווי ער ווערט דאס באלד נעהמען נאכלויפען נאך מיר „זעהען מיין ביזנעס" און לייזען פון לויפערס מיט שמוץ און מיט סנעזשקעס. איך האב זיך דאס פארגעשטעלט און מיין הארץ האט מיר גענומען וועהטאגען !

די צייטונגען זיינען אנגעקומען און אין קעלער איז געווארען א שרעקליכער טומעל.

איך בין צוגעגאנגען צו דעם גרויען אידען.

„דאס האט אייך דער און דער אהער געשיקט ?" פרעג איך איהם.

„יע", האט דער איד געענטפערט.

איך האב זיך פארגעשטעלט און אין א האלבע שטונדע ארום בין איך שוין געלאפען מיט מיין סחורה, און דער אלטער איד איז מיר נאכגעלאפען.

איך זעלבסט בין געווען א גאנץ גוטער קרבן פאר די לויפער, אבער אז חברה האבען דערזעהען, אז נאך מיר געהט נאך אן עלטערער איד מיט א „וויסקי", נו, נו, דארפט איהר שוין פערשטעהן,

וואס עס האט זיך אביסעל אפגעטאן... מען האט אונז ניט געלאזט דורכגעהן א טראט, מען האט אונז איינפאך פער'הרג'עט...

און איך לויף און דער אלטער נעבאך לויפט נאך מיר נאך. העלפט גאט און מיין ארעמער נאכלויפער פאלט א פאר מאל און שמירט זיך אויס אין בלאטע, ווי גרויס ער איז...

מיר לויפען!

און סנעזשקעס פליהען אין אונז אהן א סוף און א ברעג.

איך טו א בליק אויף מיין נאכלויפער און איך פערגעס אן מיינע אייגענע צרות. א פערבלאטיגטער, א פערשמוצטער, בלאס ווי א טויטער, מיט ברענענדע אויגען לויפט ער נאך מיר טראט ביי טראט...

איך שטעל זיך אפ און זאג צו איהם:

„אפשר איז דאס פאר אייך צו שווער?"

„עס מאכט ניט", ענטפערט ער.

„די לויפער וועלען אייך פער'הרג'ענען", זאג איך.

„עס וועט גאנץ זיין, איך וועל בלייבען לעבען", ענטפערט ער מיט א מאדנעם שמייכעל.

און איך לויף ווייטער, נור דאס הארץ טוט מיר אזוי מאדנע וועה.

איך קוק זיך ארום... מיין נאכלויפער איז ניט געווארען. איך טו א קוק אהין, אהער, איך זעה ער איז אין א האל פון א הויז אריין און שטעהט דארט בעהאלטען.

איך געה צו און פרעג:

„וואס איז? וואס איז דער מעהר?"

מאכט ער מיר א צייכען, איך זאל שווייגען.

איך ווארט אפ א ווייל'ע, דער איד איז ארויס פון זיין בעה־העלטעניס, האט זיך דערשראקען ארומגעקוקט און זאגט צו מיר:

„קומט, יעצט קענען מיר ווייטער געהן".

„ווארום האט איהר זיך בעהאלטען?" פרעג איך, „אין דעם געגענד זיינען גראדע קיין לויפער ניטא".

„איך האב זיך ניט פון לויפער בעהאלטען", ענטפערט דער גרויער איד.

„ניט פון לויפער ? פון וועמען דען ?" קוק איך אן פער־וואונדערט דעם ארעמען גרייז.

„פון א לאנדסמאן", האט דער אלטער געענטפערט און אויף זיינע ליפען האט זיך ווייטער געצייגט א שמייכעל... א מאדנער רחמנות׳דיגער שמייכעל... אזא שמייכעל טוט אימער א ריס אין הארצען.

איך שווייג.

„א לאנדסמאן מיינער איז דא דורכגעגאנגען : א לאנדסמאן וואס קען מיך נאך פון אמאליגע יאהרען", האט מיין קונה ווייטער געזאגט און אימער מיט דעם זעלבען שמייכעל אויף די ליפען. „ער קען מיך נאך פון יענע יאהרען... ווען... ווען... איך בין אין ראססיע געווען... ווען מיין זוהן האט נאך געלעבט"...

אין דעם אלטענ׳ס ווערטער האבען טרערען געציטערט...

ער איז אנטשוויגען געווארען.

איך בין געלאפען, ער איז נאכגעלאפען, און לויפער האבען אונז ביידען געשלאגען ; און ווען איך האב נאך א מאל א בליק געווארפען אויף דעם אלטען אידען, האט זיך מיר פלוצלונג ווייגען פערוואלט...

* * *

איך האב דעם אלטען אפגערעדט פון צו קויפען מיין ראוד ; אין א פאר וואכען ארום האט ער אבער דאך געקויפט א אידישען ראוד, נאך אין אן ערגערען געגענד, אין א געגענד, וואו עס פאסירט גאנץ אפט, אז א איד מיט א בארד לייזט מיט א ציגעל אין קאפ.

# מאלעריע אדער דער אלטער דייטש?

ניט אכטענדיג אויף דעם וואס עס איז שוין נאהענט צו האל־בע נאכט, שלאפט מען נאך ניט ביי די האלאמעיקין׳ס.

מאן און ווייב זיצען שטארק פערטראכט און שווער, שווער פערזארגט. דאס פרובירען זיי ענטשיידען א וויכטיגע פראגע, וועל־כע שטעהט יעצט אין דעם מיטען פון זייער לעבענס־וועג און מוז אונבעדינגט פערענטפערט ווערען.

די פראגע איז :

„מאלעריע אדער דער אלטער דייטש ?"

האלאמעיקין איז ביי היינטיגען טאג א ביזנעסמאן אהן א ביזנעס; א צייטונגס־סטענדיל האט ער פערמאכט. האט ער דאס פערקויפט און יעצט זוכט ער אנאנדער געשעפט, פון וואס צו מאכען א לעבען.

זוכט ער, און קען ניט געפינען און קייט, ניט פאר קיינעם גע־דאכט, די ערד.

קאנט איהר דאך מיינען, אז ניו יארק איז א שטאדט, וואו מען פערקויפט ניט קיין ביזנעס, האט איהר טאקע א טעות. פול און פול ! אלע צייטונגען זיינען אנגעשטאפט מיט אדווערטייזמענטס וועגען ביזנעס צו פערקויפען, היינט ווער רעדט שוין וועגען דעם אידישען קווארטאל ? דא קעהרט א וועלט... עס איז א יריד...

עס זיינען דא אויף יעדען בלאק הונדערט אגענטען און יע־דער אגענט האט צום פערקויפען אפשר א טויזענד געשעפטען... עס זיינען דא גענוג ביזנעס צום פערקויפען און האלאמעיקין האט

שוין איבערגעפּרובט אפשר הונדערט געשעפטען, אבער דאס זיינען אלץ אזעלכע געשעפטען, וועלכע פּאסען זיך פאר איהם ניט.

אט צום ביישפּיעל האט ער שוין גאר געהאלטען אין קויפען א פיינע קענדי סטארקע אין דער צעהנטער סטריט. די ביזנעס האט פערקויפט אן ערל און עס האט געשיינט צו זיין א מציאה פון א גנב. האלאמעיקין האט שוין געגעבען א דעפּאזיט צעהן דאלאר, האט שוין בעדארפט אפּגעבען דאס איבעריגע געלד און ווערען בעל הבית פון דער קענדי סטארקע; דערוויסט ער זיך פּלוצלונג, אז אין צוויי וואכען ארום געהט מען ארונטערוואַרפען דאס הויז, און וועלכען עס געפינט זיך די סטארקע. נו, האט האלאמעיקין גע־לאזען דעם דעפּאזיט, אפּגעבענטשט „גומל" און איז אנטלאפען פון דער צעהנטער סטריט גאנץ מיט די ביינער.

קומט אן צו האלאמעיקין א בריעף פון אן אגענט, טאקע פון אן ארענטליכען „בעקאנטען" אגענט, אז עס איז דא א גרויסע מציאה אין יאנקערס — א צייטונגס־ראוד'ל, וועלכער איז פאר איהם, האלאמעיקין'ען, ווי געוואונשען.

פליהט האלאמעיקין נאך יאנקערס.

עס איז פיין, עס איז ווייטער א מציאה, און דער פערקויפער איז ווייטער אן ערל, אן איירישמאן, און עס איז טאקע גאנץ נאַ־טירליך. מציאות קאן מען האנדלען נור ביי קריסטען, א איד וועט זיך ניט לאזען אפּנארען, דאס ווייס האלאמעיקין פון פּראַקטיק, און ער נעהמט פערהאנדלען מיט דעם איירישמאן וועגען געשעפט. עס איז אלץ זעהר פיין, נור דערוויסט זיך האלאמעיקין פון א זיי־טיגען קערל, אז דער ערל האט טאקע דאס זעלבע ביזנעס פערקויפט שוין פיינע עטליכע מאל: ער נעהמט אפּ געלד, גיט איבער די קאסטימער, שרייבט זיך אפּ געזעצליך, ווי עס איז געהעריג, נור נאכדעם שיקט ער זיינעם א פריינד, אויך אן איירישמאן, טאקע צו די פערקויפטע קאסטימער און מען נעהמט זיי אפּ צוריק ביס־לעכווייז, און אז דער קונה אנטלויפט פון יאנקערס, ווייל ער האט דארט מעהר ניט וואס צו טון, ווערט דער איירישמאן צוריק בעל הבית איבער זיין אלטען געשעפט.

ווען האלאמעיקין האט דאס דערוואוסט, איז ער געווארען א פערציטערטער, אפגעטרייסעלט זיך פון דער נייער מציאה און א נדר געגעבען מיט א פוס ניט אריינטרעטען אין יאנקערס.

ראט מען האלאמעיקין׳ען א סטארקע אין הארלעם. פרובירט האלאמעיקין ווייטער געשעפט, היינטיגס מאל איז שוין ניטא קיין שווינדעל. נור האלאמעיקין זעהט, אז דאס געשעפט וועט אפילו אויף רענט ניט טראגען און עסען וועט דארפען אן אנדערער, אבער ניט ער, האלאמעיקין, און אויך ניט זיין פאמיליע.

זוכט האלאמעיקין ווייטער געשעפט. שיקט איהם אן אגענט נאך פעלהעם עווענין צו איינעם עפעס א מאררים חריסטאלאפ, א געזעצטען יונגען אידישען בחור מיט א פאר רויטע באקען און קליינע טרפה אויגלעך.

האלאמעיקין פרובירט דאס נייע געשעפט ; עס איז א צייטונגס-ראוד, א אינדערפריהענדיגער און א פארנאכטיגער. דער ראוד לויפט אהינטער ניו יארק, מחוץ לעיר, אויף בערג און אין קאנאווען. א הייזקע פון א הייזקע איז דארטען א מייל ווייט, און מען מוז קריגען געשוואלענע פיס צו פערנאנדערטראגען די צייטונגען. האלאמעיקין׳ען ארט עס אבער ניט. דעם קערל ארט שוין ניט האָרעווען ווי אן עזעל, אבי נור מאכען א לעבען. נון, בעט דער מיסטער חריסטאלאפ פאר זיין ביזנעס פינף הונדערט דאלאר, וואס האלאמעיקין האט ניעמאלס אין זיין לעבען פערמאגט. ווייטער גיט מען אן, אז דאס געשעפט דארף טראגען פערצעהן דאלאר א וואך, נור נאך האלאמעיקין׳ס רעכענונג קומט גאר אויס, אז דאס וועט אריינברייגגען ריינע זעקס דאלאר א וואך. דאס אלעס.

עס איז ניט פאר איהם א געשעפט !

פערזוכט האלאמעיקין א סטענדיל גאר דאון טאון.

עס איז א פיין געשעפט, נישט טייער אין פרייז און טראגט אריין געשמאקע צעהן דאלאר די וואך. נון דארפען די ביזנעס טענדען אכט מענשען. פאר דעם אייגענטימער פון דעם סטענדיל איז דאס ניט שווער צו בעהויפטען, ווייל ער האט קיין עין הרע זעקס קינדערלעך, א שוועסטער און א שווענגערין, האבען זיי קיי־

נער ניט וואס צו טון און אלע זיינען ביזי ארום דעם ציימונגס־סטענדיל. אבער חאלאמעיקין זוכט געשעפט. קיין גרויס קאפיטאל האט ער ניט און ווען ער זאל אזוי זוכען נאך א פאר חדשים, וועט זיך זיין קאפיטאל ענדיגען, די חלה וועט אוועקגעהן אויף „המוציא׳ס", און עס וועט אויסקומען צו שיידען זיך מיט׳ן לעבען.

אוי, עס איז ניט פרעהליך!

וועט איהר דאך פרעגען, צו וואס האט עס חאלאמעיקין פערקויפט זיין סטענדיל? האט ער דען ניט געקאנט פעראויסזעהן, אז ער וועט האבען די טייערע צרות?

ערשטענס מוזט איהר וויסען זיין, אז יעדער מענש קאן אריבערפאלען. צווייטענס מוז איך אייך זאגען, אז חאלאמעיקין האט ביי זיין סטענד ניט געלעבט, נור געמארטערט זיך. ניט פאר קיינעם געדאכט, עס איז געווען א זיכערער טויט, און דער ארימער קערל איז גערן געווען, וואס ער האט זיך פון דעם ארויסגעראטעוועט.

אבער דערווייל איז ניט גוט!

די חאלאמעיקין׳ס פערגינגען זיך ניט דאס שטיקעל ברויט, מען עסט פון זיך דאס אייגענע פלייש, מען טרינקט דאס אייגענע בלוט, און דאך לויפען די דאלארס אוועק שרעקליך, שרעקליך געשווינד.

דירה־געלד מוז מען צאהלען, קעראסין קאסט געלד, קוילען און האלץ שיינקט מען ניט אין אמעריקא און זוכען געשעפט קאסט אויך אפ געגוג.

אוי, עס איז ביטער!

יעצט האט חאלאמעיקין צוויי געשעפטען אין אויסזעהען, און ער האט זיך פעסט בעשלאסען איינס פון די צוויי צו קויפען, ווייל ווארטען לייגגער איז אונמעגליך.

די צוויי ביזנעס זיינען פאלגענדע:

א צייטונגס־סטענדיל אין די בראנקס און א סטארקע מיט צייטונגען אין אסטאריע.

האט אבער יעדעס געשעפט א צרה, א מכה אין זייט. דער סטענדיל אין די בראנקס איז א ביטערער ביסען, עס איז א שווער

געשעפט, מען מוז אויפשטעהן צוויי אוהר פאר טאג, פאהרען נאך די ציימונגען. די געגענד איז אן ארעמע, א צואווארפענע, און מען דארף ארבייטען מיט דער גאל אין דער פריה און פארנאכט, און מען וועט פון דעם אפשר, אפשר, אפשר מאכען א שטיקעל לעבען... דאס אלץ וואלט שוין געווען נישט קשה, איז אבער דא א גרויסע צרה : אן אלטער דייטש קריכט אויף די קאסטאָמער.

אט דער אלטער דייטש איז זעהר א שענדליכע בריאה, א פייערדיגער שנארער, א ניעדריגער בעטלער... קלאפט אין אלע טירען, בעטעלט, ערנידעריגט זיך און וויינט, און רייסט אוועק א קונד נאך א קונד. נו, ווי זאל מען דאס געהן אין אזא צרה ?

נו, און אין אסטאריע ?

אין אסטאריע איז מאלעריע !

די סטארקע געפינט זיך אין א זומפיגער געגענד, אין א טאל און דארטען מוז מען קריגען די מאלעריע.

פון דער סטארקע קאן מען מאכען אן אנשטענדיג לעבען. אבער מען מוז קריעגען קדחת, מען מוז זיך טרייסלען.

מען זאגט, אז די סטארקע פערקויפט זיך יעדען מאנטאג און דאנערסטאג, ווייל ווער עס קריכט נור אהין אריין, קריגט מאלעריע און איז גערן, אז מען ראטעוועט זיך ארוים מיט'ן לעבען.

אבער די חאלאמעיקין'ס קאנען לייננער דאך ניט ווארטען. אט איז מארגען דער ערשטער. דער לענדלארד וועט קומען, מען וועט מוזען ווייטער איינצאהלען דירה־געלד פאר א חודש אכט בלוטיגע דאלאר ! ניין, עס קאן אזוי ניט געהן, זיי מוזען קויפען א געשעפט, זיי מוזען איין מאל פאר אלע מאל שוין וויסען אויף וואס פאר א וועלט זיי געפינען זיך... ווען ניט, זיינען זיי פערלארען. ווען ניט, וועט ניט בלייבען פאר וואס צו קויפען א געשעפט,—און דער שווארצער הונגער־טויט ערווארטעט זיי.

זיצען די חאלאמעיקין'ס טיעף פערזארגט און שווער פער־טראכט ; א פראגע פרובירען זיי ענטשיידען :

מאלעריע אדער דער אלטער דייטש ?

דער זיינער שלאגט צוועלף.

„זאל זיין געגוג צו טראכטען", טוט חאלאמעיקין א מאך מיט דער האנד פערצווייפעלט, „זאל זיין גענוג. איך וועל געהן שלאפען".

„וואס'ער געשעפט וועסטו פארט קויפען ?" פרעגט אבער דאבע רייזע, חאלאמעיקין'ס ווייב.

„מיר וועלען זעהען מארגען פריה".

„מארגען פריה קומט דער לענדלארד. וואס זאל מען איהם זאגען ?" פרעגט דאבע רייזע.

חאלאמעיקין'ס פנים בעציהט זיך מיט א שאטען. ער גיט א טיעפען, שווערען זיפץ און נאך א ווילע שווייגען ענטפערט ער :

„עס בלייבט אסטאריע".

„אסטאריע ?" פרעגט איבער דאבע רייזע.

„יע, אזא געשעפט וועלען מיר ניט קריגען מיט אונזערע עט־ליכע דאלאר אין גאנץ ניו יארק ; מען וועט דארטען קאנען מאכען אן אנשטענדיגען לעבען", ענטפערט חאלאמעיקין.

„נו, און וועגען דער מאלעריע ?" מאכט טרויעריג דאבע רייזע.

„עט, עס וועט גאנץ גוט זיין... זעהסט דאך, אז מענשען וואוינען דארטען און מען לעבט און מען איז געזונד"...

„אבער מען זאגט דאך, אז מען אנטלויפט פון דער סטארקע, ווייל מען ווערט דארט טויט קראנק".

„איך ווייס זעהר, וואס מען רעדט", ענטפערט חאלאמעיקין.

„אבער דו זאגסט דאך אליין, חאלאמעיקין, אז די גאנצע פאמיליע דארטען אין סטארקע קוקען אוים ווי טויטע מענשען".

„נו, וואס זאל מען אבער טון ?" בעט זיך חאלאמעיקין ביי זיין ווייב. „וואו נעהמט מען אלעם זאל גוט און וואויל זיין ? מיט אונזערע פאר דאלאר קאנען מיר אזא גוטע ביזנעס ניט קריעגען... און ווארטען קען מען ניט".

„בלייבט טאקע אסטאריע ?" פרעגט דאבע רייזע שטיל און טרויעריג.

„יע, מארגען וועל איך געהן ענדיגען".

„איך האב מורא, חאלאמעיקין“.

„עט, ניטא וואס מורא צו האבען“.

„מיר האבען א שוואך קינד, חאלאמעיקין“...

דאבע רייזע׳ס שטימע טוט א ציטער, חאלאמעיקין׳ען טוט עפּעס א ריס אין הארצען. און זיין ווייב רעדט ווייטער:

„דאס איז דאך אונזער גאנץ לעבען, וועה איז אונז געשעהען... א שוואך קינד נעבאך... ווי געהט מען דאס אריין מיט איהר אין אזא אונגליק?“

דאבע רייזע׳ס אויגען קוקען מיט שרעק. חאלאמעיקין׳ען פערנעהמט ביים הארצען און ער זאגט:

„נו, טא זאל זיין אין די בראנקס דער סטענדיל“.

„איך רעכען אויך אזוי“, גיט צו דאבע רייזע, און אטעמט אב פרייער.

„אבער דער אלטער דייטש?“ טוט א זאג חאלאמעיקין און אויך אין זיינע אויגען איז קענטיג א שרעק.

„קריכט ער אויף די קאסטאמער?“ פרעגט איבער נאך א מאל און נאך א מאל דאבע רייזע.

„מען זאגט, אז ער רייסט דעם ביסען פון מויל“, לאזט ווי־סען חאלאמעיקין.

„וועסטו אויך רייסען“, מאכט דאבע רייזע עפּעס מיט אזא מין אכזריות און איהרע אויגען טון א ברען.

„זעהר ביטער“.

„זאגסט דאך, אז עס איז א אידישע געגענד. טא וואס האסטו מורא פאר׳ן דייטש?“ פרעגט ווייטער דאבע רייזע.

„אוי, נארעלע“, האט חאלאמעיקין געענטפערט, „ווייל עס זיינע אידען, דערפאר איז זעהר ביטער. א איד האט ניט האלט א אידען און וועט שטענדיג געבען מעהר „שאו“ א גוי“.

„אז אויסגעריסען זאלען זיי ווערען, די ניו יארקער אידעלאך“, מאכט דאבע רייזע מיט הארץ.

מאן און ווייב בלייבען א ווילע שטיל שווייגען.

„אך, אסטאריע, אסטאריע!“ פאנגט אן חאלאמעיקין מיט א

ביינקענדער שטימע, „א פיינע ביזנעס, מען וואלט דארט האבען ברויט מיט א פולען מויל“.

„אבער מאלעריע“, לאזט זיך הערען דאבע רייזע'ם שטילע, אבער קאלטע שטימע.

„וועט מען מוזען קריכען אין די בראנקס“, זאגט טרויעריג האלאמעיקין.

„אבער דער אלטער דייטש ?“ פרעגט דאבע רייזע.

„א ביטערער ביסען“, ענטפערט האלאמעיקין.

דאס פייער אין לאמפ האט גענומען אויסגעהן...

„וועה איז מיר“, האט דאבע רייזע פערבראכען די הענד, „עס איז דאך ניטא א טראפען קעראסין“...

„מוז מען געהן שלאפען“, האט האלאמעיקין געענטפערט.

מאן און ווייב זיינען אוועק צו זייער רוה און די פראגע: „מאלעריע אדער דער אלטער דייטש“ איז דערווייל געבליבען ניט ענטשידען.

# די ארויסגעטריבענע קעניגע.

דאס איז אן אמת'ע פאסירונג — א פאקט הייסט עס.

פאסירט האט עס אין ניו יארק, נור פערצייכענט אין דער גע־שיכטע פון די פעראייניגטע שטאטען איז דער פאקט ניט.

ווארום ?

ווייס איך ניט.

אפשר אן איינפאכע נאכלעסיגקייט.

פאסירט האט עס... ווארט, ווען ? באמת גערעדט, געדיינק איך ניט ריכטיג דעם דאטום, נור אויף אזוי פיעל ווייס איך, אז דאס האט געטראפען אין יענעם פינסטערען יאהר, ווען אין ניו יארק איז געווען די „קריזיס“, און איך בין געווען א פאלקאמען פרייער יונג, ד. ה. איך האב ניט געהאט קיין ארבייט, קיין דירה און גאר נישט צום עסען.

עס איז געווען א זומערדיגער פריהמארגען.

דעם האטעל, וואו איך האב גענעכטיגט, האב איך פערלאזען בעגינען. געטאן האב איך דאס ניט דערפאר, וואס איך האב בע־דארפט געשעפטען אויספיהרען, נאר ווייל מיין אכסניה איז געווען זעהר ניט א זיכערע. עס איז געווען אזא מין „וואונדערבארער הא־טעל“. בעגינען פלעגט א מאן צופיהרען צו מיין אכסניה א פאר פערד, מען פלעגט דעם גאנצען האטעל איינשפאנען און די גאנצע חתונה אוועקפיהרען, ווער ווייס וואוהין...

בין איך אויפגעשטאנען בעגינען.

מיט א פאר שטונדען שפעטער האט זיך מיר עסען פערוואלט און איך האב גענומען טראכטען, וואס צו עסען. מיין קאפיטאל

איז צו דיעזער צייט בעשטאנען פון דריי איינציגע פענעס. בין איך אוועק אין העסטער סטריט און האב פאר מיין געלד דריי גרויסע בויגעל געקויפט. קיין געגרייטער טיש האט מיך ניט ערווארטעט, בין איך ארומגעגאנגען אין זייטיגע געסלעך און שלעפענדיג פון פאקעט א ביסען נאך א ביסען האב איך זיך מיר מיין פריהשטיק געהאט.

נאך דעם אנבייסען האב איך גענומען טראכטען, וואו מען טוט זיך ווייטער אהין.

איך האב גענומען מיט מיין מחשבה זוכען עפעס פריינד, לאנדסלייט, אדער אזוי גוטע בעקאנטע, וועמען איך האב נאך ניט דערעסען און צו וועמען איך וואלט נאך געקענט ארייגפאלען מיט א „פריינדליכען" וויזיט אויף עטליכע טעג.

איך האב זיך געבראכען מיין מח, ביז איך בין געקומען צו א פעסטען בעשלוס, אז פריינד קאראפולין איז די פאסענדסטע פערזאן ביי דיעזע טרויעריגע אומשטענדען.

ווער איז געווען קאראפולין ?

איך פערזיכער אייך, אן אינטערעסאנטע פערזענליכקייט. נור איבערגעבען זיין ביאגראפיע, רעכען איך, איז ניט נויטיג צו אונזער ענין, און מיר וועלען עס איבערלאזען אויף א גינסטיגערע געלעגענהייט.

איך וועל אייך נור מיטטיילען, אז קאראפולין האלט א צייטונגס־ראוד ווייט אין די בראנקס, איז א מענש, וועלכער האט ניט פיינד צו פערברייננגען מיט א גאסט, ווען עס זאל איהם נור ניט קאסטען טייער. ווייטער האט ער א ווייבעל, א גאסטפריינדליכע און גוטהערציגע אידענע.

אט דיעזער קאראפולין איז מיינער א לאנדסמאן און א נאהענטער פריינד. עס איז שוין דאן געווען א גאנצער חודש אריבער, זייט איך האב איהם ניט געוואהר געווארען ; און איך האב איינגעזעהען, אז ער, קאראפולין, איז דער ריכטיגער מאן, צו וועמען איך דארף זיך אוועקלאזען מיט א וויזיט.

געוואוינט האט דער קערל אין דער הונדערט און נײנציגסטער

סטריט, ערגעץ וואו ניט ווייט פון דעם בראנקס פארק ; און איך האב געוואוסט, אז איך האב דורכצומאכען א ווייטען מהלך. איך האב אפילו געצווייפעלט, אויב מיינע פיס וועלען קענען אויס־האלטען אזא ווייטע רייזע, נור אזוי ווי איך האב קיין בעסערע ברירה ניט געהאט, האב איך זיך אין וועג אוועקגעלאזען...

א זייגער פיער נאך מיטאג, ווען די ברענענדע זונן האט רחמנות געקראגען אויף אונזערע צובראטענע מענשעלעך און שוין גענומען מארשירען אהיים אין איהר רוה, בין איך אין די בראנקס אנגעקומען און האב דערלעבט זעהן דעם קווארטאל, וואו מיין פריינד קאראפולין האט געוואוינט.

ווי אזוי האב איך זיך געפיהלט פון דער רייזע ?

פרעגט גאר ניט. איך האב ניט אנדערש גערעכענט, אז איך האב איבערגעלעבט מיין אייגענעם טויט.

נון, געה איך צו קאראפולינ'ען... מיט א מאל... זעה, וואס איז דאס ? אנטקעגען מיר געהט מיין פריינד דזשייק סאראוואנצעוו.

אט דער דזשייק סאראוואנצעוו איז צו יענער צייט געווען זיך אזוי א מענש, יעצט איז ער באלד א דענטיסט, און איך וועל זיך אפהאלטען פון צופיעל רעדען וועגען איהם.

ווער ווייס, אפשר קענען מיינע מעשיות שאדען צו זיין קאַ־ריערע, צו זיין ציינער־געשעפט. איך וועל אייך ניט דערצעהלען, אז סארוואנצעוו איז דאן געווען פונקט אויף אזעלכע צרות ווי איך בין געווען ; און ניט איין מאל האבען מיר זיך צוזאמענגעטראפען ביים נעכטיגען אויף א וואגען.

„פון וואנען איז דאס, סאראוואנצעוו ?" פרעג איך.

איז ער דאך א איד און אויף א פראגע ענטפערט ער מיט א פראגע :

„און וואוהין שפאנסטו דאס, אזא פערפינסטערטער ?"

„צו קאראפולינ'ען", ענטפער איך דעם ריינעם אמת.

צולאכט ער זיך.

„וואס קווילסטו ?" פרעג איך.

„איך האב פערשטאנען", מאכט סאראוואנצעוו, און ווערענ־

דיג א ביסעל ערנסטער גיט ער צו:

„אומזיסט דיין טרחה, פריינד“.

ביי מיר איז מיין הארץ איינגעפאלען.

קורץ און גוט, איך האב זיך דערוואוסט, אז סאראוואנצעוו געהט עס פון קאראפולינ׳ען און געגאנגען איז ער אהין מיט דעם זעלבען פראקטישען צוועק, וועלכען איך האב געהאט. די נייס וואלט נאך געווען א קנאפע צרה, האב איך זיך אבער דערוואוסט פון מיין פריינד, אז קאראפולין האט שוין פערקויפט זיין „ראוט“ און יעצט „האסטיעוועט“ ער מיט זיין ווייב און קינדער אין בראנזוויל ביי זיינער א שוועסטער.

מיין פריינד האט מיר אין הארצען אפגעריסען, מיר איז געווארען פינסטער אין די אויגען.

פאר דער שלעכטער בשורה האט סאראוואנצעוו מיר אבער א גרויסע נחמה געבראכט. איך האב זיך, נעמליך, דערוואוסט, אז דער פריינד פערמאגט א ניקעל. גלייך האב איך געמאכט א פראקטישען פארשלאג. מיר האבען געקויפט פאר דעם ניקעל זעמעל און צוזאמען סאפער געהאט.

נאכ׳ן עסען, ווען אויפ׳ן הארצען איז געווארען א ביסעל פרייער, זאג איך צו מיין פריינד.

„נו, יענקעלע, וואס טוט מען עפעס יעצט?“

„אט דערביי איז דער בראנקס פארק“, האט סאראוואנצעוו געענטפערט. „לאמיר געהן אהין“.

פאר וואס ניט? גאט צו דאנקען, איך בין געווען א פרייער פויגעל, און מיר איז געווען אלץ איינס, וואוהין איך זאל ניט געהן. סאראוואנצעוו איז אויך געווען אלץ איינס, און מיר זיינען אוועק אין בראנקס פארק.

דער זאאלאגישער גארטען אין דיעזען פארק איז געווען גאר א פיין שטיקעל נייס פאר מיר און פאר מיין פריינד, און מיר האבען מיט גרויס הנאה גע׳חידוש׳ט זיך אויף די פערשיעדענע מינים חיות, וועלכע געפינען זיך דארטען.

עס האט גענומען ווערען שפעטליך.

„הער נור, ברודער“, האט צו מיר געווענדט זיך מיין פריינד סאראוואנצעוו, „וואו רעכענסטו היינט שלאפען?“

„איך ווייס ניט“, האב איך געענטפערט.

„לאמיר גאר שלאפען אין פארק“, האט סאראוואנצעוו געמאכט א פארשלאג.

וואס האב איך געהאט אויסצוזעצען דאגעגען?

קיין אנגעגרייטער וואגען וואו צו נעכטיגען איז פאר מיר ניט געשטאנען, נו האב איך אנגענומען מיין פריינד'ס פארשלאג.

מיר האבען אויסגעזוכט צוויי ביינקלעך צווישען בוימער, מיר האבען אויסגעטאן אונזערע רעקלעך, זיי אוועקגעלעגט צוקאפען, און מיר האבען זיך געלעגט שלאפען אין דעם זאאלאגישען גארטען פון בראנקס פארק.

וואלט איך געווען א דיכטער, וואלט איך אייך דא געקאנט דערלאנגען גאר א פיין שטיקעל פאעזי. שטעלט זיך נור פאר: געדיכטע בוימער, אבענד, א מעלאנכאלישע שטילקייט, ווען ניט ווען טוט א בער א ברום... אדער עס צובילט זיך א וואלף... אזוי שומנע... מיט איין ווארט פאעזי און פאעזי. נור אזוי ווי איך בין ניט קיין דיכטער, איז גארנישט, וועל איך אייך נור דערצעהלען געוועהנליכע זאכען.

מיט איין ווארט, ליעגען מיר אויף די ביינקלעך און מיין פריינד טוט פלוצלונג א זאג:

„דו הערסט, יאלד?“

„וואס איז, יענקעלע?“ פרעג איך.

„דו ווייסט, מיר זיינען דאך דא קעניגע“, זאגט צו מיר סאראוואנצעוו.

„וואס פלאפעלסטו פאר א נארעשקייטען?“ מאך איך צו מיין פריינד.

ערקלערט סאראוואנצעוו זיינע ווערטער אזוי:

„איז דען ניט דער מענש אנערקענט געווארען פאר דעם גרויסען הערשער, פאר דעם קעניג פון אלע ברואים, פון אלע חיות פון דער וועלט?“

„נו, איז וואס, סאראוואנצעוו ?"

„נו, מיר זיינען דאך דא לויטער צווישען חיות. אלזא, זיינען מיר צוויי קעניגע".

„זאל זיין אזוי", בין איך איינשטימיג, „אבער א קעניג דארף דאך אויך שלאפען, טא רעד וואס ווייניגער און לאז שלאפען".

„הורריי פאר די הונגעריגע קעניגע", האט סאראוואנצעוו אויסגעשריען.

„לאז שלאפען, סאראוואנצעוו".

„אלל־רייט, א גוטע נאכט, גרויסער הערשער".

„א גוטע נאכט, א גוטע נאכט, גרויסער קעניג סאראוואנצעוו דער ערשטער".

מיר זיינען שטיל געבליבען.

איך ווייס ניט וואס מיט דעם צווייטען קעניג איז געווען, נור איך בין גלייך איינגעשלאפען מיט א געזונטען, געשמאקען שלאף...

א געזונטער טרייסעל און עפעס א מאדנער געשריי האט מיך אויפגעוועקט פון מיין שלאף. איך האב זיך א כאפ געגעבען ניט טויט און ניט לעבעדיג... וועה, וואס דעם קעניג'ס אויגען האבען דערזעהען !

דער צווייטער קעניג, סאראוואנצעוו דער ערשטער, איז געשטאנען א פערציטערטער, און צווישען מיר און מיין פריינד איז געשטאנען א געזונטער ערל אין א יוניפארם, מיט א שטעקען אין האנד, און האט עפעס אויף אונז בייז געשריען.

איך און מיין פריינד סאראוואנצעוו זיינען נאך דאן געווען גרינע אין לאנד, מיר האבען ניט פערשטאנען וואס דער ערל רעדט. נור איין זאך האבען מיר געזעהן, אז דער רשע מיינט, מיר זאלען זיך אפטראגען פון דאנען.

איך און דער צווייטער קעניג האבען ארויפגעכאפט די רעקלעך און גענומען געהן.

ווייסען מיר דאך אבער ניט, וואוהין צו געהן. האט עס דער בייזער ערל פערשטאנען, און אונז געגעבען א צייכען, מיר זאלען

געהן נאך איהם. זיינען מיר נעגאנגען ביז... נו, ביז מען האט אונז ארויסגעיאגט פון פארק...

„נו, מאיעסטעט סאראוואנצעוו דער ערשטער“, זאג איך צו מיין פריינד. „וואס זאגסטו אויף דעם ?“

„מיר זיינען ניט די ערשטע פערטריבענע קעניגע“, האט סאראוואנצעוו געענטפערט מיט אזא ערנסטער מינע, אז ווי מיר איז ניט געוועזן ביטער אויף'ן הארצען, האב איך געמוזט אנהעבען לאכען.

עס האט גענומען געהן א רעגען... און באלד האט זיך געלאזט גיסען אן אמת'ער מבול, האבען מיר ביידע, פערטריבענע קעניגע, געלאזט זיך לויפען.

„וואוהין לויפען מיר דאס ?“ פרעג איך אין מיטען לויפען מיין פריינד סאראוואנצעוו.

„וואס איז ניט אלץ איינס וואוהין ?“ זאגט סאראוואנצעוו. און מיר זיינען ווייטער געלאפען...

# ווער איז ער?

...יעדעס מאָל, ווען ער קומט נור מיר ארויף אויף די געדאנ־קען, נעהם איך זיך פיהלען אונרוהיג און עס נעהמט מיך גליווערן א קאַלטע אימה...

ווער איז ער?

איך ווייס ניט זיין נאָמען. איך ווייס ניט, ווער ער איז, פון וואַנען ער איז געקומען. איך האָב מיט איהם קיין איין מאָל אין מיין לעבען ניט פערביטען אַ וואָרט אויף אַ וואָרט; איך האָב קיין מאָל ניט געהאַט די קלענסטע אהנונג פון זיין לעבען. און דאָך בין איך אימער גענייגט צו טראַכטען, אַז דער מאַן האָט געשפּיעלט אין מיין לעבען אַ בעדייטענדע ראָלע.

איינינע מאָל האָב איך זיך מיט איהם בעגעגענט, אָבער דיעזע בעגעגעניסען זיינען אימער געווען עפּעס אַזעלכע זאָנדער־באַרע. עפּעס אימער איז מיר אויסגעקומען וואַרטען אויף איהם, אימער איז ער מיר געשטאַנען אין וועג. און טראָץ דעם, וואָס איך האָב קיין מאָל ניט געוואוסט, ווער ער איז, האָט ער יעדעס מאָל אָנגעפילט מיין האַרץ מיט אַנגסט און פערדרוס.

אַ הויכער, דאַרער יונגער מאַן פון עטליכע און דרייסיג יאָהר; אַ גרויסער קאָפּ בעדעקט מיט אַ וואַלד פון פּעך־שוואַרצע האָר; אַ קליין קיילעכדיג שוואַרץ בערדעל; אַ בלאַס, טרויעריג, פערר־צאַגט געזיכט, און אונטער די געדיכטע שוואַרצע ברעמען האָבען געקוקט אַ פּאָר אויגען אַזוי טרויעריג, אַזוי געהיימניספאָל, — אַט דאָס איז געווען אונגעפעהר זיין אויסזעהן.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך איהם בעגעגענט אין אַ דיספּענ־סערי; איך האָב דאַן געליטען פון אַ רומאַטיס און זיך געקאָר־

טשעט אין אונטערטרעגליכע שמערצען, און די צייט, וועלכע איך האב געמוזט ווארטען אויף דעם דאקטאר, האט מיך שיער ניט משוגע געמאכט. איך האב געהאלטען מיין „נומער“ אין האנד און וויינענדיג פון שמערצען האב איך געווארט, ביז מען וועט מיך ארויסרופען.

אט רופט מען איהם... מיין נומער איז געווען נאך איהם. איך האב געוואוסט, אז אין דיספענסערי לויפען די נומערן זעהר שנעל, און איך בין שוין געווען פארטיג צו געהן צום דאקטאר. אבער ער האט זיך אין דעם דאקטאר'ס צימער שרעקליך געזאמט. איך האב געווארט און געווארט, ניט געקאנט דערווארטען זיך און פון שמערצען, פון יסורים האב איך טיעף אין הארצען געפלוכט דעם מאן, וועמען איך האב ניט געקענט און ניט געוואוסט, נור וועלכער איז מיר יעצט געשטאנען אין וועג און איבער וועמען איך האב אונערטרעגליך געליטען... און ער האט זיך געזאמט און געזאמט. מיר איז אנגעגאנגען טויט־חלשות...

ענדליך איז ער פון צימער ארויס... אויף זיין טרויעריגען געזיכט איז געווען פערצויגען א שווארצער וואלקען; עס איז געווען לייכט צו דערקענען, אז דער מאן האט אין דעם צימער פון דעם דאקטאר געהערט ניט א פרעהליכע בשורה, אבער ניט אכטענדיג אויף זיין אונגליקליכען צושטאנד האט זיך אין מיין הארצען ניט געפונען קיין ברעקעל רחמנות צו איהם. און אין דעם בליק, וועלכען איך האב אויף איהם געווארפען, האט ער געוויס בעמערקט אמווייניגסטען אונפריינדליכקייט, ווען ניט א ביטערען האס...

נאך א מאל האב איך זיך מיט איהם בעגעגענט אין דעם הויז פון א געוויסער „וואהלטעטיגער“ אנשטאלט. איך בין געשטאנען אין א לאנגער רייהע פון נויט־בעדערפטיגע. די רייהע האט זיך זעהר לאנגזאם געצויגען צו דעם אפיס פון דער אנשטאלט, וואו יעדערער האט פארצולעגען זיין פערלאנג נאך הילף.

ווען איך האב א קוק געטאן אויף דעם, וועלכער איז געשטאנען פאר מיר אין דער רייהע, האב איך דערקענט איהם...

און מיר איז א צווייטעס מאָל אויסגעקומען אויף איהם וואַרטען, און דיעזער מענש האט זיך שטאַרקער איינגעשניטען אין מיין געדעכּנים.

אין א געוויסער צייט ארום, נאָך דעם ווי איך האב איהם דאס צווייטע מאָל בעגעגענט, האב איך איינמאָל אין א צייטונג איבערגעלייענט אַן אנאנסע, אז עפּעס ווייט אין די בראנקס האט מען פערלאַנגט אַן ארבייטער אין א זומער־פאטאָ־גראפיע. אין דער אנאנסע האט זיך בפּרוש געזאגט, אז קיין ספּע־ציאַליסט פערלאַנגט זיך ניט פאַר דער שטעלע. איך האב דאַן קיין בעשעפטיגונג ניט געהאט און בין אוועק אויף דער אדרעס, וואס איז געווען אנגעצייגט אין דער אנאנסע.

ווען איך בין געקומען אויפ'ן פּלאַץ האט מיר דער איינגענ־טהימער פון דער פאטאָגראפיע געגעבען פאָלגענדען ענטפער:

„יונגער מאַן, איהר האט פערשפּעטיגט נור אויף עטליכע שטונדען. א מאַן האט שוין אנגענומען די שטעלע".

„עס טוט מיר לייד", האב איך געענטפערט און שוין גע־וואָלט אוועקגעהן, ווען דער פאטאָגראפער האט מיך אפּגעשטעלט און מיר געזאגט:

„אפשר איז מעגליך, איהר זאָלט מארגען ביי דיעזער צייט אהער נאָך א מאָל קומען?"

„צו וואס?" האב איך געפרעגט.

„דער מאַן וועלכער האט אנגענומען די שטעלע, שיינט מיר צו זיין זעהר ניט א פעהיגער יונג, מעגליך איך וועל איהם מוזען ענטזאגען. ווארט אפּ ביז מארגען און קומט ווייטער".

„אויך רעכט", האב איך פערשפּראכען.

איך האב אבגעווארט ביז מארגען און בין א צווייטעס מאָל אוועק צום פאטאָגראפער.

ווען איך בין געקומען, האט מיך דער פאטאָגראפער בע־גענגענט און מיט א פריינדליכער שטימע געזאגט:

„יונגער מאַן, איך האב מיין מאַן ערשט ענטזאגט. עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז ער איז אבסאָלוט צו גארנישט פעהיג. ער

געהט גלייך אוועק און איהר וועט קאנען זיין פלאץ פערנעהמען".

מיר איז געווארען פרעהליך אוןווארים אויף'ן הארצען. ווען איך וואלט אייך דערצעהלט א מעשה, אז מיך האט פערדראסען אויף דעם יעניגען, וועמען מען האט דא ענטזאגט און וועמעס שטעלע איך פערנעהם, וואלט עס געווען ניט קיין אמת. אבער איין זאך איז יא געווען ריכטיג: איך האב דאך געהערט, אז ער געהט באלד אוועק, האב איך ניט געוואלט מיט איהם בעגעגענען זיך. איך האב געסטארעט זיך צו פערבארגען זיך אין א ווינקעל, אום ווען ער וועט פארבייגעהן, זאלען מיר ניט בעמערקען איינער דעם אנדערן...

איך האב אבער איהם דאך בעמערקט און עפעס האט מיר א ריס געטאן אין הארצען: דאס איז ער געווען...

ווער, ווי טרויעריג, ווי אונגליקליך ער האט אויסגעקוקט!

אונזערע בליקען האבען זיך בעגעגענט. און איך האב אין זיינע טרויעריגע אויגען געלעזען, אז ער ווייס וואס איך טו דא, און אז ער דערקאנט אין מיר דעם מענשען, וועלכער האט שוין ניט איין מאל אויף איהם „געווארט".

ווען עס וואלט מיך ניט געטריבען מיין פינסטערע, ביטערע נויט, וואלט איך דאן דעם פלאץ ביים פאטאגראפער ניט אנגענומען.

איך האב זיך גענומען פיהלען שולדיג געגען דעם מאן, וועמעס פלאץ איך האב יעצט פערנומען. מיר האט גענומען שמערצ־ליך פערדריסען פאר איהם. איך האב אזוי געוואלט דערוויסען, ווער ער איז, אבער צו דער זעלבער צייט האט מיך געשראקען דער געדאנק איהם נאך א מאל צו בעגעגענען...

ווער ער איז, האב איך זיך ניט דערוואוסט, נור בעגעגענט האב איך איהם נאך א מאל... און דיעזע לעצטע בעגעגענים איז געווען די שרעקליכסטע...

איך בין געווען קראנק, איך האב זיך געווענדעט אין א גע־ווישען האספיטאל נאך א פרייעם בעטעל, און מען האט מיר גע־ענטפערט אז פארלויפיג איז אין דיעזען האספיטאל ניטא פאר מיר

קיין פריי בעטעל, נור ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועט מען מיר לאזען וויסען.

אין עטליכע טעג ארום האב איך בעקומען א ידיעה, אז איך זאל אין האספיטאל קומען.

ווען איך בין געקומען אין האספיטאל, האט מען מיר געהייסען ווארטען. האב איך זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק אין פאדערשטען צימער און גענומען ווארטען.

עס האבען זיך גענומען ציהען א שטונדע נאך א שטונדע. מיר האט זיך שטארק פערגלוסט צו דערגעהן, צו וואס, אייגענטליך, מען הייסט עס מיר אזוי לאנג ווארטען. איך האב זיך וועגען דעם געווענדט מיט א פראגע צו איינער א נוירס פון האספיטאל און איך האב בעקומען אזא מין ענטפער:

„מען האט גערעכענט,אז דער פאציענט,וועמעס בעטעל איהר דארפט פערנעהמען, זאל שטארבען היינט פריהמארגען. ער האט אבער געלעבט מיט איינינע שטונדען לייננער, איידער די דאקטוירים האבען גערעכענט. און ער איז ערשט מיט איינינע מינוטען צוריק געשטארבען“.

פון דיעזען איינפאכען ענטפער איז מיר אריבער א סקרוף איבער׳ן לייב, אבער דאס שרעקליכסטע פון אלעם איז באלד געקומען.

אויף „נאסילקעס“, פערדעקט מיט א שווארצען געוואנד, האבען צוויי מענער ארויסגעטראגען פון א צימער פון האספיטאל א טויטען. מיר האט מיין הארץ א זאג געטאן, אז דאס איז דער יעניגער, וועמעס בעטעל איך דארף פערנעהמען, און איך האב דערפיהלט, אז עס האט מיך גענומען טרייסלען ווי פון קעלט... מען האט דעם טויטען פארבייגעטראגען פארביי מיר... אינסטינקטיוו האב איך א ווארף געטאן א בליק אויף די „נאסילקעס“... איך האב דערפיהלט א קאלטען שוויים איבער׳ן גאנצען לייב... איך האב דערפיהלט ווי די האר אויף׳ן קאפ האבען זיך מיר אויפ־

געשטעלט... דאס איז ע ר געוועז... ער... ער... איך האב איהם דערקענט...

אין א שטונדע ארום בין איך אין זיין בעטעל געלעגען...

ווער איז ער געוועזן ?

איך ווייס ניט... נור יעדעס מאל ווען איך טראכט וועגען איהם, פיהל איך, אז מיך נעהמט גליווערען א קאלטע אימה...

# מיין צווייטע לאזשי.

מיין לאזשי־מיסטער, שמואל דער העמדעל־נייער, האָט זיך אויפגעזוכט א באס אין בראנזוויל. ער איז געגאנגען ארויס־מופען פון ניו יארק מיט זיין פאמיליע און איך האב זיך געמוזט בעזארגען מיט אן אנדער קווארטיר. דאס האט געזאלט זיין מיין צווייטע לאזשי אין אמעריקא, ווארום ביי שמואל'ן בין איך אבגעשטאנען פיער יאהר צייט פון דעם ערשטען טאג אן ווי איך בין אריבער אין די נייע וועלט.

א וואוילע לאזשי געווען!

לאנדסלייט, גרויסע אביונים, פראסטע אייגענע מענשען אזוי ווי פאר מיר אנגעמאסטען. איך האב זיך דארטען געפיהלט ווי אין אן אייגענער היים, און איך וואלט פון דארטען ניט ארויס־געקליעבען זיך מיין גאנץ לעבען אפשר, ווען מיין לאנדסמאן וואלט ניט ארויסגעמופט נאך בראנזוויל, און איך וואלט ניט געמוזט פער־בלייבען אין ניו יארק.

שאדע, שאדע, וואוילע לייט געווען!

ווען איך האב זיך דערוואוסט, אז איך מוז אן אנדער לאזשי אנזעהען, בין איך געווארען שטארק פערטראגען — דאס איז פאר מיר געווען דאן זעהר א וויכטיגע און ערנסטע פראגע.

איך האב געארבייט אין א שרויפען־פאבריק און געקראגען דריי דאלאר א וואך, נור אזוי ווי איך האב געהאט אפטע „סלעק", האט עס מיר דורכשניטליך געמאכט קנאפע צוויי דאלאר א וואך, און מיט אזא רייכען געהאלט האב איך נור געקאנט עקזיסטירען ביי שמואל דעם העמדעל־נייער, א מאן, וועלכער האט דורכשניט־ליך אויסגעארבייט פיער דאלאר א וואך און אויף דעם פערמאגט,

ניט פאר קיינעם גערעכט, זעקס־זיבעז מיילער. ווען איך זאג דא „זעקס־זיבעז", מיין איך דאס גאנץ ערנסט. שמואל'ס עלטערע מיידעלע, חיענצע, איז געווען א קראנק קינד, אפט פלעגט מען זי צונעהמען אין האספיטאל אויף איינינע וואכען און אין דער פאמיליע פלעגט פון זיבען מיילער ווערען זעקס אויף דער צייט.

אלזא, ביי שמואל דעם העמדעל־נייער האב איך מיט מיינע צוויי דאלאר א וואך פיין עקזיסטירט.

פאר מיין לאזשי האב איך געצאהלט 2 א האלב דאלאר א חודש, און איך האב דערפאר געדארפט קריגען א בעטעל אין פראנט רום, דאס אלעס. ניט קיין טעע, ניט קיין קאפע און ניט קיין וועש געוואשען, אבער אזוי ווי איך האב אבגעלאזען דעם פראנט רום פאר א בארדעריז און זומער פלעג איך מיר שלאפען אויפ'ן דאך און ווינטער אין קיך אויף פיער שטולען מיט א פלעט ברעט, פלעג איך שוין קריגען טעע, און די מיסיס פלעגט מיר וואשען וועש, און דאס איז פאר מיר ווערט געווען זעהר, זעהר פיעל. סאפערס פלעגט מען מיר רעכענען צעהן סענט א סאפער, עסען פלעג איך צוזאמען מיט דער פאמיליע, וואס גאט פלעגט צושיקען, און וואס די מיסיס פלעגט צוגרייטען.

איז צו סאפער געווען א הערינגעל און א גלעזעל טעע פער־ביסען, האב איך געהאט פאר מיינע צעהן סענט הערינג מיט טעע, איז געווען א שטיקעל פלייש, האב איך געהאט פלייש, איז געווען א פארעווע זופ, האב איך גענאסען אין זיך פארעווע זופ. האט ווען עס איז שמואל געהאט א יום טוב, און עס פלעגט זיך מאכען א סאפער „כיד המלך", פלעג איך פאר מיין צעהנערל האבען יום טוב. דאס איז געווען מיין גוטער מזל.

א לעבעלע ברויט האב איך געהאט מיינעם און אייגענעם. אין דער פריה פלעג איך איהם שניידען פאסען־ווייז צו טעע... און ווען עס איז געווען „סלעק", פלעגט די מיסיס מיר געבען א ציבעלע, זאלץ איז געווען פריי אין הויז, וואסער פלעגט אויך כמעט אימער זיין, דער לענדלארד אז געווען א פיינער מאן, און איך פלעג מיר מאכען א קאלטען ווארמעס... שעמען זיך מיט מיין

דלות האב איך ב״ה נט געהאט פאר וועמען. אזוי פיעל געזונטע, מזל'דיגע יאהרען זאל איך האבען מיט אייך צוזאמען, מיין טייע־רער לעזער, וויפיעל מאל שמואל'ס קינדערלעך, זיינע הונגעריגע ארימע פויגעלעך, פלעגען אוועקנאשען מיט מיר צוזאמען מיין קאלטען ווארמעס.

בכלל, איך בין געווען ווי איין אייגענער מענש אין דער פאַ־מיליע, און ווען מיר איז אויסגעקומען זוכען א נייע לאזשי, איז דאס ביי מיר געווען זעהר ניט אן אנגענעמענער, א שווערער, ביטערער עסק.

איך האב אבער דאך געמוזט געפינען א לאזשי. און איך האב זיך גענומען נאכפרעגען וועגען „בעקאנטע“, פראסטע, ארימע און אייגענע מענשען.

אן ארבייטער פון דעם זעלבען שאפ, וואו איך האב אויס־געארבייט מיינע צוויי „רעדער“ א וואך, האט מיר געזאגט, אז די סאלאוועיקינס, אין נומער... לודלאוו סטריט, זיינען פונקט אזעלכע מענשען, ווי איך זוך, און זיי דארפען האבען א בארדער.

„וואס פאר א מענשען זיינען זיי ?“ פרעג איך ביי דעם ארבייטער נייגעריג.

„ביטערע הערצער, נעבאך“, ענטפערט ער. און מיר ווערט פרייער אויפ'ן הארצען פון דיעזער מיטטיילונג.

„ארים ?“ פרעג איך.

„אביונים“, ענטפערט ער.

און איך פיהל, אז מיינע קאלטע ווארמעס'ן וועל איך אויך דארטען קאנען רוהיג האבען.

„עפעס פריינדליכע מענשען ?“ פרעג איך ווייטער.

„שטילע, דערשלאגענע פון צרות, נעבאך“.

„דאס איז פאר מיר א נייע היים“, טראכט איך ביי זיך, און איך ווער רוהיגער און רוהיגער.

„פאראנען קינדערלעך ?“

„זעקס, איינס אונטער איינס“.

מיין לעבעלע ברויט וועט ניט טרוקען ווערען, טראכט איך

ווייטער און איך שטעל זיך שוין פאר, אז איך בין די סאלאוועיקינ׳ס א באָרדער.

נעכסטען מאנטאג האט שמואל דער העמדעל־נייער שוין געדארפט ארויס נאך בראנזוויל, און דאס איז געווען אזוי גוט ווי מיטוואך. דעם טאג האב איך געהאט „סלעק“ און איך בין אוועק אין נומער... לודלאו סטריט, צו די סאלאוועיקינ׳ס.

ווען איך בין אריין אין הויז, האב איך גלייך דערזעהן, אז איך וועל מיך מיט מיינע צוויי דאלאר א וואך גאר ניט האבען וואס צו שעמען דא — און איך וועל לעבען ווי א מיניסטער.

די בלאסע, אויסגעדארטע, צוריסענע, צושליסענע קינדער־לעך; די מיסים, א קליינע, דארע פרויענצימער מיט א בלאס־געלען אבער גוטמוטיגען פנים; דאס צימער, א צובראכענע סאָ־פא... א סימן פון עפעס א שפיגעל, א ביורא, א צובראכענע, א צושטאכענע, מיט ארויסגערוקטע שופלאדען אהן הענטלעך... דער שרעקליכער דלות... דאס עלענד... דאס האט זיך מיר אבגעדאכט אזוי היימיש, אזוי פריינדליך, אז מיר האט זיך גלייך פער־גלוסט אויסציהען זיך אויף דער צובראכענער סאפא און ווערען דא א היימישער מענש.

„איך האב געהערט“, זאג איך, „אז איהר דארפט א באָרדער“.

„איך ווייס“, ענטפערט די פרוי, און זי איז פלוצלונג גע־יווארען אזוי פערשעמט.

פון שלאפצימער איז ארויסגעקומען אליין דער מיסטער סאָ־לאָוועיקין. ערשינען איז ער הוסטענדיג, אונטערהאלטענדיג די נ׳שמה מיט דער רעכטער האנד און מיט דער לינקער האנד די הויזען, מיט אן אפענער ברוסט און... נור וואס זאל איך א סך רעדען... איך האב דערזעהן פאר מיינע אויגען דאס צווייטע עק־זעמפליאר פון שמואל דעם העמדעל־נייער, מיין אלטען, גוטען לאזשי־מיסטער... און מיר האט זיך אבגעדאכט, אז איך בין מיט דעם מאן בעקאנט שוין פון יאהרען.

מיר האבען זיך אביסעלע צורעדט און באלד זיינען מיר שוין געווען אייגענע ברידער.

אין פאראָוים — 2 דאָלאר פופציג סענט.

„מאָנטאג אין דער פריה וועל איך אריינציהען", האב איך געזאגט די לעצטע ווערטער, פערצייכענט מיין נייעם אדרעס און בין אוועק אין מיין אלטער היים אין גאָווערניער סטריט, צו שמואל דעם העמדעל־נייער.

מאָנטאג האב איך זיך צושיידט מיט מיינע אלטע בעלי־הבתים. זיי זיינען אוועק נאך בראָנזוויל און איך האב מיר גענומען מיין הילצערנעם קאסטען מיט מיינע חפצים אויפ'ן רוקען און בין מיר אוועק נאך מיין נייער היימאט, נאך לודלאָו סטריט, נומער... צו די סאָלאָוועיקינ'ס.

דאס איז געווען אין מיטען זומער. דער טאג איז געווען א זודיגער, און טראגענדיג דעם קאסטען האב איך געפיהלט, אז איך פאל אין גאס. עטליכע מאל איז מיר ארויף א געדאנק דינגען א מאן, וועלכער זאל מיר העלפען טראגען דעם קאסטען. נור אזוי ווי מיין גאנצער פערמעגען איז געווען זעקס־און־צוואנציג פענעס, און פאר דאס געלד האב איך בעדארפט לעבען נאך דריי טעג, ביז וואנען איך וועל קריגען מיין געצאלט, האט דיעזער געדאנק געמוזט פערבלייבען בלויז א זיסע פאנטאזיע. דער קאסטען האט געמוזט פערבלייבען אויפ'ן רוקען, און איך האב איהם געמוזט טראגען און פאכען מיט דער נשמה...

נור אט איז שוין לודלאָו סטריט!

איך צווייפעל, אויב דער בעסטער, פרומסטער איד וואלט זיך אזוי דערפרעהט ווען ער וואלט דערזעהן ארץ ישראל, ווי איך האב זיך דערפרעהט, ווען איך האב דערזעהן לודלאָו סטריט.

איך האב גענומען קוקען די נומערן...

באלד... באלד בין איך אין דער היים!

אן איז שוין דאס הויז... וואס ליגט עפּעס דארטען אויפ'ן סייד־וואק? איך קוק זיך צו... חפצים... מען האט געמוזט אי־מיצען מאכען צום מופען... א שארפער וועהטאג דרינגט דורך מיין הארץ... א בעקאנטער וועהטאג... איך פיהל איהם זעהר אפט,

יעדעס מאל, ווען עס קומט מיר אוים צו זעהען „בעבעבעס" פון הײמלאזע אביונים וואלגערנדיג זיך אויף דער גאס... עס ווערט מיר אומעטיג, און פלוצלונג קומט מיר ארויף א מאדנער געדאנק...

וואס ? די סאלאוועיקינ׳ס ? נארעשקייטען ! אונמעגליך, עס קאן ניט זײן...

מיר ווערט קאלט פון דעם געדאנק... איך פיהל מעהר ניט מיין שווערע משא אויף זיך און איך געה שנעלער... שנעלער... אוי, וועה איז מיר ! ריכטיג... ווי דאס הארץ האט מיר געזאגט... דאס זײנען זיי... איך דערקען דאס מעבעל... א קאלטער שוויים גיסט מיך אב איבערן גאנצען לייב...

אט קום איך צו צו די זאכען.

זיי ! אט זײנען די קינדערלעך, איינס ליגט און שלאפט אויפ׳ן סאפא... אויף דער צובראכענער סאפא, וועלכע האט מיך מיט עטליכע טעג צוריק אזוי שטארק דערפרעהט... און אט זײנען נאך צוויי קינדערלעך...

איך פערגעס אן אלעס. מיין אייגענער אינטערעס בעהערשט מיך... איך ווער שרעקליך בייז...

„וואו איז די מאמע ? וואו איז דער טאטע ?" פרעג איך די קינדער.

און די אונשולדיגע קוקען מיך אן דערשראקען, דריקען מיט די פלייצעס און שווייגען...

איך האב אוועקגעשטעלט מיין קאסטען נעבען די ארויס־געווארפענע חפצים אויפ׳ן סיידוואק. נייגעריגע שטעלען זיך אפ קוקען אויף מיר, אויף מיין קאסטען, אויף די זאכען. מיר ווערט מאדנע, איך וויים ניט וואס צו טאן.

„אט איז זי! די מיסיס סאלאוועיקין!"

ווען די פרוי האט מיך דערזעהן, איז זי בלאס געווארען, און איהר פנים האט זיך מאדנע אויסגעקרימט.

איך בין צו איהר צוגעלאפען מיט כעס, אבער צו דער זעל־בער צייט האב איך דערפיהלט א שמערצליכען פערדרוס פאר זיך

זעלבסט, דערפאר וואס איך האב אבגעריסען די יאהרען דיעזער אונגליקליכער פרוי.

„מיסים, וואס טוט זיך דא ?"

„אן אונגליק", האט זי געענטפערט שטיל, און זי האט פערבראכען די הענד.

„אבער ווי הייסט ?"

„מיר האבען דאס ניט ערווארטעט", שטאמעלט זי, „מיר האבען געדעכענט מיר וועלען דערלעגען עטליכע דאלאר... האבען מיר ניט געקראגען"...

„אבער מיין געלד ? וואס בין איך דא שולדיג ?"

„יענע נאכט איז ביי אונז א קינד זעהר קראנק געווארען. מיר האבען געמיינט, אז עס איז דיפטעריע. צוויי קינדערלעך זיינען שוין ביי אונז, ניט היינט געדאכט, ניט צעהן מאל געדאכט, געשטארבען פון דעם... האבען מיר האלבע נאכט גערופען א דאקטאר... צוויי דאלאר האט געקאסט...

„אבער וואס איז דאס שייך צו מיר ?"

און די פרוי וואגט ניט א קוק צו טון אויף מיר און זי האט גענומען וויינען שטיל...

דער כעס איז מיר אריבער. און איך בלייב שטעהן ווי א צעטומעלטער. און דא האט זיך ארום מיינע פיס גענומען ארומדרעהען א מיידעלע, איינע פון די ארויסגעווארפענע קינדער, שפיעלט זיך ארום מיר, גלעט מיך, און טרערען נעהמען מיך שטיקען... און איך נעהם לאמצען דאס קינד, דאס ארעמע קינד.

„אבער וואס וועט זיין ?" פרעג איך ווייטער מיין נייע לאזשי־מיסים, שטיל, ביטער און פערצווייפעלט.

„וואס גאט וועט געבען מיט אונז", ענטפערט זי ערנסט, „דאס וועט זיין מיט אייך... זייט דא נעבען אונז"...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דיעזע נאכט בין איך געשלאפען זיצענדיג אויף מיין קאסטען אין מיין נייער „לאזשי" אין אמעריקא, ניו יארק, לודלאו־סטריט־סיידוואק...

# דער „שלאס".

אין סאפאלק סטריט איז דא א געוויסע טענעמענט חורבה, און ווען איך האב דיעזע חורבה בעטראכט, איז מיר ארויפגעקומען א געדאנק צו רופען זי: „דער שלאס", — דער פאלאץ פון דלות, די פעסטונג פון צרות און אונגליק.

דיעזע טענעמענט חורבה איז א מערקווירדיגע אויסנאהם ניט נור אין סאפאלק סטריט, נור אין דעם גאנצען ארומיגען טע־נעמענט קווארטאל.

דאס הויז געפינט זיך דאך אין סאפאלק סטריט, אזוי גיט מען אן דעם אדרעס, נור אויסגעפינען דאס הויז קאנט איהר ניט; איהר קאנט דורכגעהן צוואנציג מאל גאנץ סאפאלק סטריט, אין דער לייננ און אין דער ברייט, און דעם „שלאס" ניט אויסגעפינען.

מען דארף זיין גוט בעקאנט מיט דער „געאגראפישער לא־גע" פון דער געגענד אום צו וויסען וואו דיעזע פעסטונג פון דלות געפינט זיך.

דאס שטעהט אין א הויף, פערבארגען און בעהאלטען פון דעם מענשליכען אויג, אהינטער הויכע טענעמענט חורבות.

צוקומען צום „שלאס" קאן אויך ניט יעדער איינער. מען דארף וויסען וואו איין און וואו אויס. מען מוז צו דעם זיין היבש ערפאהרען.

דער צוגאנג לויפט דורך א קעלער, וועלכער קומט ארויס אין סאפאלק סטריט, און ציהט זיך ביז'ן רעכטען „שלאס"; מען דארף דורכגעהן פיעלע געהיימע, פינסטערע אללייען, פער־לעגט און פערווארפען מיט שמאטעס, טראנטעס, שמוץ, בלאטע,

אַלטע פּעקלעך, אַלטע קאַסטענס, שטיקער אייזען און אַנדערע ברוך; ביז מען דערלעבט זעהען דעם אַרויסגאַנג צום „שלאָס“, געפינט מען זיך אין גרויסער סכנה און מען איז ניט זיכער מיט'ן לעבען. אַ וואָהרע פעסטונג!

עס איז דאַ נאָך אַ צוגאַנג צום „שלאָס“ דורכ'ן האָף פון דעם פאַרנט־הויז, אָבער דיעזער צוגאַנג איז אימער פערשפּאַרט, מען עפענט איהם נור אין צוויי פעללע: ווען דער לענדלאָרד קומט נאָך רענט, און ווען פון „שלאָס“ מוז מען אַרויסטראָגען אַ טויטען...

דאָס איז נור וועגען דעם צוטרעטען צו דעם הויז אין הויף, היינט האָט איהר בעדאַרפט זעהען די עצם־געביידע!

אַ שוידערליכע חורבה, פערבליעבען אין סאַפּאַלק סטריט נאָך גאַר פון די אַלטע, אַלטע יאָהרען.

צובראָכען, צושטאָכען, פערגעסען, פערלאָזען, פערוויסטעט, פער'חורבה'ט...

די שטיינערנע ווענד זיינען פערשוואַרצט און פערשימעלט, די פייער־עסקייפּס פערגעלט פון ראָסט. די שויבען אין די פענסטער צובראָכען, צושטאָכען, מיט שמאַטעס פערשטעלט...

קיין גאַז קומט ניט צו צו אונזער „שלאָס“, מען ברענט לעמפּלעך. וואַסער איז יאָ צוגעפיהרט, אָבער אויף דעם אַלטען שטייגער, דורך אייזערנע פּומפּען, וועלכע געפינען זיך אין די פינסטערע קאָרידאָרען פון דער געביידע. די פּומפּען זיינען פער־ראָסטעט, און ביז מען קריעגט אַרויס אַביסעל וואַסער, מוז מען גאַנץ שווער און ביטער אַרבייטען מיט די זייטען.

די בעפעלקערונג פון דעם „שלאָס“ איז זעהר אַ מיוחס'־דיגע; מענער זעהט מען דאָ ניט אָן אין די אויגען; לויטער פרויען און קינדער. אַלמנות, עגונות, יתומים און לעבעדיגע יתומים'לאַך...

איין מאַן האָט זיך אין שלאָס געפונען, אַ מאַן פון אַ פרוי, און אַ פאָטער פון עטליכע קליינע קינדערלעך. איז ער אָבער גע־ווען געצוואונגען דעם „שלאָס“ צו פערלאָזען.

דער נאָמען פון דעם מאַן איז געווען גראַשען. און די אור־

זאכע, ווארום ער האט געמוזט אנטלויפען פון „שלאס", איז געווען אזא:

אלע איינוואהנער פון דעם סאפאלק־סטריטער „שלאס" בעקומען שטיצע פון א צדקה־חברה.

איינינע בעקומען דירה־געלד און א פאר דאלאר וועכענטליך חוץ דירה; אייניגע בעקומען דירה־געלד און קליידער און שיך פאר די פער׳יתום׳טע קינדערלעך. אנדערע קריגען נור העלפט דירה־געלד, נור קריגען שטיצע — קריגען אלע.

די גראשענס זיינען געווען אן אויסנאהמע. זיי זיינען געווען די איינציגע אין דעם הויז, וועלכע האבען קיין שטיצע ניט געקראגען.

גראשען איז א פעדלער מיט שלייקעס, קאן גארנישט פערדינען און ער און זיין ווייב און זיינע דריי קליינע קינדערלעך ליידען הונגער און ביטערע נויט.

ניט איין מאל האט זיך די מיסיס גראשען געווענדט צו די צדקה־חברות נאך שטיצע, ניט איין מאל האט זי אין פערשיעדענע אנשטאלטען פאר פערשיעדענע בעאמטע געוויינט מיט ביטערע טרערען און געבעטען הילף פאר זיך און פאר די קינדער, נור עס העלפט גארנישט. קוים זאגט די פרוי, אז זי האט א מאן און אז דער מאן לעבט, וויל מען פון איהר ניט וויסען. אי, וואס דער מאן פערדיענט ניט? דאס איז קיין תירוץ ניט. אזא תירוץ געהט ניט אן אין א צדקה־אנשטאלט.

איז אויסגעקומען אזוי, אז די גראשענס זיינען געווען די אונגליקליכסטע פאמיליע אין דעם „שלאס" פון סאפאלק סטריט.

עס קומט אן ערשטער, מען דארף דירה־געלד צאלען. אלע איינוואהנער פון „שלאס" קריגען צוגעשיקט אנווייזונגען פאר׳ן לענדלארד, בלויז די גראשענס ווערען פערשווארצט, פערפינסטערט פון דאגה.

עס קומט א ווינטער, אלע קינדערלעך אין „שלאס" קריגען ווארעמע קליידער, גאנצע שיכעלעך. בלויז גראשען׳ס ארעמע קינדערלעך מוזען פערבלייבען נאקעט און בארוועס.

ווערט א קינד קראנק אין „שלאס", שיקט די צדקה־חברה צו א דאקטאר. און אז גראשענ׳ס א קינד ווערט נעבעך קראנק, וויל קיינער פון דעם ניט וויסען...

און גראשען ווייס זעהר גוט, אז דאס איז דערפאר, ווייל אלע קינדערלעך אין שלאס זיינען יתומים אדער לעבעדיגע יתומים׳לעך, און זיינע ארעמע קינדערלעך האבען נעבעך א פאָ־טער... גראשען פיהלט, גראשען פערשטעהט, אז ער אליין איז דאס אונגליק פון זיין פאמיליע, נור וואס האט ער געקאנט טאן ?

מען קאן דאך ניט שטארבען, אז עס לעבט זיך...

נור איין מאל איז געקומען א לאגע, זעהר א שלעכטע, זעהר א ביטערע, עס איז ניט געוועזן אויף דירה־געלד, עס איז ניט געוועזן אויף ברויט, כאטש נעהם און שטארב...

גראשענ׳ס ווייב איז אוועק אין די צדקה־חברות, נור דאָר־טען האט מען אזוי ווי געוועהנליך ענטזאגט זיך איהר צו העל־פען, ווייל זי האט א מאן.

„אדער פערדיענ, אדער געה אין דר׳ערד אריין", האט זיך די פרוי מיט כעס ארויפגעווארפען אויף דעם ארעמען פעדלער. „מען וויל ניט העלפען, ווייל איך האב א פינסטערען מאן".

גראשען האט ארונטערגעלאזען טרויעריג דעם קאפ און שטילערהייט געענטפערט :

„נו, וואס זאל איך טון ? אז איך קען פארט ניט פער־דיענען".

טא געה אוועק... געה צו אל די שווארצע יאהר"...

„אז איך האב פארט ליעב מיינע קינדער ?" האט גראשען שטילערהייט געמורמעלט. „וואוהין זאל איך געהן ? וואוהין זאל איך געהן ?"

און גראשענ׳ס צורייצטע ווייב האט ניט אויפגעהערט צו רעדען :

„אלע קריגען געהאלפען... די איז אן אלמנה, די איז אן עגונה, ביי דער ליעגט דער מאן אין האספיטאל, און אויף מיר האט זיך אויסגעגאסען אן אונגליק"...

גראשען האט גארנישט געענטפערט, נור פון זיינע אויגען האבען זיך געקייקעלט טרערען.

* *

דיעזע נאכט איז גראשען ניט געשלאפען. ער האט זיך אוועקגעלעגט אין בעט אזוי ווי אלע נעכט, נור ער איז ניט גע־שלאפען.

שפעט אין דער נאכט, ווען גראשען האט געזעהען, אז אלע שלאפען אין הויז, איז ער שטילערהייט אויפגעשטאנען, אנגעטאן זיך, א ווײלע געשטאנען פערטראכט... געקוקט אויף דער פרוי, געקוקט אויף די קינדער... פארזיכטיג צוגעגאנגען צום וויגעלע, וואו די בייבי איז געשלאפען, א קוש געטאן דאס קליינע נפש'ל... און שלינגענדיג טרערען איז דער פעדלער שטילערהייט פון הויז ארויס.

און גראשען איז מעהר נישט געקומען.

יעצט איז אין דעם „שלאס" נישטא קיין אויסנאהמע. אלע בעקומען שטיצע, אלע גלייך, די פאמיליע גראשען אויך...

# שטימען אין אונזער הויפעל.

איך עפען אויף די פענסטער און קוק אריין אין דאס שמאל, שמאל הויפעל אריין...

אויף די רעכטע אויגען הענגט א געלבליכע וואנד, דורכגע־בויערט מיט פענסטער און פענסטער און פענסטער. ווארף איך מיין בליק אונטען טיעף, טיעף, כאפט אן א שוידער און עס דאכט מיר, אז דאס הויפעל איז אזא מין שרעקליכער קבר, אין וועלכען עס ליעגען בעגראבען האלב לעבעדיגע מענשען. ט איך א קוק אין דער הויך, דערזעה איך א שמאלען פאס הימעל און דאס הארץ נעמט וועה טון.

איך הער זיך צו.

פערשיעדענע שטימען הערען זיך אין דעם שמאלען הויפעל. די שטימען טראגען זיך פון די האלב אפענע פענסטער... דאס הערט זיך דער טרויעריגער, אונענדליך טרויעריגער אבקלאנג פון דעם לעבען אין אונזערע מילבען־גריבער.

א זאנדערבארע צוזאמענמישונג פון שטימען!

אט הער איך, פון טאפ פלאר טראגט זיך א געוויין... איך וויים, וואס מען וויינט דארטען: דאס בעקלאגט מען א טויטע. א מיידעלע פון א יאהר זיבען איז געשטארבען; דיפטעריע האט דאס יונגע נפש'ל דערשטיקט, און עס וויינט די מאמע, ביטער, הערצרייסענד. אויך דערהערט זיך ציימענווייז א שווערער אויס־ברוך פון א געוויין פון דעם פאטער.

אט הערט זיך איבער דעם גאנצען הויפעל א שווער הייזעריג הוסטען... עס איז קענטיג, אז יעדער הוסט רייסט מיט זיך ארויס א שטיק הארץ, א שטיק לונגען, און איך וויים, ווער עס

הוסט עס. טאקע אין אונזער הויז, אויף דעם דריטען פלאר צו די בעק וואוינט שמואל דער הויזען־נייער, וועלבער געפינט זיך אין דער לעצטער שטופע פון שווינדזוכט... ער הוסט עס!

„איך האב דיך אין דר׳ערד!" הער איך, ווי עס שרייט א ווייבערשע שטימע. „איך האב דיך אין דר׳ערד. איך קען אהן דיר אויסקומען!"

„ווער דארף דיך!?" ענטפערט א בייזע טרויעריגע מע־נערשע שטימע, „ווער דארף דיך? געה!"

„איך וועל בעסער געהן דיענען", ענטפערט די פרויען־שטימע.

„געה! געה!" שרייט דער מאן.

עס ווערט שטיל...

וואהרשיינליך האט זי געטאן עפעס, וואס עס האט איהם אויפגערעגט. ווארום אט הער איך, ווי ער האט א געשריי געטאן מיט ווילדען כעס, א שפרונג... א קלאפ... איהר שמערצליכער אויסגעשריי... ער שלאגט זי!

איך ווייס, ווער די לייטע זיינען. א יונג פאר פאלק. ער איז אן עקספרעסמאן און האט א שווערע האנד. ער שלאגט זיין יונגע פרוי.

איך הער, ווי זי וויינט, און פון דעם וויינען שוידערט מיך.

און אט הערט זיך איבער׳ן הויפעל א שטיל מעלאנכאליש זינגען: עס איז א פרויען־שטימע, נאך גאר א קינדערשע שטימע.

און עס זינגט אזוי הערצרייסענד, אזוי טרויעריג, אזוי זיס:

„באזשע, טשעם יא ווינאוואטא,

טשטא ליובליו אלפרעדא,

קאק ראַדנאָווּאַ בראטא?"

אזוי זינגט די שטימע, און דאס זינגען צוגיסט זיך איבער׳ן גאנצען הויפעל.

איך ווייס ניט, ווער דאס זינגט, נור די מעלאנכאלישע טרויעריגע הערצרייסענדע טענער רעדען אליין פיר זיך. עס דאכט

מיר, זיי דערצעהלען א געשיכטע פון איין אנגעגריפענעם, טיעף פערוואונדעטען הארץ.

שא, וואס איז דאס ! שרעקליכע וועה־געשרייען ! אהא, איך וויים, איך וויים, דאס געהט די מיסים אייזענברוך צו קינד... ארעמע, שוין דעם צווייטען טאג, אז זי מאטערט זיך... אוי, וואס פאר א געשרייען. מען קאן פערריקט ווערען פון אזעלכע וועה־געשרייען...

אן אונגליקליכע פרוי איז די מיסים אייזענברוך. עס האַ־דעווען זיך ביי איהר קיין קינדער ניט. שטארבען אוועק יונגינקע. דערלעבען ניט קיין צוויי יאהר. דאס געהט די פרוי צו קינד מיט איהר פיערטען. דריי קינדער האט די פרוי געבארען און אלע דריי בעגראבען. איין קינד דערלעבט ניט דאס צווייטע...

איך קען די פרוי. מען זאגט, אז זי האט זעהר א יונגע חתונה געהאט, אז זי איז יעצט נאך קיין דרייסיג יאהר נישט אלט, אבער דאס איז אזוי שווער צו גלויבען... די פרוי איז שוין גרוי און אלט, שרעקליך אלט קוקט זי אויס. אוי, ווי זי שרייט !

נאך איינער האט גענומען זינגען :

„און ווען איך הער די גלאקען קלינגען

„צום לעצטען קאמפף פון בלוט און שמערץ, א. ז. וו.

דאס זינגט א יונגער מאן. ניט קיין שלעכטע שטימע, אבער ער גוואלדעוועט, אז איין גאט מעג זיך מרחם זיין. דאס זינגט דער מנוחקין׳ס בארדער. עס איז יעצט סלעק ; האט ער ניט וואס צו טון, קלינגט ער אין די „גלאקען".

אט עפענט זיך א פענסטער. נעבען פענסטער זיצט א יונגער מאן מיט א פנים פון א שאטען און „דאלבעט" אויף וואס די וועלט שטעהט די געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאטען... ער „דאלבעט" און „דאלבעט" מיט אזא הארטער, טרוקענער שטימע, און עס שטעלט זיך מיר פאר ווי אונזער היימעשער קליינ־שטעדטעלדיגער קברות־מאן פלעגט זיצען ביי א בר מנן און בראקען תהלים...

דאס גרייט זיך פאר א אידישער יונגער מאן צום עקזאמען,

דאס האדעוועט זיך ביי אונז אין הויפעל א צוקינפטיגער דענ־טיסט, אפשר א גאנצער דאקטאר.

שא, א פאל, א שוידערליכער אויסגעשריי פון א פרוי קלינגט אב איבערן גאנצען הויפעל... א געשריי פון א קינד. אהא, איך ווייס! דאס האט ביי די קאראבייקינס געמוזט אראבפאלען דאס קינד פון טיש, א מיידעלע פון א יאהר דריי מיט שוואכע פיסעלעך. זיצט שטענדיג אויפ׳ן טיש, און פאלט גאנץ אפט ארונטער...

א פענסטער האט זיך געעפענט... און א גרויס פעקעל מיט שמוץ פליהט אין הויפעל אריין. נאך א פענסטער עפענט זיך... און עס פליהט נאך א פעקעל מיט שמוץ.

נאך א פענסטער עפענט זיך. דעם עקספרעסמאן׳ס פרוי האט ארויסגערוקט דעם קאפ... זי וויינט שטיל... און א טרער איז ארונ־טערגעפאלען אין הויפעל אהין ארונטער, וואוהין מען האט ארונ־טערגעווארפען דעם שמוץ.

נא דיר, אט האסטו דיר, טאמער איז ווייניג, איז פערקראַ־כען צו אונז אין הויפעל אן איטאליענער מיט א קאטארינקע... און די קאטארינקע נעמט שפיעלען...

און איך הער זיך צו...

אלץ מישט זיך צוזאמען... די טענער פון דער קאטארינקע, די וועה־געשרייען פון דער קינדבעטארין, דאס בעוויינען פון דעם פערשטארבענעם קינד, דאס טרוקענע „דאלבען" פון דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאטען, דאס זינגען פון דער מיידעל, דאס „קלינגען" פון דעם בארדער, דאס וויינען פון דעם ארונטערגע־פאלענעם קינד...

מען וויינט, מען שרייט, מען זינגט, מען לאכט, מען הוסט, און אלץ גיסט זיך צוזאמען אין איין כאאס, און איך הער זיך צו צו די אבקלאנגען פון דעם טרויעריגען לעבען ביי אונז אין הוי־פעל, און, וועה, ווי מיין הארץ ווערט צוריסען!

# צווישען מענשען.

און גארסאן האט מיט א צובראכענער שטימע געזאגט צו זיין פרוי:

„אוי, ענני, ענני, ווי ביטער עס איז צו זיין אן ארעמאן".

און א שווערער, שווערער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון גארסאן'ס טיעפען, טיעפען הארצען און זיינע אויגען זיינען פערלאפען געווארען מיט טרערען.

„א רחמנות, א רחמנות אויף אונזער טייערער מיידעלע", האט טרויעריג ענני געענטפערט, און אויך אין דער פרוי'ס שטימע האבען זיך געפיהלט טרערען... זודיגע טרערען, מוטערליכע טרערען.

* * *

דאס מיידעלע הייסט סאפעלע, אלט א יאהר פינף.

א שיין קינד, א ליעב קינד, א לעבעדיג, א פרעהליך מלאכ'ל, מיט שווארצע ברענענדע אויגען, מיט לאנגע זיידענע לאקענס.

איין קינד געבליבען פון צוויי, איז עס א ציטעריגס ביי די עלטערן.

באלד וועט ענני ברייננען אויף דער וועלט נאך א קינד, נור דערווייל איז סאפעלע איין־איינציגע, און עס איז זעהר, זעהר טייער ביי די עלטערן.

סאפעלע איז דאס לעבען, סאפעלע איז פאפא'ס און מאמא'ס נשמה, דאס גאנצע פערגעניגען, דער נחת, די פרייד.

גארסאן און זיין פרוי זיינען אינטעליגענטע מענשען, און ווייסען וואס עס הייסט ערציהען א קינד.

גארסאן מאכט אבער א לעבען פון דעם, וואס ער ארבייט ביי זיידענע בלוזען, און ער ארבייט אוים דורכשניטליך אין קיין פאל נישט מעהר פון צעהן דאלאר א וואך.

ווען מען פערדיענט צעהן דאלאר א וואך, וויפיעל, רעכענט איהר, קאן מען צאהלען רענט אין ניו־יארק ?

ווען מען האט קינדערלעך, ווען מען ווייס פון דאקטוירים, ניט פאר מענשען גערדאכט, ווען עס ווילט זיך לעבען ווי א מענש, געהן ווען ניט ווען אין א טעאטער, אין אן אפערא הויז, געהן אין געסט, עמפפאנגען געסט, אנטאן זיך ארעם אבער ליטיש, וויפיעל רעכענט איהר קאן מען אפלעגען פאר׳ן לענדלארד ?

אמאל האט גארסאן געצאלט אכט דאלאר א חודש דירה־געלד, איז געקומען א נייער ליסטער און געהעכערט אויף צעהן, איז געקומען נאך איין ליסטער און געהעכערט נאך צוויי דאלאר א חודש, און ביי צוועלף דאלאר דירה־געלד זיינען די גארסאן׳ס פערבליבען.

דריי קליינע איינגע רומס — קיטשען, בעד־רום און פראנט־רום. דער בעד־רום האט איין פענסטער, וואס קומט אריין אין א גאנץ שמאל הויפעל, און אין צימער איז ווענינ לופט, ווענינ ליכט ; די מיסים גארסאן ווייס אבער וואס זי האט צו טון. האט זי געמאכט פון בעד־רום א מיניאטורנעם עס־צימער, די קיך איז פערבליעבען קיך, און פאר א פראנט־רום ארט איהר נישט.

די בראווע פרוי האלט אין איין פוצען און רייניגען איהר וואוינונג, און אין די דריי קליינע איינגע צימערלעך פינקעלט ווי אין א גן־עדן ; פאר די רומס וואלט די גארסאן׳ס זיך ניט געקי־מערט, נור די נאכבארשאפט... אוי, די נאכבארשאפט ! !

אין א געגענד, וואו מען צאלט צוועלף דאלאר רענט, וואוי־נען אין ניו־יארק הייגטיגע צייטען די סאמע ארימסטע מענשען, וויל דאס איז דאס ביליגסטע דירה־געלד.

פון ארמע לייט זיינען דא ב״ה פאראנען ניט ווענינ קינדער־לעך און די קינדערלעך ווערען ערצויגען אין דער סטריט.

דער טאטע ארבייט, די מאמע געפינט זיך אויך ניט אויף

פּלעזשור, קיין דיענסטען פאר די קינדער זיינען ניטאָ און די יונגע חברה ווערט אויפגעבראכט אין גאס אהן אירגענד וועלכע השגחה...

אבגעריסען, אבגעשליסען, פערווילדעט, פערדארבען!

און ארמע געגענד, א פערשמוצטע געגענד, א פערפעסטעטע נעגענד... בלאטע, שמוץ, איינגענים, שטיקענים, איטאליענער, איי־דען, אירישע, קענדי סטארקעס, סאלונען... מען קריגט זיך אין סטריט, מען שלאגט זיך, מען שיכור'ט, מען זידעלט זיך מיט זעהר ניט שיינע ווערטער... דאס טון די עלטערע און די קינדער טון נאך.

די מוטער קאן סאפעלען א גאנצען טאג אין הויז ניט האל־טען. סאפעלע שפּיעלט זיך אין סטריט, און לערנט זיך אב גוטע מידות.

די מיידעלע איז אלט פינף יאהר, נור זי רעדט אזעלכע זאַ־כען, פון וועלכע ביי עלטערע מענשען קאן אריין דאס בלוט אין פנים.

סאפעלע ווייס שוין וועגען פּייטס, זי ווייס וואס עס הייסט זיין שיכור, און זי האט שוין געהערט וועגען ערגערע זאכען...

ווען גארסאן קומט א היים פון דער ארבייט און זיין קליין מיידעלע קריכט צו איהם ארויף אויף די קניע, פיהלט ער זיך אזוי גליקליך, אזוי גליקליך, נור ווען סאפונע נעמט מיטטיילען איהרע איינדריקע פון דער גאס, גערט אריבער א סקרוך איבער'ן גאנצען לייב ביי דעם ארמען פאטער...

„פאפא", דערצעהלט סאפעלע מיט קינדערשע התפעלות, „איבער'ן סטריט האט סיידי גע'גנב'עט א ברויטעל אין גראסערי, האט זי דער גראסערער אנגעשלאגען... און ארמע סיידי האט אזוי געוויינט... און הערריי'ן האט דער „קאפּ" אנגעשלאגען און געוואלט צונעהמען אין סטיישאן הויז".

„פאר וואס?" פרעגט דער פאטער אוטאמאטיש.

„ער האט געכאפּט „סוויט פּאטייטעס" (זיסע קארטאפעל) ביי דעם „גיני".

„ששש!" שלאגט איבער גארסאן זיין קינד, און בייזערט

זיך גוטמוטיג. „מען דארף אזוי ניט רעדען... זאלסט ניט זאגען „גיני"...

און סאפעלע רעדט ווייטער, און פון דער מיידעלס ווערטער רייסט זיך אב דעם פאטער אין הארצען...

און גארסאן טראכט ביי זיך: „אוי, ווי אנטלויפט מען פון דאנען? ווי רייסט מען זיך ארוים פון דער געגענד?"

נור דער ארבייטער וויים, ער קאן קיין העכערע רענט ניט צאלען, און מיט צוועלף דאלאר רענט, וואוהין ער וועט ניט מופען, וועט ער טרעפען די זעלבע נאכבארשאפט, די זעלבע גאס, די זעל־בע צרות, און גארסאן טוט א שווערען זיפץ, און בלייבט וואוינען אין זיין דירה.

נור איין מאל איז דאס מאס איבערפילט געווארען.

אין איין שיינעם אבענד, ווען גארסאן איז געקומען א היים פון דער ארבייט, איז איהם סאפעלע נישט געלאפען אנטקעגען, אנשטאט סאפעלען האט איהם בעגעגענט די פרוי א פערוויינטע... ביי דעם ארבייטער האט א ריס געטאן אין הארצען.

„וואס איז געשעהען?" האט גארסאן א פרעג געטאן מיט א פערשטיקטען אטעם.

„סאפונע האט היינט געהאט זעהר א גוטען טאג", האט עננע טרויעריג געענטפערט, „ א לאופער אין גאס האט איהר געגעבען מיט א שטעקען אין קאפ"...

„ מיט א שטעקען אין קאפ ? !" האט גארסאן איבערגע־פרעגט ערשטוינט און פערציטערט.

„דאס קינד האט שיעור ניט גע'חלש'ט", דערצעהלט ווייטער עננע.

„וואו איז זי ?"

„אין בעט"...

„האסט בעדארפט לויפען צו א דאקטאר", זאגט גארסאן אונרוהיג.

„געוועזן".

„נו ?"

„נישט געפעהרליך... עס האט געקענט ערגער זיין".
גארסאן כאפט אפ דעם אטעם.

„וואס זי האט נעבעך צו־וויינט", רעדט ענני אזוי ווי פאר זיך.

נור איהר מאן הערט שוין ניט און לויפט אין פראנט־רום צו דעם קינד.

ווען דער ארבייטער איז אריין צוריק אין קיך, זיינען זיינע אויגען געווען מיט טרערען פערלאפען.

און גארסאן האט געזאגט צו זיין פרוי:

„דו הערסט, ענני, איך וועל עסען א שטיקעל טרוקען ברויט א טאג, איך וועל אלעס אויפגעבען, איך וועל אויפהערען צו רויכענען טאבאק, איך וועל אויפשטעהן פריהער און געהן צו־פוס אין שאפ, איך וועל אפשינדען פון זיך די הויט, נור מיר מוזען מופען פון דאנען, מופען אין אן אנשטענדיגער געגענד, מופען אין א רייכערעם הויז „צווישען מענשען".

„איך וועל דאקאזשען באָרדערס", איז ענני צוגעשטאנען צו איהר מאן'ס נדר. „איך וועל פאר זיי וואשען, איך וועל פאר זיי קאכען, איך וועל קארגען, איך וועל שפארען, — נור מופען פון דאנען"...

* * *

דעם קומענדען מאנאט האבען די גארסאן'ס מקיים געווען זייער נדר...

אין א פיינערע געגענד האבען זיי געמופט. דאס דירה־געלד אין דעם הויז איז געווען פון פינף און דרייסיג ביז פינף און צוואנציג דאלאר א חודש, נאטירליך האבען די גארסאן'ס גענומען די ביליגסטע דירה.

גאר א פיין הויז, קיין ארבייטער זיינען דארט אויף א רפואה ניט געווען. קליינע שוויץ־פאבריקאנטען, אנפאנגער אין ריעל־עסטייט, אגענטען, סיילעסלייט, א. ז. וו... אויפ'ן אונטערסטען פלאר האט געוואוינט א דאקטאר, אין האל איז תמיד געשטאנען א הונד. דער לענדלארד א אידישער, די שכנים אלע אידישע, נור

דער הויז־קיפּער א דייטש, א גרויסער אנטיסעמיט...מיט איין ווארט א פיין מאדערן אפּארטמענט־הויז.

מיט זייער מעבעל האבען זיך די גארסאן׳ס נעבעך געשעמט צו צייגען אין אזא פיינעם הויז, האבען די לייט געמופּט האלבע נאכט. נור דער דייטשעשער הויז־קיפּער האט דאך געזעהען, וואס פאר א סחורה ער קריגט אריין. און דער ביטערער ערל האט זיינע נייע קרבנות גוט געהאט אין זינען.

רענט נאטירליך האבען די גארסאן׳ס בעצאלט, נור אריין זיינען די מענשען אין זייערע אייגענע רומס עפּעס מיט פּחד, מיט אימה; געפיהלט האבען די ארמע לייט, אז זיי קריכען דא אריין עפּעס ניט אין אן אייגענעם טעלער...

דער ליכטיגער האל מיט דעם שיינעם קארפּעט, מיט די שיינע לאמפּען, האט עפּעס מאדנע געווירקט אויף דעם ארמען ארבייטער מיט זיין ווייב.

„אוי, וואס פאר א גן־עדן", האט גארסאן געזאגט.

„אוי, ווי פיין, אוי, ווי גוט", האט זיך ענני גע׳חידוש׳ט... און צו דער זעלבער צייט האט זיך ביי מאן און ווייב ארויסגעריסען א שווערער זיפץ פון הארצען...

גארסאן און זיין פרוי האבען דאכט זיך זעהר גוט געוואוסט, אז די טרעפּען מיט דעם רויטען קארפּעט פיהרען צו דעם אויבערסטען פלאר צו זייער דירה, פאר וועלכער זיי האבען בעצאלט גוט געלד, נור פונדעסטוועגען, ווען זיי וואלטען געקאנט צוקומען צו דער דירה, ניט דורכגעהענדיג די טרעפּ, וואלטען זיך די מענשען געפיהלט זיכערער און רוהיגער...

סאפּעלע האט זיך יא געפיהלט היימיש; ווען דאס קינד האט דערזעהען די שיינע טרעפּ מיט דעם וויכען קארפּעט, האט די קליינע „דיעטקעלע" גענומען טאנצען און זינגען פאר פרייד... שפּרינגט אונטער דער דייטשעשער הויז־קיפּער, און מיט א קאלטען, פרעכען שמייכעל האט ער א זאג געטאן:

„דא איז ניט בעקסטער סטריט"...

סאפּעלע האט ניט פערשטאנען וואס דער רויטער דייטש

האט געזאגט, נור פון זיין בליק איז ביי דעם מיידעלע דאס הארץ פערשטארבען, און זי האט זיך צואוויינט...

דאס זיינען געווען סאפעלעס ערשטע טרערען אין דעם מאָ־דערנעם אפּארטמענט־הויז „צווישען מענשען", שפּעטער האט סאַ־פּעלע מעהר געוויינט...

דער פאטער און די מוטער האבען בערוהיגט זייער קינד און זי ארייננענומען אין שטוב...

„אט דא, טאכטערל", האָט גארסאן געזאגט צו זיין קינד, „דא מעגסטו לאבען, דא מעגסטו זינגען, טאנצען וויפיעל די ווילסט... יאהרען דיר, מזל דיר !"

סאפּעלע האט זיך באלד בערוהיגט... און גענומען ארומלוי־פען איבער די רומס, שפּיעלען, זינגען, לאבען...

האט די הויז־קיפּערין אנגעקלאפּט אין טיר...

און פערבלייבענדיג אין טיר, האט די דיקע דייטשקע גע־זאגט מיט א פרעכער אפּלאכענדער שטימע :

„איהר קינד מוז זיך דא גוט בענעמען... עס איז ניט העס־טער סטריט... היער לאכט מען ניכט"...

די הויז־קיפּערין האט א שטארקען קלאפּ געטאן מיט דער טיר, גארסאן און זיין פרוי זיינען געבליעבען שטעהן ווי אבגע־שמיסענע... און סאפּעלע האט זיך דערשראקען ארומגעקוקט און מיט א וויינענדער שטימע געזאגט :

„מאמא, לאמיר געהן צוריק אהיים"...

* * *

די גארסאן'ס האבען מיט זייער נייער דירה אנגעלאפען זיך נייע צרות. אזעלכע צרות, פון וועלכע זיי האבען גאר קיין אהנונג ניט געהאט אין דעם ארמען קווארטאל.

דארטען איז גארסאן געווען א קבצן גלייך מיט אלעמען, און זיין בימו״דער דלות האט ניט אזוי געעגבערט זיין הארץ, און ניט געשטאכען א צווייטען אין די אויגען.

דא איז עטוואס אנדערש. דא אין הויז זיינען אלע געווען מעהר אדער ווענינער פערמעגליכע לייט. די גארסאן'ס זיינען די

איינציגע אביונים. און מען האט זיי דאס געלאזט פיהלען אויף יעדען שריט און טריט...

עס לאזט פיהלען דער הויז־קיפער, עס לאזט פיהלען דער לענדלארד, עס לאזען פיהלען די איבעריגע „אנשטענדיגע" שכנים...

צו יעדען מאל, ווען דער הויז־קיפער דארף נעמען ביי די גארסאן'ס דעם מיסט, שרייט ער און ווארפט זיך ווי אן אלטער משומד... און מאנכעס מאל שליידערט ער דעם שמוץ ענני'ן כמעט אין פנים אריין... און ביי יעדער קלענסטער געלעגענהייט בעליי־דיגט ער זי, אין דער צייט ווען פאר די איבעריגע שכנים ציהט זיך אויס דער דייטש אין דער לייגג און אין דער ברייט...

עס בעליידיגט דער לענדלארד, כאטש דירה־געלד האט ער גענומען גלייך ווי ביי אלעמען...

אלע שכנים האבען ווארם וואסער אין זייערע הייזער, די גארסאן'ס האבען ניט, עס דארפען די רעהרען געפיקסט ווערען. האט שוין ענני איין מאל געזאגט וועגען דעם דעם לענדלארד, האט ער זי אפילו ניט מזכה געווען מיט א בליק... ווער רעדט שוין וועגען אווארט ענטפערען... און די גארסאן'ס זיינען געבלי־בען אהן היים וואסער...

עס בעליידיגען די שכנים...

די ווייבער זיינען דא אלע אזעלכע דיקע, אזעלכע אבגע־פרעסענע, מיט פערפוידערטע, פערפארבטע געזיכטער, און די ארמע מאגערע ענני קוקט דא אויס אזוי ווי א פרעמדע, ווי א פערבלאנדזשעטע...

און ווי א פרעמדע בעטראכט מען זי. ניט נור ווי א פרעמדע, נור ווי א פרוי פון א ניעדעריגערען שטאנד...

אט רעדען צווישען זיך עטליכע ווייבער, און ווען ענני קומט אן, ווערען אלע שטיל, און זי בעמערקט, ווי אלע קוקען זי ארום מיט פרעכע ציינישע בליקען... און ווען זי קעהרט זיך אב, פיהלט זי, ווי מען לאכט פון איהר...

און ענני'ס הארץ ווערט בעגאסען מיט בלוט...

אויך גארסאן פיהלט זיך ניט אין זיין טעלער... דער הונד

אין האלל וויל איהם ניט דורכלאזען... און דער הויז־קיפער איז פון דעם מלא שמחה און שטילט דעם הונד ניט איין.

ווען גארסאן קומט אריין אין האלל פון דער ארבייט, פיהלט ער, אז זיין ארמער „אנצוג“, זיין פערמאטערט, מאשינטרייבערש געזיכט פאסען זיך ניט פאר דעם שיינעם, ליכטיגען האלל, און ער פליהט דורך די טרעפען, אזוי ווי א גנב... און כאפט ער זיך שוין אריין אין די רומס, וויל ער ערגעץ ניט ארויסגעהן, ווייל עס וועט אויסקומען דורכגעהן דעם האלל, פערבייגעהן דעם הונד, דעם דאקטאר און דעם הויז־קיפער... זיצט ער בעסער אין דער היים...

נור גארסאן און ענני וואלטען גערן אריבערגעטראגען די אלע בעליידיגונגען, די אלע אונאנגענעהמליכקייטען, ווען פאר זייער קינד זאל נור זיין בעסער...

אבער סאפעלען איז דא אויך שלעכט, ערגער, פיעל ערגער, איידער אין דעם ארמען קווארטאל...

דארטען האט מען סאפעלען איין מאל פערוואונדעט איהר קאפ, דא פערוואונדעט מען יעדע ווייעלע איהר קינדערש הערצעלע... און מען פערוואונדעט ביז טרערען, ביז בלוט...

דארטען האט סאפעלע געוואוסט, וואס עס איז „שיני“, „גיני“, דארטען האט זי געזעהען געשלעג, ארימקייט, סאלונען, שמוץ, בלאטע, נור דאס קינד האט דאך פון דעם ניט געליטען...

דא האט דאס פינף־יעהריגע מיידעלע שוין באצייטען גענומען פיהלען דעם ביטערען טעם פון ארימקייט... דא האט דאס יונגע קינד גענומען פיהלען דאס שמערצליכע גיפט פון נויט און דלות... דאס אלץ האט דא צום ערסטען מאל אנגעגריפען איהר קינדערש הערצעלע, אנגעגריפען ביז בלוט...

סאפעלע זעהט — אלע קינדערלעך זיינען אנגעטאן שענער, בעסער, רייכער פון איהר. און דעם קינד פערדריסט...

סאפעלע זעהט — אלע קינדער האבען בעסערע שפיעלצייג פון איהר, און דאס קינד איז מקנא... און איהר קינדערשע הער־צעלע פערגעהט פון וועהטאג...

דארטען אין דער ארמער געגענד פלעגען אלע קינדער שפיע־

לען זיך מיט סאפעלען... דא ווייכט מען זי אויס, דא שעמען זיך די קינדער מיט איהר... און ווען א קינד רייסט זיך אב און וויל יא שפיעלען מיט סאפעלען, מישט זיך אריין די דיענסט אדער די מאמע און פערווערט.

און סאפעלע'ס הארץ ווערט פערלאפען מיט בלוטיגע טרערען...

און טאטע־מאמע פיהלען דאס!

און טאטע־מאמע פערשטעהען דאס!

* * *

א זומער־אבענד. גארסאן איז ביי דער ארבייט... ענני איז ביזי אין די רומס. אט קומט אריין סאפעלע פון גאס.

דאס קינד איז אומעטיג... דאס קינד איז דערשלאגען...

„וואס איז, סאפעניו ?“ פרעגט די מאמע.

„נאבאדי וואנטס טו פליי וויטה מי“ (קיינער וויל זיך מיט מיר ניט שפיעלען), ענטפערט סאפעלע, און אין די אנשטענדיגע שיינע רומס קלינגט אב א שווערער קינ־דערשער זיפץ...

„א דאגה דיר, סאפעלע“, ענטפערט די מוטער, „מאמע וועט מיט דיר שפיעלען“...

„לאמיר מופען אין דהי אלד האוז“ (לאמיר אריינציהען אין די אלטע וואוינונג), טוט א זאג סאפעלע, און דאס קינד האט זיך צו־וויינט...

„מיר וועלען מופען, מיר וועלען מופען, סאפעניו, טייער קינדעלע“, כאפט די מוטער קושען דאס קינד, „מיר וועלען מופען, מיר וועלען מופען“...

און פאר זיך איז זי מוסיף :

„ווען מען איז ארעמע לייט, דארף מען פון ארעמע לייט ניט לויפען !“

סאפעלע איז איינגעשלאפען.

גארסאן איז געקומען פון שאפ. דעם פאטערס ערשטע פרא־גע איז :

„וואו איז סאפעניו ?"

„שלאפט", ענטפערט ענני, שטיל און טרויעריג.

„אזוי פריה ?" פרעגט גארסאן.

און ענני דערצעהלט, פאר וואס דאס קינד איז אזוי פריה איינגעשלאפען.

און א שווערער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון גארסאן'ס טיעפען, טיעפען הארצען, און זיינע אויגען זיינען פערלאפען מיט טרערען.

„א רחמנות, א רחמנות אויף אונזער קינד", האט ענני טרויעריג געענטפערט. איהר שטימע האט געציטערט...

און אויך פון דער מוטערס אויגען האבען זיך ארונטערגע־קייקעלט א פאר טרערען...

זודיגע טרערען, מוטערליכע טרערען...

# דער ליעבער, טייערער זומער.

די ערשטע טעג פון דעם מאנאט אפריל זיינען די וועטערן נאך אלץ געווען צרה׳דיג. רעגענס, קאלטע ווינטען. עס האט זיך גאר ניט געגלויבט, אז עס וועט נעהמען ווען עס איז א סוף צו דעם ווינטער.

אבער ווען עס איז אריבער א העלפט פון דעם חודש, איז דער שיינער זומער פלוצלונג, עפעס אזוי ווי דורך דער ווירקונג פון א כישוף, געבארען געווארען.

עס האט א בלאז געטאן א זומערדיגער ווארם ווינטעל, דער הימעל האט זיך אויסגעלויטערט און די זון האט גענומען גיסען מיט אזעלכע ליעבליכע, ווארמע שטראהלען.

גרינע גרעזעלעך, יונגע בוימעלעך, שיינע פויגעלעך! איך וואלט אזוי וועגען דעם געוואלט דערמאנען, דאס זיינען דאך אלץ צייכען פון דעם ליעבען, טייערען, ניי־געבארענעם זומער. האט אבער דאס בייזער שיקזאל פערשלעפט מיין מוזע אין דעם אידישען קווארטאל, אין די געגענדען פון מאנטגאמערי סטריט, דארטען זעהט מען ניט, ניט קיין גראז, ניט קיין בוימער. ווער? וואס? ווע־מען? טענעמענט־הייזער, שווארצע, הויכע קאזארמעס, א וואנד אויף א וואנד, א קאפ אויף א קאפ, הויזקיפערס, רענט, מוף־צעט־לען... ווער זעהט גראז? ווער ווייס פון בוימער?

דאך האט מען אין מאנטגאמערי סטריט געווארט אויף דעם זומער מיט אונגעדולד ווי אויף דער גאולה, ווי אויף משיח׳ן.

דער ווינטער איז געווען א שוידערליכער!

אין דער אידישער מילבען־גרוב האט דער ווינטער געבראכט פיעל טרויער און אונגליק.

דיפטעריע, סקארלאטין, מאזלען, לונגען־ענטציגדונג... און

דאקטוירים האבען געהאט א זעלטענעם סעזאן. און דער מלאך המות האט געארבייט מיט די זייטען און אויף די בית עולם׳ס זיינען פאר דעם ווינטער צוגעקומען א סך, א סך קינדערשע פרישינקע קברים׳לעך!

מיט דעם אנקומען פון דעם זומער האבען די שטיינער פון די גאסען פון דעם אידישען קווארטאל ניט בעדעקט זיך מיט גרינע גראז. עס איז אבער געווארען ריינער, ווייל די בלאטע האט א ביסעל א טריקען געטאן. די טעלעגראפישע שטאנגען האבען זיך מיט גרינע צווייגלעך ניט בעדעקט, עס איז אבער געווארען ווארעמער דרויסען, און די קליינע, שוואכע קינדערלעך, וועלכע זיינען געווען פערשטעקט אין די פינסטערע, פערפעסטעטע טענעמענט־גריבער, זיינען אין גאס ארוים. די לופט פון מאנטגאמערי סטריט האט ניט גענומען שמעקען מיט פארפיומען, מען האט אבער דאך גענומען עפענען די פענסטער, און אין די דעמפיגע אוצרות פון דירה־געלד האט כאטש אריינגעאטעמט אן אטעמעל לופט און עס זיינען געווארען ווייניגער בעלאגערט די דיספּענסערים; די אפטייקערס האבען אויף א ווייל אויפגעהערט צו מישען זייערע מיתה־משונה׳דיגע קרייטעכער; די פנים׳ער פון די דאקטוירים האבען זיך בעדעקט מיט א מרה שחורה; דער מלאך המות האט אפגעכאפט דעם אטעם.

און ניט איין פערארעמטער טאטע און ניט איין צושראקענע מאמע, האבענדיג אין זינען און אין הארצען זייערע קליינע שוואכע קינדערלעך, האבען אין מאנטגאמערי סטריט געדאנקט גאט פאר דעם ניי־געבארענעם, ליעבען, טייערען זומער.

בענדזשעמין דער בייסטער און חנה מיניע זיין ווייב זיינען אויך זעהר, זעהר צופריעדען, וואס אין מאנטגאמערי סטריט איז שוין געווארען זומער.

וואס אונזער „בייסטער" האט געהאט א שלעכטען ווינטער אין פרנסה, דאס בין איך שוין אייך מוחל; וואס דער באס פון „זיין" שאפ האט געהאלטען אין איין שניידען די פרייזען פון דער ארבייט, און וואס דער לענדלארד פון זיין הויז האט געהאלטען אין

איין העכערען די רענט — וועגען דעם איז אבגערעדט. זיינען אבער צו אלע צרות א גאנצען ווינטער ביי איהם זיינע צוויי קליינע קינ־דערלעך געווען קראנק.

גלייך נאך סוכות, ביי דעם ערשטען קאלטען ווינט, האטביילקע, זיין עלטערעם קינד, א מיידעלע פון א יאהר פינף, זיך צו־געקיהלט און איז אבגעלעגען פינף וואכען צום בעט. ביילקע האט נאך ניט צייט געהאט געזונד צו ווערען, האט איציק, זיין אינגערעם קינד, א אינגעלע פון א יאהר דריי, געקראגען מאזלען. אין א וואך ארום האט ביילקע אויך געקראגען מאזלען. ווען די מאזלען זיינען אריבער, האט זיך איציק ווידער פערקיהלט און האט געקראגען געשוואלענע מאנדלען. ווי נור איציק איז בעסער געווארען מיט די מאנדלען, האט ביילקע געקראגען א „סווינקע". ווען ביילקע האט זיך גענומען בעסערען מיט דעם „חזיר'ל", האט איציק געקראגען א קייך־הוסט. פון איציקען האט זיך אנגענומען ביילקע און ביידע קינדערלעך זיינען געווען זעהר קראנק. ביי ביילקען האט זיך נאך ניט אין גאנצען אויסגעשטאנען דער קייך־הוסט, ווען איציק האט געקראגען ווינד־פאקען. אין א וואך ארום האט ביילקע אויך געקרא־גען ווינד־פאקען. א פאר וואכען האט גענומען ביז די קינדערלעך האבען זיך ארויסגעריסען פון די ווינדפאקען, מיט א מאל קריעגט איציק א פרישע פערקיהלונג און באקומט אזא שלעכטען קרופנעם הוסט. איציק איז נאך גאר געווען קראנק, פערקיהלט זיך ביילקע און קריעגט די מאנדלען. און עס הויבט איהר אן רינען פון אן אוי־ער, און מען שניידט, און מען רייסט ביז עס ווערט בעסער, לעגט זיך אוועק איציק מיט דער גריפ. איציק, קיין עין הרע, האט זיך פון דער גריפ ארויסגעריסען, האט אבער דאס ביילקע געכאפט, און פון דער גריפ האט זיך איהר צוגעווארפען לונגען־ענטצינדונג, און די מיידעלע איז פיער־פינף וואכען געווען מעהר אויף יענער וועלט איידער אויף דער וועלט. ווי ביילקע האט זיך גענומען בעסערען, קריעגט איציק ווייטער די „סווינקע". ביילקע כאפט דאס אויך, און ביידע קינדערלעך געהען ארום מיט געשוואלענע פנים'לעך. דאס „חזיר'ל" איז ביי ביידען אריבער, געהט אריבער א וואך, בייל־

קע האָט שוין ווייטער די מאַנדלען.

חזיר׳ל! מאַנדלען! מאַזלען! קייך־הוסט! און דער ארעמער טאַטע און די אָרעמע מאַמע ווערען משוגע פון יסורים, פון שרעק, פון פּחדים.

וואָרום אַן די צוויי בלאַסע קינדערלעך הייגט אָפּ דאָס גאַנ־צע לעבען, קיין אַנדער טעם אין לעבען איז ניטאָ. לעבען צוליעב דעם לענדלאַרד, צוליעב דעם באָס איז ניט קיין גרויסער תענוג, און וואָס איז פאַראַנען אין דעם בייסטער׳ס לעבען חוץ דעם שמערצליכען פערגניגען פון קינדער?

גאָר נישט!

איז דער פינסטערער, שרעקליכער ווינטער ענדליך אַריבער.ביילקע און איציק זיינען שוין „געזונד". בלאָס זיינען אפילו די קינדערלעך ווי די טויטע, דאַר און מאָגער און האַלטען זיך קוים אויף די פיסעלעך, אָבער זיי זיינען דאָך ניט פערקעלטעט. און חנה מיניע האָט זיי אַרויסגעשיקט שפּיעלען זיך אין גאַס.

אליין האָט זי זיך גענומען אויסראַמען דעם ווינטער פון הויז. איבעריגע שמאַטעס און טראַנטעס האָט די פרוי אין קעלער אַרונ־טערגעטראָגען, אַרויסגעשלעפּט די טיכער, מיט וועלכע עס זיינען געווען פערשטאָפּט די שפּאַלטען פון די ווענד. איבערגעשטעלט דאָס בעט נעהענטער צום פענסטער, אָבגעריבען דעם שטויב און די שפּינ־וועבס פון די ווענד און באַלקען, אויסגעווישט מיט אַ נאַסען טיכעל די שטולען און דעם טיש, איבערגעווישט אַלע כלים פון אַלמער, אויסגעוואַשען די פלאָרס, אַרומגעהאַנגען דעם וואַשטאָב מיט אַ ווייסער פאָרהאַנגע, א. ז. וו...

און חנה מיניע שטעהט אין מיטען קיך, בעטראַכט דאָס הויז און קוועלט פאַר שמחה...

אַ פערגעניגען! — טראַכט זי — די פענסטער זיינען אָפען. דער גרויסער אייוועך פערפלייצט ניט מעהר דאָס גאַנצע הויז מיט אַש, עס דאַכט איהר, דער פרוי, אַז עס איז געוואָרען ליכטיגער אין יעדען ווינקעלע, און עס טוט איהר הנאה פון דעם. עס קומט איהר אַרויף אויפ׳ן זינען, אַז מען האָט בעדאַרפט אין קיך אַ פאַרב טון די

וועגד, נור גלייך צושיידט זי זיך מיט דיעזער פאנטאזיע, זי וועט וועגען דעם דעם לענדלארד ניט אנמוטהען; זי האָט מורא, ער קאָן נאך ווייטער העכערען די רענט.

בענדזשעמין איז געקומען.

ווען בענדזשעמין האָט דערזעהן, וואס עס טוט זיך אין הויז, האָט זיך אויך אויף דעם בייסטער'ס געזיכט אויסגעלעגט א צופריע־דענער שמייכעל.

„א דאנק גאט, א דאנק גאט, עס איז שוין דרויסען זומער".

„א דאנק גאט, א דאנק גאט", האָט מיניע נאכגעזאגט איהר מאן. „פטור געווארען פון דעם אונגליקליכען ווינטער".

„די קינדערלעך ?" האט בענדזשעמין געפרעגט. „וואו זיינען אונזערע צוויי בריליאנטען?"

„אין גאס".

„זיי וועלען זיך אבלעבען", מאכט בענדזשעמין.

„האלאוואי", האָט חנה מיניע א שווערען זיפץ געגעבען.

„מיט דעם ווינטער וועלען אוועק אלע צרות, אלע קריינק".

„האלאוואי, האלאוואי", שעפטשעט די מוטער.

פון גאס האָט זיך דערטראגען א פערדעכטיגער רעש...

בענדזשעמין און זיין פרוי האָבען זיך א ווײלע צוגעהערט... און האָבען זיך אונרוהיג דורכגעקוקט.

ביים פאטער און ביי דער מוטער ווערען פערשטארבען די הערצער: די קינדער זיינען דרויסען געווען.

האסטיג לויפען זיי ביידע אין פראנט־רום צו די פענסטער און זיי זעהען דרויסען אן עולם מענשען אין מיטען גאס...

„וואס איז געשעהן?" שרייען זיי ארונטער פון פענסטער.

„א קינד איבערגעפאהרען", ענטפערט אימיצער פון סטריט...

מיט א שרעקליכען אויסגעשריי פון שרעק לויפען זיי ביידע פון די טרעפ ארונטער אין גאס...

און דארטען אין גאס האָט מען פון אונטער די שווערע רע־דער פון א שווערען וואגען ארויסגענומען דעם קליינעם איציק'ס פערבלוטיגט טויט קערפערל...

# פון פייער אין וואסער.

עס איז געווען דער זיעבעטער טאג פון דעם חודש... מילא, עס איז ניט וויכטיג צו וויסען דא דעם מאנאט, איבערהויפט איז נוגע צום ענין נאר דער דאטום. און דעם דאטום דארף מען וויסען ניט ווייל די פאסירונג טראגט א היסטארישען כאראקטער, נור בלויז דערפאר, ווייל עס זיינען דא אין אמעריקא לענדלארדס ועמען מען דארף צאלען רענט דעם ערשטען פון יעדען חודש, און ווען איך זאג דא אייך, אז עס איז געווען דער זיעבעטער, וויל איך מיט דעם לאזען וויסען, אז עס זיינען ערשט אריבער זיעבען טעג זייט די באראביי־קינס האבען איינגעצאלט דירה־געלד, אכט מזומנ'ע דאלאר.

די באראבייקינס זיינען שוין א יאהר צעהן אין אמעריקא, און עס איז נאר א קנאפער נייעס צו דערצעהלען, אז זיי האבען רענט איינגעצאלט. עס איז אפילו אמת, אז יעדען מאל, ווען מען דארף צאלען די רענט, קומט עס אן די באראבייקינס אזוי שווער, ווי עס איז שווער צו הויבען די אונטערשטע בערוועגע פון א הויז. פון דעסטוועגען איז דאך דאס פארט קיין נייעס ניט און וועגען דעם וואלט ניט געווען וואס צו שרייבען, ווען... ווען, מיט איין ווארט, ווען איך וואלט אייך ניט געהאט צו דערצעהלען פאלגענדעס:

די באראבייקינס זיינען גרויסע אביונים — דאס איז נומער איינס.

אין בלוט זיינען די באראבייקינס אויך ניט רייך: איין קינד פערמאגען זיי, א צוויי יאהריגע מיידעלע, א שוואכס, הויט און ביינדעלעך.

דאס קינד איז א ציטעריגס.

אויף דעם בית עולם פון דער חברה „חסד של אמת" האבען

די באראבייקינס א פערמעגען, איין אייגענס: צוויי קליינע קברים'־לעך, איינס איז דערשטיקט געווארען פון דיפטעריט, דאס צווייטע האט דערווארגען סקארלאטין.

איז זייער קינד יעצט א ציטעריגס!

קיין גרויסע שמחות אין זייער לעבען האבען די באראבייקינס ניט: דלות, נויט, און הערצער פול מיט וואונדען... מאן און ווייב הארעווען טאג־טעגליך, הארעווען ביטער, הארעווען שווער: באראבייקין אין שאפ ביי זיינע היטלען, און זיין ווייב אין דער־היים ביי דער טאשנאטע, ביי דער הויז־ארבייט. עס איז ניט איבע־ריגס פרעהליך זייער לעבען. איין שמחה האבען זיי, איין גליק, איין פרייד, דאס איז די בייבי!

די בייבי פעריאגט דעם שווערען אומעט, דאס קינד גיט א שטיקעל טעם דעם טרויעריגען זינלאזען לעבען, — עס איז א ציטע־ריגס קינד!

עס איז געווען דער זיבעטער טאג אין חודש, ערשט זיבען טעג, זייט באראבייקין האט איינגעצאלט רענט זיין לענדלארד. עס איז געווען א מיטאג־שטונדע. באראבייקין איז געקומען אהיים עסען דינער. די מיסיס באראבייקין איז ארונטער קויפען עפעס צום עסען. און באראבייקין האט זיך דערווייל געשפיעלט מיט דער בייבי...

דאס קינד האט געגלעט דעם פאפא, געפלאפעלט און פרעה־ליך געלאכט, און פאפא איז געווען גליקליך. אט האט באראבייקין א טאפ געגעבען די שטערן ביי זיין מיידעלע. דאכט זיך איהם, אז דאס קינד האט ווארימקייט... עס ווערט פערשוואונדען דער שמייכעל פון דעם פאטער'ס פנים... אונרוהיג און דערשראקען ווערט ער... עס איז א ציטעריגס קינד!

חנה פריידע (אזוי האט געהייסען די מיסיס באראבייקין) איז אריין אין הויז... צום עסען האט זי מיט זיך גאר נישט געבראכט... נור בלאס איז זי געווען... בלאס ווי א טויטע, און די אויגען האבען געקוקט מיט א טיעפען שרעק...

באראבייקין האט נור איין בליק געווארפען אויף זיין פרוי,

און א געפּיהל פון אונרוה און פערדאכט האט שמערצ־ליך צוזאמענגעדריקט זיין הארץ.

„וואס איז?‟ האָט באראבייקין אויסגעשטעלט א פּאָר בריט אפענע אויגען אויף זיין פרוי.

„אן אונגליק!‟ האָט חנה פריידע געענטפערט און האָט פער־צווייפעלט פערבראכען די הענד.

„וואס?‟ האָט א פרעג געגעבען באראבייקין, און אויך זיין פנים האָט זיך אויסגעקרימט פאר שרעק.

„א גרויס אונגליק‟, האט חנה פריידע געזאגט ווייטער דאס־זעלבע.

„זאג וואס?‟

„מיר מוזען מופען‟, האָט חנה פריידע געזאגט, עפּעס אזוי ווי צו זיך זעלבסט, און זי איז געשטאנען אלץ אויף איין ארט ווי א מטושטש׳ע.

„ווי הייסט מופען?‟

„מופען פון דאנען‟.

„מופען פון דאנען?‟ האָט באראבייקין עפּעס אזוי ווי אן אוטאָמאט נאכגערעדט זיין פרוי.

„ניט מופען, נור לויפען... לויפען... לויפען‟, האָט חנה פריי־דע גענומען ראפּטום ארומגעהן האסטיג איבער׳ן הויז, און רויטע פלעקען האבען זיך בעוויזען אויף איהרע שלייפען.

„וואס איז געשעהען?‟

„דיפטעריע!‟ האָט חנה פריידע א זאג געטון און א כאפּ גע־געבען זיך פאר׳ן קאָפּ...

„וואו? ווען?‟

„דא... דא... צו די פראנט!‟

באראבייקין האָט פערביסען די ליפּען... טראָפּען שווייס האָ־בען זיך בעוויזען אויף זיין שטערן.

„דיפטעריע!?‟

א שרעקליך ווארט איז דאס געווען פאר די באראבייקינס...

דיפטעריע האָט דערשטיקט ביי זיי א דריי־יאהריג קינד...

אָה, וויפיעל שרעקליכע, שוידערליכע בילדער עס האָט זיך גענומען שילדערן אין דער לופטען פאר באראבייקינס אויגען... ווי דאס קינד איז קראנק געווארען... ווי דאס קינד האָט זיך געמאטערט... ווי עס איז דערווארגען געווארען ביי איהם... ביי איהם אויף די הענד...

באראבייקין׳ס געזיכט איז געווארען בלאסער און בלאסער... ער האָט א בליק געווארפען אויף זיין קינד און ער איז געווארען א פערציטערטער...

„מיר מוזען ארויס, באראבייקין!" האָט חנה פריידע געזאגט עפעס מיט אזא קאלטער, שרעקליכער שטימע.

באראבייקין איז צו זיך געקומען.

„פון וואנען ווייסט דו דאס?" האָט ער א פרעג געגעבען.

„אָן, אלע שכנים ווייסען שוין. מען האָט שוין אויפגעקלעפט דעם גוטען צעטעלע פון דער „בארד אוו העלל", טיילט מיט חנה פריידע.

מאן און ווייב זיינען א ווייל שטיל געבליעבען... ביידע האָבען זיך א ווייל פערטראכט וועגען יענעם שרעקליכען טאג, ווען מען האָט אויך ביי זיי אויף דער טיר אויפגעקלעפט „דעם גוטען צעטעלע פון דער בארד אוו העלל".

ביי באראבייקין און אויך ביי זיין פרוי זיינען די אויגען פערלאפען מיט טרערען.

„גלייך זאל מען זיך נעמען פאקען", האָט חנה פריידע די ערשטע איבערגעריסען די שווערע שטילקייט, גענומען צו זיך דאס קינד אויף די הענד און גענומען עס שרעקליך קוסען.

„אבער ווי אזוי?" האָט באראבייקין געפרעגט און האָט גענומען קוקען אויף זיין פרוי אזוי רחמנות׳דיג, אזוי פערביטערט...

„היינט און טאקע באלד מוז מען לויפען פון דאנען", האָט חנה פריידע געזאגט דאס איהריגע.

„און דירה־געלד?" האט באראבייקין געפרעגט.

„מען קאן זיך נישט העלפען", האָט חנה פריידע געענטפערט.

„עס איז דאָך ערשט דער זיעבעטער, מיר האָבען נאָך צו וואוינען דריי וואכען".

„אונזער קינד איז טייערער פון אכט דאָלאַר".

„די אכט דאָלאַר זיינען דאָך אָבער ניטאָ..."

„איך וועל ניט עסען... איך וועל ניט טרינקען... איך וועל געהן בעטלען", האָט חנה פריידע גענומען טענה'ן און די רויטע פלעקען אויף איהרע שלייפען זיינען געוואקסען. „מיר מוזען באַלד לויפען... גלייך... גלייך... ווען ניט וועל איך מיט מיין קינד נעכ־טיגען אויפ'ן גאַס".

„יעס, אָבער וואו נעהמט מען געלד?" האָט באַראַבייקין גע־פרעגט אַ פּראַקטישע פראַגע און ער האָט אַזוי פערצווייפעלט גע־דריקט מיט די פּלייצעס.

„אָבער איך וועל ניט דערלאָזען אונזער קינד זאָל שטאַרבען... עס איז ניט קיין ביליג קינד... איך קען דאָ ניט זיין... איך קען ניט... דיפטעריע האָט שוין דערשטיקט ביי אונז אַ קינד... אויך אנגענו־מען זיך פון שכנים... ווען מיר וואָלטען דאַן גלייך געלאָפען פון יענער דירה, וואָלט אפשר אונזער טייער זוהנעלע יעצט געלעבט און ניט אַזאַ יונגינקער אין קבר געלעגען"...

חנה פריידע האָט זיך צוּוויינט...

„וויין ניט, קלאָג ניט!"...האָט באַראַבייקין געשריען אויף זיין פרוי צורייצט און אויך פון זיינע אויגען האָבען אַרונטערגעקאַפּעט טרערען...

* * *

אויף מאָרגען באַגינען האָבען די באַראַבייקינס געמופט אין אַ הויז אין סאָפאָלק סטריט.

וואו האָט באַראַבייקין גענומען געלד צום אַריבערקלייבען זיך?

פרעגט גאָר ניט!

מען האָט געקראָגען!

אויסגעוויינט, אויסגעבעטעלט ביים באָס שכירות פאַר אַ וואָך אין פאָראויס, זיעבען דאָלאַר... אַרומגעלאָפען ביז האַלבע נאַכט צו

בעקאנטע, צו פריינד, צו גוטע לאנדס־לייט, אויסגעקוועטשט ווי עס איז נאך עטליכע דאלאר... מיט איין ווארט, מען האט אריבער־געקליעבען זיך!

גלייך ווי דער בעל עגלה איז צוגעפאהרען מיט די חפצים צו דער נייער דירה, האט באראבייקין געגעבען אייניגע אנזאגען זיין ווייב, גוט, גוט אנגעקושט דאס קינד און איז ווי א משוגע'נער אנ־טלאפען צו דער ארבייט.

מיטאג־צייט איז באראבייקין אהיים געלאפען...

ער האט געעפענט די טיר פון זיין נייער דירה און איז אין צימער אריין...

א פערציטערטער איז דער מאן געבליבען שטעהן: די זאכען זיינען געלעגען אויף דער פאדלאגע אזוי ווי מען האט זיי געלייגט אין וואגען אריין נים פערנאנדערגעפאקט, אויף איין פעקעל איז געזעסען חנה פריידע, געהאלטען דאס שלאפענדע קינד אויף די הענד און ביטער געוויינט...

„חנה פריידע, וואס איז שוין ווייטער?" האט באראבייקין א פרעג געגעבען און זיינע ליפען האבען נערוועז גענומען ציטערן...

„הפנים ווי אונזער קינד מוז דאך שטארבען", האט חנה פריידע געענטפערט און גענומען אזוי מאדנע טרייסלען מיט'ן קאפ.

„זאג, וואס?" האט באראבייקין דערשראקען געקוקט אויף זיין פרוי.

„מיר זיינען געשפרונגען פון פייער אין וואסער אריין", האט חנה פריידע געזאגט און גענומען רעדען ווי צו זיך אליין:

„אוי, ווינד און וועה איז מיר, אוי, ווינד און וועה איז מיר!"

„דא אויך דיפטעריע?" האט באראבייקין געפרעגט מט א פערשטיקטער שטימע.

„וואס רעדסטו, באראבייקין? דו ווייסט גאר ניט, וואס דא טוט זיך"...

„וואס? נו, זאג שוין, וואס?"

„אויפ'ן טאפ־פלאר איז דיפטעריע", האט חנה פריידע גענומען רעכענען, „אויפ'ן דריטען פלאר איז סקארלאטין,

אויפ'ן צווייטען — מאזלען, אויפ'ן ערשטען — קאקלוש־הוסט, און דאָ, אונטען, ווייטער צו דער פראנט, נאך א מאָל דיפטעריע".

„אוי, וועה איז מיר!" האָט באראבייקין פערבראכען מיט די הענד...

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער פאדלאגע אויף ניט א פערנאנדערגעפאקטען פעקעל נעבען זיין פרוי, בעהאלטען דעם קאפ אין די הענד און איז געבליעבען אזוי זיצען ווי א פערגליווערטער...

און חנה פריידע האָט זיך נאך מעהר צוואויינט.

# מיין קינד.

## (פון מיין טאַגעבוך).

**27 מערץ.**

מיין קינד. מיט דיעזען נאמען וויל איך רופען מיין טאגע־בוך, וואס איך פאנג אן יעצט צו שרייבען. איך רוף עס מיט דיע־זען נאמען דארום, ווייל איך דיינק אויף דיעזע בלעטער שרייבען וועגען מיין קינד, וועגען מיין זיסען, טייערען געשטארבענעם קינד...

די זאך איז די. זייט מיין קינד איז טויט, קאן איך וועגען קיין אנדער זאך ניט שרייבען, ווי נור וועגען טויט, מצבות, קברים און קברים. וועגען וואס איך זאל ניט נעהמען טראכטען, מישט זיך אריין אין מיטען דער קבר, דער פרישער קבר פון מיין קינד. אבער די וואונדען, וועלכע עס זיינען ביי מיר יעצט אין הארצען, קאן דער צווייטער ניט בעגרייפען, און א צווייטען וועט געוויס ווערען לאנג־וויילינ צו הערען אימער מיינע זיפצען, מיינע צרות, ליידען פון אן אונגליקליכען פאטער, וועלכער האט געהאט בלויז איין טרייסט אין לעבען — זיין קינד, און האט עס פערלארען. פאר א פרעמדען קאן איך וועגען מיין קינד פיעל ניט ריידען. אבער מיין הארץ ווערט דאך צושפאלטען. עס ווילט זיך דאך רעדען וועגען מיין קליינם זוהנעלע, און דארום פאנג איך אן צו שרייבען א טאגע־בוך פאר זיך און ניט פאר קיינעם. אויף דיעזע בלעטער וועל איך רוהיג וויי־נען. דא וועל איך בעשרייבען מיינע וועהטאגען, דא וועל איך אויסדריקען מיין אונגליק...

עס טרעפען מיט מיר פערשיעדענע מאמענטען. מאנכעס מאל פערגעס איך אן מיין קינד... ניין, איך דריק זיך ניט אוים ריכטיג,

פערגעסען, פערגעס איך קיין מאָל ניט אָן איהם. זיין זיס פּנים'ל, מיין אליאשינקע שטעהט אימער, אימער פאר מיינע אויגען מיט זיינע ליעבע האוואיעלעך... מיין זוהנעלע... מיין טייער קינד... ווי ליעב איך האָב איהם! דערמאָן איך זיין נאָמען, און מיינע אויגען ווערען פערוואלקענט מיט טרערען... שרייבענדיג די לעצטע ווער־טער, איז דורך מיין מח ווי א בליץ דורכגעלאָפען א געדאנק, אַז עס איז זעהר נאַריש אזוי פיעל צו בעקלאָגען א קינד... אבער וואס איך האָב איך גענומען פערשרייבען—עס טרעפען מיט מיר פערשידענע מינוטען. מאנכעס מאָל הערט אויף אין הארץ וועה צו טון. איך ווער עפּעס אין גאנצען ווי א הילצערנער, איך הער אויף צו פיהלען, עפּעס ווי מיין הארץ איז מיד... און דאַן בין איך רוהיג און דאַן... איך וויים עפּעס ניט, ווי איך זאָל יעצט שרייבען... מיר ווילט זיך מעהר ניט שרייבען, און איך ווארף די פען...

מיר איז יעצט ארויף אויפ'ן געדאנק, ווי אזוי מען האָט מיך אריבערגעפיהרט פון דער אלטער דירה, אין וועלכער מיין קינד איז געשטארבען, אהער־צו אין דיעזען קבר. מען האָט אנפאנגס גענומען שלעפּען די שטולען, נאכהער דעם טיש, נאכהער זיינע... מיין קינד'ס זאכען... זיין בעטעלע, זיין שטולכעלע... זיין וואנקע... איך וויין שוין ווייטער, און עס פלאנטערט זיך ווייטער איין געדאנק... און איך הער שוין ווייטער, ווי מיין קינד, ליגענדיג א קראנקער אין קיסעלע, בעט זיך צו דער מאמען אויף די הענד... „גיוו מי, מאמע, גיוו מי, מאמע“... דאס „גיב מיר“ האָט ביי מיין•אליאשקען געהייסען: „נעהם מיך“... וואס? וואס האָב איך געוואלט שרייבען? יע, אלזא, איך דערמאן זיך ווי מען שלעפּט די זאכען, און מיר קומט ארויף אויפ'ן זינען א געדאנק, אַז ווען מען פיהרט אוועק א קינד בעגראבען, פיהרט מען דאס, אדער ריכטיגער גערעדט, מען פאנגט אָן צו פיהרען די עלטערן פון דעם קינד אויף יענע וועלט. דאס פיהרט מען אוועק א טייל פון זיי אין קבר אריין. מיט דעם טויט פון א קינד שטארבט אפּ א טייל פון זיין פאטער און מוטער.

ניין, איך קאן ניט שרייבען. דאס איז א צו לאנגזאמע אר־בייט... טראכטען איז בעסער... אָט האָב איך אויף איין מינוט

אוועקגעלעגט מיין פּנים, און א ים מיט געדאַנקען, א ים מיט בילדער האָבען זיך דורכגעטראָגען אין מיין מחשבה. איך האָב אין דיעזער מינוט געזעהען מיין קינד פון יענער מינוט אן, ווען איך האָב איהם געבראַכט אין האָספּיטאַל, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען, אין זיי־נע ערשטע קליידער... פון דעם ערשטען קוס, וועלכען איך האָב איהם געגעבען... ביז דעם לעצטען קוס ווען ער האָט זיך געמאַ־טערט... ווען זיין שיין פּנים'על האָט זיך אויסגעצויגען און איז געל געוואָרען... ווען ער פלעגט אויסקרימען דאָס מויל און שרייען... אוי, ווי ער האָט געשריען... זוהנעלע מיינער... איך... אלזא... איך האב דאכט זיך דורכגעלעבט די גאַנצע צוויי יאָהר און צוויי מאָנאַט, וועלכע מיין קינד האָט געלעבט... אלעס, אלעס האָב איך געזעהן אין מיין מחשבה... ווי ער קוקט אויף די גאַז און וואונדערט זיך... ווי ער נעהמט מיין קאָפּ און לעגט צו צו דער מאַמע'ס קאָפּ און קוועלט דערביי... מילא, זאָל זיין א סוף... דאָס האַרץ טוט זעהר וועה, יעצט איז עלף דער זייגער פאַר מיטאָג... איך וועל נאָך געוויס אריינקוקען אין מיין טאָגע־בוך...

מיין פרוי, די מאַמע פון מיין פערשטאָרבענעם קינד, האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען פענסטער און גענומען רעדען, ווייטער רעדען... אה, וואָס פאַר א ווערטער!

„פאַר'ן טויט", זאָגט זי, „האָט אליאשקע אויף מיר א בליק געטון מיט קלאָרע, שיינע אויגעלעך, ער האָט מיך דערקאַנט... ניט אויף דרויסען, נור פון הויף האָט דער שכנה'ס קינד א געשריי גע־געבען: „עליק", און ער האָט אויפגעעפענט זיינע אויגעלעך, אזוי ווי ער וואָלט זיך צוהערען... איך בין אוועק ברייננגען מילך פאַר איהם, און ווען איך בין געקומען צוריק, זיינען זיינע אויגען שוין געווען ווייטער פערטומעלט".

נאָכהער פרעגט ביי מיר מיין פרוי, וואָס מען האָט מיט איהם געטאָן, ווען דער קברן האָט איהם צוגענומען. אויב מען האָט איהם דעם זעלבען טאָג מקבר געווען.

„ניין", ענטפער איך, „אונזער קינד איז נאָך דאָרט געלעגען ביז מאָרגען".

מיר איז זעהר שווער צו שרייבען אט דאס אלעס... איך טו זיך אן א כוח, אבער איך ווייס ניט, צו וואס אייגענטליך איך טו דאס.

נאכהער נעהמט מיין פרוי וויינען. און זי דערמאנט וועגען יענע שרעקליכע נאכט... אט די נאכט, ווען דער דאקטאר האט געזאגט, אז אונזער זוהנעלע וועט מעהר ווי א שטונדע ניט לעבען. מיינע „פריינד“, אונזיניגע פריינד, ניט ווערענדיג, אז מיר זאלען זיין ביי זיין טויט, אדער פוילענדיג זיך צו פערבלייבען מיט אונז צוזאמען, האבען אונז, מיך מיט מיין פרוי, ארויסגעשטופט פון הויז און מען האט אונז אוועקגעפיהרט נעכטיגען צו א פריינד. מיר זיינען געווען אויף אזוי פיעל צודולט און צוטומעלט, דאס מיר האבען געמיינט, אז אונזער קינד איז שוין געשטארבען... מיר זיינען געווען ווי דערשלאגען פון א דונער. מיר האבען פריער לאנגע נעכט ניט געשלאפען, און מיר זיינען אנשלאפען געווארען אויף מארגען פריה. ווען מיר זיינען אוועק אהיים א קוק טון אויף אונזער טויט קינד, האבען מיר אונזער זוהן געפונען נאך לעבען. די גאנצע נאכט זיינען מיט איהם געווען עפעס צוויי מענשען, וועלכע זיינען ביי אונז געווען אין הויז, און מיר, זיינע עלטערן, זיינען געלעגען ערגעץ־וואו און געשלאפען — איך וועל ווען עס איז רעדען מעהר און מעהר וועגען דיעזער נאכט... נור ווען איך דערמאן זיך וועגען דיעזער נאכט, פיהל איך, אז ביי מיר נעהמט ברענען דער מארך. איך ווער פערריקט... איך פאנג אן ארומלויפען איבער'ן הויז, זינגען... שרייען... רעדען... קלאפען... שטעלט זיך פאר: עס קאן דאך זיין, אז אין דיעזער שרעקליכער נאכט פלעגט מיין קינד ווען ניט ווען קומען צו זיין פערשטאנד, און ער האט אפשר געזוכט מיט זיינע אויגעלעך זיין מאמען, זיין פאפען, און ער האט זיי ניט געזעהען. אה... אה... ניין... שווער... איך קאן ניט שרייבען.

4 אפריל.

איך קאן ניט שרייבען מיין טאגעבוך... מיינע יסורים זיינען אזוי גרויס, אזוי ברענענד, אז איך קאן ניט נעהמען די פען אין האנד.

עס איז יעצט אזוי שיין דרויסען, אבער מיין אליאשע, מיין אליאשינקע לעבט ניט... מיין עלעלע איז טויט... ווען איך דערמאן דאס ווארט „געשטארבען" צוזאמען מיט מיין קינד'ס נאמען, ווערט מיר קאלט און הייס... און איך וואונדער זיך עפעס, און איך פער־שטעה עפעס ניט, ווי אזוי קאן עס געבען? ווי אזוי? ווי אזוי? מיין קינד, אט דער פרעהליכער זוהנעלע, מיין לעבעדיגער עלעלע... גאר טויט! אט דער אליאשינקע, וואס האט אט ערשט געלעבט, געלאכט, געהוליעט, געשפיעלט, געזונגען, געשטיעפט... עלעלע... מיין קינד... טויט!... אה, ווי שרעקליך עס קלינגען דיעזע ווערטער: „מיין קינד איז טויט".

נעכטען פריה־מארגען, ווען איך בין געווען ביים „סטענד", און מיין פרוי איז געווען אין דער היים, האט זי אבגעבונדען דעם שטרייענעם קאסטען, אין וועלכען עס ליעגען בעהאלטען מיין זוהן'ס קליידערלעך, מיין קינד'ס שיכעלעך, מיין עלעלע'ס זעקעלעך... מיין פרעהליכען זוהנעלעס קליידערלעך... זיינע... אה, מיין קאפ... דאר־טען ליגט אויך זיין בילד... מיין פרוי האט ארויסגענומען זיין בילד, מיין אליאשינקע'ס בילד, מיין שיינעם זוהן'ס בילד. וואס זי האט ווייטער געטאן, ווייס איך ניט. זי איז געקומען צוגעהן צו מיר צום סטענד. איהרע אויגען זיינען געווען רויט פון וויינען. זי האט מיר דערצעהלט, אז זי האט יעצט געזעהען עלעלע'ס בילד. מיין הארץ איז פערשטארבען געווארען... איך בין אויך גלייך אוועקגעלאפען אהיים, ארויסגענומען מיין קינד'ס בילד און געקוסט... א גאנצען טאג בין איך שוין ארומגעגאנגען אהן א קאפ. איך האב געזעהן מיין קינד'ס בילד... מיין אליאשינקעס בילד... מיין טייערען זוהנעניום, וועלכער ליעגט יעצט אין קבר... ער האט אויף מיר געקוקט מיט זיינע שיינע, בלישטשענדיגע אויגעלעך... עלעלע! אה, מיין קינד, פאר וואס האב איך דיך פערלארען?... ווערטער פערמאגען אין זיך ניט אזא קראפט, זיי זאלען קאנען ארויסדריקען די יסורים, וועלכע איך פיהל... עס ברענט אין מיין מארך... מיין הארץ געהט אויס... איך קאן אויף איין ארט א מינוט ניט זיצען. עס שלעפט מיך, עס ציהט מיך, איך ווייס אליין ניט וואוהין. מיר איז די גאנצע

וועלט ניט ניחא, אלעס איז שווארץ, דונקעל, פינסטער אין מיינע אויגען... אזא מין ברענענדען וועהטאג קאן נור פערשטעהן א פאטער אדער א מוטער, וועלכע פערליערען זייער איינציג קינד, אויך אזא זים נפש'ל, אזא אונשולדיג שוואכינקעם מלאך ווי מיין אליאשינקע... מעהר קיינער ניט. יע, עס דאכט מיר, אז ווען א יונגער מענש, אין מיטען פון זיין גליקליכער, בליהענדער יוגענד, פערליערט פלוצלונג זיין זעהונגס־קראפט, ווערט בלינד, אזא אונגליקליכער פיהלט עטוואס עהנליכעס צו מיין וועהטאג. ער לעבט אויך פונקט אזוי ווי איך, און דאך איז די גאנצע וועלט פערדעקט פאר איהם מיט א פינסטערען שלייער... ער ווייס פונקט אזוי ווי איך זעה, אז די גאנצע וועלט לעבט... אז עס שיינט די ליכטיגע זונן, אז דער הימעל איז ריין און קלאר, אז עס שמעקט שוין מיט זומער... זומער... זומער... מיין קינד... מיין קינד. זומער! אה, ווי גוט עס איז געווען, ווען ער האט געלעבט זומער... אבער וואס האב איך גערעדט? אלזא ער ווייס, אז אלעס איז גוט, נור ניט פאר איהם... אזוי איז מיט מיר — די גאנצע וועלט לעבט, און מיך ציהט בלויז אין קבר... צו מיין קינד.

יע, אלזא, היינט אין דער פריה האב איך אראבגעטראגען איינינע זאכען אין קעלער. אין קעלער האב איך דארטען „מיין אפארטמענט". יעצט איז דאס אן אפארטמענט פון מיין קינד'ס קבר, דארטען שטעהט מיין עלעלע'ס הויכער שטול, מיין קינד'ס וואנקעלע, מיין קינד'ס... מיין... מיין... מיין... אה, מיין הארץ ווערט פערחלש'ט, מיין אליאשינקע'ס וועגעלע, דאס זעלבע וועגעלע, אין וועלכען איך האב איהם געפיהרט אט דא ניט לאנג. עלעלע... זוהנעלע... נשמה מיינע, זיסע קאץ מיינע... אליוטוקיל... קינדעלע, אה, וואו ביסטו!... אה... דארטען שטעהט זיין קליין טישעלע, וואס איך האב איהם געקויפט צו זיין צווייטען געבורטסטאג.. זיין קליין שטולבעלע... אין זיין געבורטסטאג האב איך און מיין פרוי אנגעטאן זיך יום'טוב'דיג... וואס פאר א מין טייערע שמחה דאס איז ביי אונז געווען... מיר האבען איהם שוין אנגעטאן אין זיין שווארצע קאזי־

מירענע קליידעל מיט דער ווייסער בלוזע, מיט דעם מאטראזענעם קראגען. איך האב איהם געקויפט אט דאס טישעלע און נאך אייני־גע גוטע שפיעלצייג... מיין קינד האט עס אלעס געכאפט... אה, ווי־פיעל נחת... אה, וויפיעל גליק... איך האב זיך מיט איהם גערייצט: איך פלעג זאגען, אז איך וועל דאס אלעס צוריק אין סטאר אוועק־טראגען, און מיין קינד פלעגט דאס אלעס בעהאלטען צו זיך און זאגען מיט זיינע זיסע „אוואיעלעך": „נא, עליקס" — דאס פלעגט ער מיינען, אז די זאכען בעלאנגען צו איהם, צו עליקען... ער פלעגט... „פלעגט", „פלעגט" — וואס פאר א מין שרעקליך ווארט דאס איז יעצט פאר מיר... ביטער, אז איך... אז ווען איך רעד וועגען מיין קינד, מוז איך זאגען דאס ווארט „פלעגט"... אלזא, איך בין אריין אין קעלער. אה, וויפיעל איך האב צוקלאגט... אה, ווי שרעקליך. עס האט זיך מיר געדאכט, אז מיין עלעלע זיצט דא ערגעץ, אז ער לעבט נאך ערגעץ... אה, מיין קאפ! מיר גלויבט זיך דאך נאך יעצט אויך ניט מאנכעס מאל, אז עלעלע איז טויט. עפעס עס דאכט זיך מיר, אז באלד וועט ער אויפשטעהן פון שלאף, וועט אויסשפרייטען זיינע הענטעלעך און וועט זיך בעטען צו מיר. אליוטוקיל! איין אנ־דערם מאל דאכט זיך מיר, אז מיין פרוי וועט מיט איהם באלד אריינקומען פון גאס... אה, מיר דאכט זיך נאך, אז דאס איז א שווערער ביטערער חלום... מיר דאכט זיך, אז דער חלום וועט ארי־בער, און ווען איך וועל זיך אויפכאפען, וועל איך ווייטער טרעפען מיין קינד... א, ווי מיין קאפ שפאלט זיך מיר... עס דאכט זיך מיר, אז מיין גאנצער מוח וועט צושפרונגען ווערען אויף שטיקער... מיין קינד איז אימער פאר מיינע אויגען, נור איך זעה איהם אין פערשיע־דענע פאזיציאנען: אן אנדערס מאל זעה איך איהם ווי ער איז קראנק, ווי ער ליגט מיט דעם אייז אויפ'ן קאפ. אן אנדערס מאל זעה איך איהם... זעה איך איהם... מיין קאפ! אן אנדערס מאל, אן אנדערס מאל... זעה איך מיין עלעלע'ן, ווי ער זיצט ביי זיין קליין טישעלע און מיט אזא קלוגער פערטראכטער מינע... אן אנדערס מאל זעה איך, ווי איך זיץ און קוק מיט איהם אין דעם „רידער" די פערשיעדענע בילדער, און צו יעדען בילד זאגט ער וואס דאס איז.

„פויגעלעך", „בויטשיקעס"... „דוסי"... מאא, מאא, מאא".
דאס האט געהייסען אין מיין קינד'ס שפראכע א הונד, און דאס וואס ער קאן ניט דערזעגען, דערקלערט ער אזוי עפעס מיט אזעלכע ליעב זיסע אוואיעס. אט ציינט ער אן אויף א בילד, וואס שטעלט פאר ווי קינדער גליצען זיך, און זיינע אויגעלעך... און זיין גאנצער זויבער פנים'ל ווערט עפעס אזוי פעראינטערעסירט... אה, וואס פאר א מיין זיסען זוהן איך האב פערלארען!!
אן אנדערס מאל זעה איך, ווי מיין קינד שטעהט אויף ביי נאכט, און זיצט, און הימ, ביז וואנען איך טו זיך א כאפ, און ער נעהמט זיך בעטען צו מיר, אז איך זאל איהם נעהמען אין ראקינג־טשער. זוהנעלע מיינס... איך פלעג דאן אויף דיר אין כעס ווערען, ווייל דו לאזט מיך ניט שלאפען... יעצט איז שטיל. יעצט קאן איך אנשלאפען ווערען, כאטש אויף אייביג, און קיינער וועט מיך ניט וועקען... יעצט איז רוהיג, שטיל. אבער איך פיהל, אז איך ווער משוגע פון אט דער שטילקייט...
זאל איך אויפהערען שרייבען? דער קאפ מיינער שפאלט זיך מיר...

8 אפריל.

דער געדאנק, אז מיין קינד איז יעצט טויט, מאטערט מיך מענכעס מאל ניט אזוי שטארק, ווי ווען ער איז געווען קראנק.
דער דאקטאר האט געהייסען, אז מען זאל זיין גאנצען קערפערל איינרייבען מיט קאלטען וואסער. איך און מיין פרוי האבען דאס געטאן, און מיין אליאשינקע פלעגט דערביי שרעקליך ליידען... אָה, מיר פלעגען זיך בעגיסען מיט טרערען... מיר פלעגען זיך צוואויינען הויך און ביטער, ווען מיר פלעגען עס טון... און אליאשינקע מיינער פלעגט אויסשטעלען אויף אונז זיינע אונשולדיגע צושראקענע אויגעלעך... קינד מיינס טייערעס, ער פלעגט נעבעך ניט פערשטעהן, ווארום מאטערען מיר איהם דאס אזוי.
„פאפע... מאמע"... פלעגט ער זיך בעטען און עס פלעגט איהם קלאפען מיט די ציינדעלעך פון קעלט און פון וועהטאג...
„פאפע... מאמע"... אה, ווער קאן עס פערשטעהן, ווי מיין הארץ

ווערט צושפרונגען,ווען איך שרייב אט די ווערטער... איך וואלט וועלען יעצט א ווארף געבען זיך אויף ד׳ר׳ערד און אויסרייסען ביז איין האר פון מיין אונגליקליכען קאפּ...

עס שיינט מיר, אז מיין קינד וואלט געווען עלטער, כאטש זיעבען אדער אכט יאהר, וואלט איך פיעל לייכטער אריבערגעטראגען זיין טויט. אט די שוואכקייט זיינע, אט די אונשולד, אט דאס, וואס איך האָב מיט איהם דאך געקענט טון וואס איך וויל... אט דאס, אט דאס, אט דאָס... אך, דאס קאן מאכען משוגע. אט דאס, וואס ער האָט נעבעך גארנישט בעגריעפען... און זיין יונג קעפּעלע האָט אפשר געטראכט, אז מ י ר פערשאפען איהם זיינע יסורים... אט דאס, אט דאס... אָי, איך קען ניט שרייבען...

9 אפּריל.

ארויסלויפענדיג פערנאנדערצוטראגען מיינע צייטונגען האָב איך גענומען טראכטען, אז איך האָב אימער געקענט מעהר פערדיענען, ווען איך וואלט געווען ניט אזוי נאכלעסיג און איך וואלט מעהר געטראכט וועגען מיין פּרנסה. דיעזע קליינע מחשבה איז פאר מיר א בעשולדיגונגס אקט אין א שרעקליכען מארד. ווען איך וואלט בעססער פערדיענט, וואלט איך נאטירליך ניט געווען אזוי ארעם. ווען איך וואלט געווען ניט אזוי ארעם, וואלט איך זיך ניט אזוי אויסגערעכענט צו רופען א דאקטאר צו מיין קינד, און עס איז גאנץ מעגליך, אז ווען איך וואלט גערופען א דאקטאר מיט עטליכע טעג פריער, וואלט מיין קינד געלעבט, ווארום ווי איך דיינק, איז ביי מיין אליאשינקען אין אנפאנג געווען א בראנכיטיס, און ווען מען האָט עס פערלאזען, האָט ער געקראגען א לונגען-ענטציגדונג.

אלזאָ, איך בין דער מערדער פון מיין קינד. אלזאָ, איך בין שולדיג אין דעם טויט פון א יונגינקען קליינעם אונשולדיגען נפש, וועלכער האָט מיך גערופען „פאפא“, וועלכער פלעגט מיט זיינע הענטעלעך ארומנעהמען מיין האלז און קוסען מיך... איך האָב געטויט... ווען? מיין קינד... מיין צוויי-יעהריג שוואך בייבעלע...

אויב דאס איז ריכטיג, קומט מיר טויט! טאר איך ניט לעבען איין מינוט. איך מוז זיך צורייסען אויף ברעקלעך, אויף קליינע

שטיקלעך! און דאס איז נאך א צו שוואכע שטראף פאר מיין שווי־דערליך פערברעכען... איך דארף לאזען מיין הארץ אויסגעהען לאנג־זאם, לאנגזאם.

איך האב ערמארדעט מיין פרוי. ניין, ניט ערמארדעט. טויזענד מאל ערגער איידער ערמארדעט. ווארום איהר פינסטער לעבען איז יעצט טויזענד מאל ערגער איידער געשטארבען. איהר מאטערנים איז אונבעשרייבליך... איך בין שולדיג אין דעם! איך האב אוועקגענומען דאס לעבען פון מיין אייגען קינד, פון א טייערען זיסען נפש'ל, פאר וועלכען איך בין געווען פערפפליכטעט צו טון אלסדינג, ווארום איך האב איהם געבראכט אויף דער פינסטערער וועלט. איך האב פערפינסטערט די טעג פון זיין מוטער... איך האב זי רואינירט... אה... איך מוז גוט בעטראכטען דיעזען בעשולדיגונגס אקט געגען זיך זעלבסט. מיין געוויסען... אט דער בייזער און ריכטיגער משפט, וועלכער מאטערט מיך אזוי שטארק, אזוי ברענענדיג... ווען מיין געוויסען וועט מיר זאגען „שולדיג", מוז איך אליין זיך בעשטראפען...

אה... וואס פאר א פערצווייפעלטע געדאנקען! איך גיה אראב פון זינען!

אה, מיין הארץ, מיין הארץ! איך פיהל, אז איך שטארב...

# ווען פון זיי?

די מיסים ערדעלמאן איז אן אלמנה; מיט צוויי חדשים צו־ריק איז איהר מאן געשטארבען, און ער האט זי איבערגעלאזען אהן וועלכע עס איז מיטלען צום לעבען. אלס צוגאב האט דער פערשטארבענער איבערגעלאזען דריי קליינע קינדער.

ערדעלמאן איז געווען א סיגארעטען־מאכער, און געשטארבען איז ער פון שווינדזוכט.

סיגארעטען־מאכער שטארבען אפט פון שווינדזוכט. אין וועלכען שאפ איהר זאלט ניט אריינגעהן, וועלען אייך די ארביי־טער און די ארבייטערינען דערצעהלען, אז „אט דא ניט לאנג ערשט זיינען אייניגע פון זייער שאפ טאקע געשטארבען פון שווינדזוכט".

אום צו מאכען געלד דארף מען זעהן, אז וואס מעהר סיגא־רעטען זאלען זיך פערקויפען. אום וואס מעהר סיגארעטען זאלען פערברויכט ווערען, דארף מען זעהן, אז קוים פערזוכט איהר א סיגארעטעל, זאל אייך שוין ציהען פאר דער נשמה צו רויכענען מעהר און מעהר. צו דעם געברויכט מען אין דעם טאבאק פערשיע־דענע נארקאטישע מישעכטסען און גיפטיגע קרייטעכער, און פון דעם קומט עס דער געלער קאליר אויף די געזיכטער פון די „הענד" ביי די סיגארעטען, די בלאסע שטריכען ארום די איינגע־פאלענע אויגען. פון דעם קומט שווינדזוכט, פון דעם קומט דער קאלטער פינסטערער טויט...

ווען איהר פערציהט זיך מיט דעם געשמאקען ריח פון א סי־גארעט, ווואלט ניט אויסגעמאכט, אז איהר זאלט דאביי ווען עס איז א טראכט טון וועגען דעם סיגארעטען־מאכער.

קראנק איז געווען ערעלמאן ביי צוויי יאהר, נור געלעגען איז ער ווייניג, אין גאנצען א פאר וואכען. ביז די לעצטע עטליכע וואָ־כען האָט ער נאך אלץ געארבייט. ער האָט דעם אטעם ניט געקאנט כאפען. דאך האָט ער געארבייט מיט געשוואלענע פיס, געארבייט, געהוסט מיט שטיקער בלוט און געארבייט, און געארבייט אַט די סי־גארעטלעך, וועלכע איהר רויכערט טיט אזא טעם. נור איין מאָל ווען ער איז אויפגעשטאנען פון בעט און האָט געוואלט געהן אין שאפ סיגארעטען ארבייטען, איז ער געפאלען נעבען טיר... די ווייב און קינדער האָבען דעם „געפאלענעם" געהאלפען צוריק צום בעטעל, און מעהר איז דער סיגארעטען־מאכער שוין ניט אויפגע־שטאנען פון דעם בעטעל.

אן אלמנה מיט דריי קליינע קינדער איז זעהר א ביטערע לאגע. און די אלמנה איז אויך א קנאפער העלד. עס וואלט גאר ניט געשאדט, אז זי זעלבסט זאל זיך אוועקלעגען אין א בעטעל אויסרוהען איהרע שוואכע, קראנקע ביינדעלעך. קיין גרויס פער־מעגען האָט זי פאר איהר מאן ניט געהאט און אבשפארען כחות איז ניט געווען פון וואס... אבער מען דארף מאכען א לעבען, און זי נעהמט ארויס ארבייט אהיים, — הויזקעס צום נייען.

די אלמנה בעוואוינט צוויי צימערען, א קיך מיט א שלאף־צימער. אבער אזוי ווי קוילען זיינען טייער און בעהייצען צוויי חדרים איז צו שווער פאר איהרע פערדיענסטען, האָט זי דאס שלאפצימער צוגעמאכט, און מען „לעבט" אין קיך.

א שפעטיגע שטונדע פון א ווינטער נאכט. די בלאסע אלמנה איז איינגעשלאפען איבער דער ארבייט, ציהענדיג די נאדעל. אט האָט זי זיך א כאפ געטאן, אויסגעריבען די אויגען און גענומען ווייטער ציהען די נאדעל...

זי קאן ניט. עס בויגען זיך ניט די פינגער. דער קאפ ווערט אראב ווי טויזענד פוד. דאס הארץ קלאפט און חלש'ט אוועק פון שוואכקייט... זי קאן ניט. זי לאזט ארויס די נאדעל פון האנד.

אויף א בעטעל נעבען דעם טיש, אויף וועלכען זי ארבייט, שלאפען איהרע קינדער: דריי בלאסע, שוואכע יתומים'לעך פון א

פערשטארבענעם סיגארעטען־מאכער... ליגען פערטרונקען אין שמאטעס, צוגעטוליעט איינער צום צווייטען... עס זעהען זיך נור ארוים דריי בלאסע געזיכטעלעך, וועלכע עראינערען מיט זיך מעהר טויטע איידער לעבעדיגע נפש'לעך.

די מוטער לאזט אב די ארבייט. זי טוט א קוק אין אויוועז, און ווען זי דערזעהט, אז דאס פייער איז אויסגעגאנגען, טוט זי א שווערען טיעפען זיפץ, געהט צו צום בעטעל און דעקט איין בעסער איהרע קינדער.

עס איז שוין שפעט אין דער נאכט, נור זי לעגט זיך ניט שלאפען. מיט א טרויעריגען, מוטערליך־שמערצליכען בליק אויף איהרע קינדער בלייבט זי שטעהן שווער פערטראכט.

דרויסען איז שטורעמדיג.

דער ווינד פערגיסט זיך מיט א בענומענעם וויינען. עס דאכט זיך, אז טויזענדער שדים און רוחות בעקלאגען א פער־שטארבענעם מחבל. א רעגען קלאפט אין די שויבען און איבער די בלעך פון דאך. די גאנצע חורבה ציטערט, און עס שיינט, אז אט, אט פאלט זי איין און בעגראבט אונטער זיך די אלע אביונים, וועל־כע מאטערען זיך צווישען איהרע פינסטערע, שמוציגע ווענד.

וואס טראכט די אלמנה?

מיט איהרע פערדיענסטען קאן זי איהרע דריי קינדערלעך ניט ערנעהרען, דער הונגער־טויט רייסט זיך צו איהר אין טיר. זי איז ניט אימשטאנדע מיט איהרע שוואכע כחות צו פעריאגען איהם. זי מוז צוויי פון איהרע קינדערלעך אפגעבען אין א יתומים־הויז. איינס וועט זי זיך איבערלאזען. מיט איין קינד וועט זי אפשר ווי עס איז דורכקומען מיט איהרע ארימע פערדיענסטען... זי מוז אזוי טון און וואס שנעלער... ווען ניט וועט זי פאלען. זי ארבייט אריבער איהרע קרעפטען... זי וועט עס ניט אויסהאלטען... מיט צוויי קינ־דער מוז זי זיך שיידען... און די מוטער שטעהט און טראכט, וועמען פון די דריי זאל זי זיך איבערלאזען און ביי וועמען פון זיי זאל זי אוועקנעהמען די מוטער...

זי קוקט אויף איהרע קינדער. איהר הארץ ווערט צוריסען

פון א טיעפען, טיעפען וועהטאג, און זי קאן דיעזע פראגע אין קיין פאל ניט ענטשיידען...

איהרע בליקען פאלען פון איין קינד אויף דאס צווייטע...
די מוטער האט אלעמען גלייך ליעב, איהר הארץ צוגעהט פון רחמנות אויף אלעמען גלייך... זי וויים ניט, וועמען זי זאל פון זיך אוועקרייסען... זי קוקט אויף די שלאפענדע קינדערלעך און איהרע זודיגע מוטערשע טרערען פאנגען אן לאנגזאם ארונטערצופאלען אויף זייערע בלאסע, יונגע געזיכטער.

די קינדער וויסען שוין פון דעם. די קינדערלעך וויסען שוין, אז צוויי פון זיי וועט מען שיידען מיט דער מאמען, אז איינס וועט מען איבערלאזען... זיי וויסען... זיי האבען אונטערגעהערט דעם געשפרעך, וועלכען די מוטער האט געהאט מיט איינינע פער־וואנדטע.

און די קינדער בעטען זיך ביי איהר, זי זאל זיי פון זיך ניט אפגעבען... זיי קוקען אויף איהר מיט צושראקענע אויגעלעך... קוסען זי, האלזען זי און יעדעס קינד בעט פאר זיך :

„מאמע, מיך זאלסטו ניט אוועקגעבען"...

„מאמע, איך וועל ביי דיר בלייבען"...

„מאמע, איך"...

„מאמע, איך"...

רייזעלע זאגט צו, אז זי וועט ניט בעטען עסען, ווען מאמע וועט זי נור ניט אוועקגעבען פון זיך.

בערעלע זאגט צו, אז ער וועט זיין א גוד באי און וועט נעווער א שטיף טון, אבי מאמע זאל איהם נור ניט אבגעבען אין יתומים־הויז. און סעמקע וויינט און כאפט זיך ארום דער מאמעס האלז... און בעט זיך, אז זי זאל איהם ניט אוועקגעבען...

וועמען זאל זי אבגעבען ? מיט וועמען פון דיעזע דריי פויגעלעך זאל זי זיך שיידען ? אלע דארפען זיי האבען די מאמען... אויף אלעמען האט זי גלייך רחמנות... אלעמען האט זי גלייך ליעב... שמערצליך ליעב, פיעל, פיעל מעהר איידער איהר אונגליקליך לעבען...

וועמען זאל זי פון זיך אברייסען ?

וועמען זאל זי איבערלאזען ?

זי טראכט און טראכט, און דאס הארץ שטארבט אוועק פון וועהטאג.

„מאמא !“ האט א קינד א זאג געטאן פון שלאף. דער מוטער האט א ריס געטאן אין הארצען און זי האט זיך צואוויינט... און דער ווינד וויינט און וויינט, און דער רעגען שמייסט אין די שויבען.

# גאט האט געגעבען און גאט האט צוגענומען.

ארמע, ארמע, אונגליקליכע מוטער!

זי האט שוין פערלארען פיער קינדער, און איין קינד פלעגט ניט דערלעבען דאס צווייטע; ביי איהר פלעגען אלע שטארבען יונגינקע, אונשולדיגע פויגעלעך צו צוויי־דריי יאהר, און יעדעס פויגעלע, אוועקפליהענדיג פון דער פינסטערער וועלט, פלעגט מיט זיך צונעהמען א שטיקעל מארך פון׳ם קאפ, א טייל לעבען, א טייל געזונד פון דער ארמער, אונגליקליכער, שוין האלב־טויטער מוטער. און, אה, ווי שוואך זי איז שוין געוועזן!...

ווען א קינד פלעגט ביי איהר שטארבען, פלעגט שוין אונ־טער איהר ברוסט לעבען א צווייטעס. און מיט דעם קאן מען פיעלייכט ערקלערען, ווי אזוי די מוטער האט עס געקאנט אויס־האלטען און פלעגט יעדען טויט איבערלעבען.

דאס פיערטע קינד איז געשטארבען... און אין דער צייט האט די אונגליקליכע פרוי שוין געפיהלט, אז זי דארף ווערען אין גיכען א מוטער פון א ניי געבארענעם קינד...

מען האט איהר געהייסען טון א סגולה, א סגולה, וועלכע, ווי מען האט דערצעהלט, האט געשטאמט פון א גרויסען צדיק, פון א געטליכען גוטען אידען, און האט אימער א גרויסע פעולה געטאן.

די סגולה האט געדארפט ראטעווען דער מוטער׳ס צוקינפטי־גע קינדער. די סגולה וועט מאכען, אז ביי דער אונגליקליכער מו־טער וועלען מעהר קיין קינדער ניט שטארבען...

אבער, אה, וואס פאר א שרעקליכע סגולה דאס איז געווען!

די מוטער האט בעדארפט אליין נייען די תכריכים פאר איהר אייגען ליעב, טייער קינד. זי האט בעדארפט אליין, מיט איהרע הענד אבוואשען דאס קינד, אנטון עס אין די תכריכים און... און ניט ארויסלאזענדיג קיין איינצעלנע טרער זאל זי די גאנצע צייט ניט אויפהערען צו רעדען מיט כונה, מיט'ן גאנצען הארצען:

„גאט האט געגעבען און גאט האט צוגענומען".

אה, דער גוטער איד, וועלכער האט אויסגעטראכט דיעזע שרעקליכע סגולה, האט געווים אין זיין לעבען קיין אייגען קינד ניט בעגראבען. יעדענפאלס האט ער זעהר ווענינ געוואוסט, וואס עס בעדייט א מוטער־הארץ!

דאס קינד ליגט, איבערגעדעקט מיט א שווארצע טוך, און שלאפט שטיל מיט אן אייביגען שלאף... אין צימער געפינען זיך די עלטערן פון דעם קינד, אויך איינינע פון זייערע בעקאנטע פריינד און פערוואנדטע, אייניגע מענער, נור איבערהויפט פרויען.

דער פאטער שטעהט בלאס ווי א טויטער מיט א צובראַ־כענעם הארץ. ער קוקט אויף זיין קינד.. זיין פנים קרימט זיך יעדע מינוט אויס פון שמערצען און לײדען... זיינע אויגען פער־בלייבען אבער ווי די גלעזערנע... ער שווייגט... ער וויינט ניט!

אלע, וועלכע געפינען זיך אין צימער, די פריינד, די קרובים, די מענער, די פרויען, זיינען שטיל ווי די פערשטארבענע, ווי פערגליווערטע... ביי אלעמען זיינען רויט די אויגען פון טרערען. רויט... געשוואלען... אבער מען איז שטיל. מען וויינט ניט.

מאנכעס מאל טראגט אונטער א וויבעל דאס פארטוך צו איהרע אויגען... מאנכעס מאל לויפט אימיצער שנעל ארויס אויף א ווײלע אין האל און צוקלאגט זיך דארטען, אבער דא אין חדר איז שטיל. מען וויינט ניט!

אויף א שטול זיצט א פרוי... אה! א קוק געבענדיג אויף איהר קאן מען גלייך דערקענען, אז דאס איז די מוטער פון דעם פערשטארבענעם קינד...

איהר קאפ איז ארומגעבונדען מיט א נאסע טוך, די אויגען

זיינען צודולט, אזוי ווי ביי א וואהנזיניגער... דאס פּנים איז שרעקליך צוקרימט און צומישט מיט ערד. זי זיצט, און מיט ציטערענדיגע הענד נייט זי די תכריכים... פאר איהר איינציג... פאר איהר טייער, פאר איהר זיס קינד...

איהרע ליפּען שעפּצען : „גאט האט געגעבען און גאט האט צוגענומען, גאט האט געגעבען און גאט האט צוגענומען“. און זי וויינט ניט.

די מוטער פערגעסט זיך... פערטראכט זיך... זי דערמאנט זיך, אז גאר דא ניט לאנג האט זי גענייט א העמדעלע, א ווייסע „לאלע“ פאר איהר קינד... זי טוט זיך א כאפּ פאר'ן קאפּ... גיט א טיעפען שרעקליכען זיפץ... זי טוט זיך א כאפּ... א ציטער... איהרע ליפּען שעפּטשען : „גאט האט געגעבען און גאט האט צוגענומען“. און זי וויינט ניט.

די תכריכים זיינען פארטיג... ווייבער האבען שוין אלעס צוגעגרייט און די מוטער געהט וואשען איהר טויט קינד... זי דעקט אפּ זיין קערפּערעל... זי דערזעהט זיין לייבעלע... זיין פּנים'ל...

„מיין קינד !... מיין זוהן !“ גיט זי א שרעקליכען אויסגעשריי...

אלע לויפען צו איהר צו... דער מאן, פריינד. מען פאנגט אן צו איהר רעדען, בעטען, טרייסטען. זי פאנגט אן צו חלש'ן...

אבער באלד קומט זי צו זיך... און איהרע ליפּען שעפּטשען : „גאט האט געגעבען און גאט האט צוגענומען“. זי נעמט וואשען איהר טויט קינד... אלעס דרעהט זיך אין איהרע אויגען, און זי וויינט ניט...

זי וואשט איהר קינד... זי שעפּטשעט די שרעקליכע ווערטער, אבער... אה, זיין לייבעלע... אה, זיין פּנים'ל... זי ווארפט זיך ארויף אויף איהר טויט קינד אזוי ווי א ווילדע און נעמט עס קושען... מען לויפט צו איהר צו... מען פאנגט אן שרייען, ריידען... זי בלייבט שטעהן מיט פערגלעזערטע אויגען ווי א צודולטע... איהרע ליפּען שעפּטשען : „גאט האט געגעבען און גאט האט צוגענומען“... און זי וויינט ניט !

מען העלפט איהר... און אט איז דאס וואשען געענדיגט...

די מוטער נעמט אנטון איהר קינד אין די תכריכים און זי שעפטשעט : „גאט האט געגעבען און גאט האט צוגענומען“.

מען העלפט איהר... און די ארבייט געהט צו שנעל.

מיט דער שנעלקייט פון א בליץ לויפט דורך אין דער מו־טער'ס מחשבה א בילד, ווי אזוי זי פלעגט וואשען איהר קינד אין וואנקע... דאס קינד זיצט... רייסט ביי דער מאמען דעם שוואם און וואשט זיך אליין... עס שפיעלט, קוועלט, לאכט... און פליושקעט זיך אין דעם וואסער...

די מאמע טוט זיך ווייטער א כאפ פאר'ן קאפ, טוט א צי־טער. „גאט האט געגעבען און גאט האט“... זי דערזאגט ניט. א ווילדער געשריי און געוויין, א שרעקליכער געוויין, עהנליך צו א יאמער פון שלאף, טוט זיך א ריס, עפעס א גוואלדיגען ריס פון איהר ברוסט... מען לויפט צו איהר צו... ווייבער, מענער, פריינד, דער מאן...

„גאט איז מיט אייך, האט רחמנות אויף זיך. איהר דארפט דאך האבען א קינד... זייט א מענש“.

מען רעדט, מען שרייט, מען בעט, און איהר געוויין ווערט ראפטום איבערגעריסען און זי בלייבט שטעהן ווי א צומישטע.

„גאט האט געגעבען און גאט האט צוגענומען“...

און פלוצלונג זיינען איהרע אויגען געווארען שרעקליך, און זי האט זיך צולאכט מיט א ווילדען, מיט א שרעקליכען געלעכטער.

אלע זיינען געבליבען שטעהן ווי פערשטיינערט... טויט דער־שראקען.

„גאט האט געגעבען, און גאט האט צוגענומען !“

# א צייכען פון זומער.

ארעמע, ארעמע אלטעטשקע !...

ווארט, וואו האב איך זי בעגעגענט ? לאמיך זיך עראי־נערען... יע, צווישען קאנעל און העסטער, אין ארטשארד סטריט.

דאס איז געווען א פריהמארגען אין דעם שיינעם מאנאט מאי. א שרייבער אויף מיין ארט וואלט זיך געווים בענוצט מיט דער געלעגענהייט, וואס די צייט פון יאהר איז געווען אזא גוטע, און וואלט אייך שילדערן א זעלטען שיינעם פרישען מחיה׳דיגען פריהמארגען; עס איז א גוטע געלעגענהייט, ווי מען זאגט, צו לויבען אין טאג אריין די ניי־געבארענע נאטור... א קלייניגקייט מאי ! עס שפיעלט זיך מיט מאי ! דער קלארער הימעל איז מלא שמחה, וואס די קאלטע אבגעשטארבענע ערד איז אויפגעשטאנען תחית המתים, און די זון — איהר ברענענדע, מעכטיגע, אלעס זעהענדע אויג קוקט מיט אזעלכע צארטע, ווייכע, ליעבליכע, ווארמע בליקען און שמייכעלט אזוי יום־טוב׳דיג... עס גלעט און קוסט אן ערקוויקענד פריש ווינטעל, די אויפגעלעבטע בוימער אנגעטאן אין זייערע נייע יום־טוב׳דיגע גרינע בגדים... מיט איין ווארט, א שרייבער מיט א רעכטער פעדער וואלט אייך דא געווים מיט דער גרעסטער התפעלות דערצעהלען גאנצע נסים, אבער איך, זינדיגער מענש, וועל אייך דערצעהלען דעם ריינעם אמת.

אט דא, וואו איך האב זיך געפונען, ד. ה. אין ארטשארד סטריט, האט זיך דער מאי ווענעג געפיהלט: פון די פעסלעך מיסט האט זיך ניט געטראגען קיין פרישקייט, די הויכע טענעמענט קא־זארמעס, די פייער־עסקייפס, אויף וועלכע עס האבען זיך געלופ־

טערט פער׳עיפוש׳טע מאטראצען, קאלדרעס, קיסעלעך, האבען גאנץ ווענינ מיט זיך עראינערט דעם שיינעם מאנאט מאי. אלעס איז געווען „פא סטאראָמו“, ווי מען זאגט: די זעלבע בלאטע, די זעלבע שווערע שטיקענדע לופט, דער זעלבער בעטויבענדער, הערצ־רייסענדער רעש פון האנדעל און וואנדעל פון דער אייביגער, איי־ביגער מלחמה פאר׳ן שטיקעל ברויט... פושקארטס, פעדלערס, עקס־פרעסען, מענער, פרויען, צוריסענע, צושליסענע, הו, הא, א טומעל, א רעש, קללות, חרמות, מען לויפט, מען יאגט זיך, מען שטופט זיך, מען ווערגט זיך... מען זוכט פרנסה... פרנסה, פרנסה!!

אך, מאי, הפנים ניט אומעטום איז בעקאנט דיין שיין, קינ־דערש פנים!

אבער לאמיר איבערגעהן צום ענין...

קליין געוויקסיג, דאר, געבויגען, מיט א שטעקעל אין האנד, אנגעטאן אין שמאטעס, איז זי געשטאנען און געקוקט ארום זיך מיט צושראקענע אויגען. אויף איהר געלען שטארק צוקנויטשטען פנים איז געווען פערזיעגעלט א שווערע, שווערע דאגה. אויך איז געווען קענטיג, אז די אלטיטשקע זוכט עפעס, און קאן ניט געפינען...

איך האב זיך צו איהר צוגעקוקט. זי האט עס בעמערקט, א פאר מאל א קוק געגעבען אויף מיר, געבליבען שטעהן א ווײלע עפעס אזוי ווי אין צווייפעל, נאכהער האט זי זיך צו מיר גע־ווענדעט און געזאגט:

„זאלט איהר געזונד זיין, זאגט מיר, זייט איהר א איד?“

„יע, באבע“, האב איך געענטפערט, „איך בין א איד“.

„האט רחמנות און בעווייזט מיר, וואו קען איך דא ערגעץ וואו זעהען א בוים?“ האט די אלטע ווייטער געפרעגט.

מיר האט זיך פארגעשטעלט, אז די אלטע וועט וואהרשיינ־ליך ביי מיר זיך דא נאכפרעגען אויף עפעס אן אדרעס, וועלכען זי קאן ניט געפינען, און איהר זאנדערבארע פראגע וועגען א בוים איז פאר מיר געווען אונערוואַרטעט. איך האב געגלויבט, אז איך האב אפשר ניט ריכטיג פערשטאנען די אלטע, און איך האב אי־בערגעפרעגט איהר פראגע:

„וואס ? א בוים ?"

„יע", האט די אידענע געענטפערט. „א בוים, וואס וואקסט זומער, ווי ביי אונז אין דער היים", און די אלטע האט א שווערען, טיעפען זיפץ געגעבען.

„אויף וואס דארפט איהר א בוים?" האָב איך געפרעגט, געקוקט אויף דער שווער פערזארגטער אלטער, און נייגעריג ער־ווארטעט אן ענטפער.

„אויף וואס ? ווייל דער אויבערשטער האט מיך זעהר ביי־טער געשטראפט", האט די פרוי געענטפערט, און איהרע אויגען זיינען פערלאפען מיט טרערען.

מיין הארץ האט צוזאמענגעדריקט א שמערצליך געפיהל. איך האב פערשטאנען, אז אין דיעזער זוכענים פון דער אלטער פרוי נאך „א בוים, וואס וואקסט זומער, ווי ביי אונז אין דער היים", ליגט עטוואס זעהר טרויעריגעס. איך האב אבער ווייטער גארנישט געפרעגט. איך האב זיך געאיילט צו בערוהיגען די ארעמע אלטעטשקע און האב געזאגט :

„יע, באבע, איך וועל אייך בעווייזען א בוים".

„גאט זאל אייך בענשען דערפאר", האט די אידענע געענט־פערט מיט א טיעפער ערנסטער דאנקבארקייט, און זי האט דאביי ווייטער א שווערען, טיעפען זיפץ געטאן.

איך האָב זיך גענומען ארומקוקען, איך האָב די נאכבאר־שאפט זעהר גוט געקאנט. און האָב גענומען טראכטען, וואו איך קען דא ערגעץ ניט וויט געפינען א בוים פאר דער אלטער. איך האב אבער ניט געקענט דערמאנען זיך, אז איך האב דא ווען עס איז געזעהן א וואקסענדען בוים. איך וועל זיך מוזען, הייסט דאס, אוועקלאזען מיט דער אלטער צום סאמען דזשעקסאן־סטריט־פארק.

האב איך אבער א טראכט געגעבען : אפשר וועט עס זיין צו וויט פאר דער אלטער, און איך האב זי געפרעגט :

„וואו וואוינט איהר, באבע?"

„ביי מיין קראנקען זוהן", האט די אלטע געענטפערט.

„און וואו וואוינט אייער קראנקער זוהן ?“ האב איך ווייטער געפרעגט.

אט דא ניט ווייט, אין „אשצע“ גאס, אין א הויף, נעבען א גרויסען שטאל“.

„א געהויבענער אדרעס“, האב איך ביי זיך א טראכט געגעבען, אבער יעדענפאלס וויים דאך די אלטע, וואו זי געפינט זיך אין דער וועלט.

און איך האב ווייטער געפרעגט :

„באבע, ווען מיר וועלען אפגעהן עטליכע גאסען ווייטער, וועט איהר קענען אהיים טרעפען ?“

„איך וועל פרעגען אויף „אשצע“ גאס נעבען חזיר־מארק“, האט די אלטע מיך בערוהיגט.

„קומט, באבע, איך וועל אייך בעווייזען א בוים“.

מיר זיינען אוועק צו דזשעקסאן־סטריט־פארק. געהענדיג האט די אלטע מיר דערצעהלט איהר ביטער הארץ, און איך האב זיך דערוואוסט, צו וואס די אלטע זוכט א בוים.

די געשיכטע איז געווען אזא:

זי, די אלטע, איז נאך א גרינע אין ארטשארד סטריט. ערסט מיט אכט חדשים צוריק איז זי געקומען אהער אין ניו יארק צו איהרען א זוהן.

דער זוהן איז ביי איהר איינער און מעהר ווי איהם האט זי קיינעם ניט אויף דער ווייסער וועלט. דער זוהן האט א ווייב מיט דריי קליינע קינדערלעך. אין דער היים איז ער געווען הפנים א לעהרער, ווי איך האב פערשטאנען נאך איהרע ווערטער, און דא אין ניו יארק איז ער געווארען אן ארבייטער ביי פוטער. די לעצטע צייט, שוין נאך דער אלטערס קומען, איז ער שטארק קראנק געווארען, הפנים ווי מיט דער דער. ליגט ער אין דער היים און די ווייב פערדיענט דאס שטיקעל ברויט, ארויסנעמענדיג פון שעפער הויזקעס צום פינישען און וואשענדיג וועש פאר שכנים.

מיט א פאר וואכען צוריק איז א דאקטאר געווען ביים קראנקען, און דער דאקטאר האט זיך אויסגעדריקט, אז ווען דער קראנ־

קער וועט אויסהאלטען ביז זומער, וועט זיין „גוט“. די אלטע, וועלכע האט שוין געזעהען, אז דא אין דער מדינה איז עפעס דער ווינטער קיין ווינטער ניט, האט געפרעגטביים דאקטאר, ווען דא אין אמעריקא ווערט זומער. און דער דאקטאר האט איהר געענט־פערט, אז ווען די ביימער העבען אן צו בליהען און ווערען גרין, איז דאס א סימן, אז עס איז זומער.

יעצט, ווען עס איז שוין אריבער פסח, און אין „דערהיים“ וואלט שוין בעדארפט זיין זומער, וויל די אלטע וויסען, אויב דא אין אמעריקא איז שוין זומער, און אויב איהר קראנקער זוהן האט אויסגעהאלטען דעם ווינטער. עס איז אפילו היים, אבער דאס איז ביי דער אלטער א קנאפער סימן: ווינטער פלעגען אויך געבען הייסע טעג; וויל זי זעהען דעם דאקטארס געגעבענעם צייכען — א גרינעם בליק, דאס אלעם!

* * *

אט איז דזשעקסאן־סטריט־פארק... א גרין ווינקעלע אין א שרעקליכען מדבר. גרינע ביימער, גרין גראז...

„נו, אט האט איהר ביימער ווי פיעל איהר ווילט“, זאג איך צו דער אלטער.

„איך זעה שוין“, ענטפערט זי. „א דאנק זיין ליעבען נאמען“.

און די אלטע קוקט אויף די ביימער: איהר פנים ווערט פרייער, ליכטיגער, אין איהרע אויגען בעמערק איך א שטראל פון האפנונג, און איך הער ווי זי שעפטשעט שטילערהייט:

„געלויבט איז זיין נאמען, געלויבט איז דער אויבערסטער, עס איז שוין דער ליעבער זומער, זוהנדעלע טייערער, אפשר וועט שוין דער פאטער אין הימעל אויף דיר רחמנות האבען און צושי־קען דיר א רפואה שלמה“.

נאכדעם האט זי זיך צו מיר געווענדעט און געזאגט מיט אזא טיעפען געבעט:

„ווילט איהר שוין פערדיענען נאך א מצוה?“

„וואס, באבע?“

„קריעגט פאר מיר דא א פאר גרינע בלעטלעך, עפעס א וואר־

פערע עס איז „קראסקע", איך וועל אוועקטראגען מיין זוהן, בע־ווייזען איהם, אז עס איז שוין דער זומער אנגעקומען".

איך האב אויפגעזוכט א גרין צווייגעל, און האב עס געגע־בען דער אלטער.

זי האט עס גענומען מיט ציטערענדיגע הענד, אנגעבענטשט מיך פון פולען הארצען און געפרעגט ביי מיר, ווי מען געהט אהיים. איך האב איהר אנגעצייגט דעם וועג, און די אלטעטשקע איז אוועק אין „אשצע" גאם אויפ'ן הויף, נעבען דעם גרויסען שטאל, אנזאגען איהר קראנקען זוהן, אז עס איז שוין זומער אין אמעריקא.

א ווייל לענגער בין איך פערבליעבען אין פארק, פערטיעפט אין טרויעריגע רעיונות וועגען דער אלטער און וועגען איהר זוהן, נור די נויט האט מיך עראינערט, אז דא איז ניט מיין פלאץ, און איך בין אוועק צוריק אין דעם קווארטאל פון בלאטע און פרנסה, וואו מען ווייס ניט פון דעם שיינעם מאי.

# מיין נייער העלד.

דאס איז געווען אנפאנג זומער, א נאכמיטאג, און איך האב זיך געפונען אין דער געזעלשאפט פון א געוויסער פאמיליע, וועלכע בעוואוינט א דירה אין א טענעמענט הויז אין מאנטגאמערי סטריט.

עס זיינען געווען פיעלע געסט און מיר האבען גאנץ אנגע־נעהם פערבראכט די צייט.

„וואס מאכט עפעס דער פערוואגעלטער ?" האט איינער פון די געסט געווענדעט זיך מיט א פראגע צו דער ווירטין פון הויז.

ביי דער בראוונער פרוי האט זיך געצייגט א טרויעריגער שמייכעל אויף די ליפען, און זי האט געענטפערט :

„בליהען, בליהט ער שוין ניט דריי יאהר, נור אין גאנצען פערדארט איז ער ניט. עטליכע צווייגען האבען געקראגען גרינע בלעטער.

„ א גאט'ס רחמנות אויף דעם ארעמען בוים", האט דער גאסט געענטפערט.

די ווירטין פון הויז האט בעמערקט מיין נייגיריגקייט, און זי האט צו מיר געזאגט :

„ביי אונז אין הויף איז דא א בוים, רופען מיר איהם „דער פערוואגעלטער". מיר וואוינען שוין דא צייט פינף יאהר און עס איז א צער צוקוקען, ווי יאהר צו יאהר ווערט דער בוים אלץ מעהר פערדארט. פאר א יאהרען האט ער נאך א ביסעל געבליהט, היי־יאהר בליהט ער שוין ניט".

מיר האט עפעס א צופ געטאן ביים הארצען פון דיעזער איינפאכער מיטטיילונג, און איך האב געבעטען, צו צייגען מיר דעם „פערוואגעלטען".

די פרוי האט מיך צוגעפיהרט צו א פענסטער אין קיך, און איך האב גלייך דערזעהען דעם בוים. איך האב זיך צוגעקוקט און האב זיך פון דעם בילד ניט געקאנט אבּרייסען.

א שמאל הויפעל, צווישען צוויי פערפינסטערטע ווענד פון צוויי הויכע טענעמענט הייזער. איך האב פּרובירט ארויסשטעקען דעם קאפ אין פענסטער, האב איך נור געקאנט זעהן דעם שפּיץ פון דעם בוים, קיין ברעקעל הימעל האבען מיינע אויגען ניט גע־קאנט כאפּען.

אן ענגער הויף, א שמאלער הויף, די לופט שווער און פער־שטיקט...

און דער בוים שטעהט האלב פערדארט, האלב אבגעשטאר־בען. וואו ניט וואו א גרין צווייגעלע...

בעווארפען ווי גרוים ער איז מיט בלאטע, מיט שמוץ... טא־מיטא קענס, טיכער, אלטע דייפּערס, אייזען, גאנצע פעקלעך מיט שמוץ.

און ווי גרוים ער איז, איז ער איינגעבונדען אין שטריק, וועל־כע ציהען זיך אוועק צו די שכנים אין די פענסטער אריין. דאס זיינען „ליינס" צום טריקענען וועש, נור מיר האט זיך אבגעדאכט, אז דאס איז עפּעס א פערהאפּטעטער ריעז, געבונדען אין שטריק, און די שכנים זיינען זיך נוקם אן איהם פאר זיין אונגעוועהנליכער חוצפּה צו עקזיסטירען אין א הויף אין מאנטגאמערי סטריט.

עס איז געווען קענטיג אז א מאל האט דער בוים געמוזט וואקסען, ברייט און ווייט, געדיכט און שיין, דאס האבען דער־צעהלט זיינע פּיעלע פערדארטע צווייגען, וועלכע האבען זיך גע־צויגען אויף דער גאנצער ברייט פון דעם הויף און דערגרייכט ביי־דע ווענד פון די טענעמענט-הייזער.

און ווען איך האב געקוקט אויף דיעזע אויסגעצויגענע, פער־דארטע, אצגעשטארבענע צווייגען, האט זיך מיר פארגעשטעלט אזא מין בילד :

עפּעס ווי מען וואלט דורך א גרויזאמען צופאל א מענשען בעגראבען לעבעדיגערהייט. אין פינסטערן ענגען קבר האט זיך

דער בעגראבענער אויפגעכאפט. א פערצוויפעלטער האט ער גע־נומען מיט די הענד און מיט די פיס פערנאנדערשטופען דעם ענ־גען קבר. און אזוי אין אומזיסטען קאמפף פאר דאס טייערע לעבען איז ער אוועקגעשטארבען און זיינע גליעדער זיינען אזוי געבליבען פערנאנדערגעשפרייט... פערשטייפט פון קאלטען טויט.

איך האב געקוקט אויף דעם בוים און אין מיין הארץ האט גע־ברענט א שטילער וועהטאג...

אלעס, אלעס ווערט דא פערדארט, האב איך געטראכט, גאר־נישט קאן דא ניט בליהען, גארנישט קאן דא ניט לעבען. דא צווי־שען די הויכע, הויכע ווענד פון אונזערע טענעמענט־הייזער!

„קומט טרינקען טעע", האט מיך אבגערופען די ווירטין פון הויז.

איך בין אוועק אין עסצימער טרינקען טעע... עס האט זיך אנגעפאנגען א לעבעדיגער שמועס צווישען די אנוועזענדע און איך האב באלד פערגעסען אן דעם „פערוואגעלטען"...

* * *

שפעט אין דער נאכט, ווען איך בין געוועזען ביי זיך אין דער היים און געשלאפען אין מיין צימער, איז דער פערוואגעלטער בוים פון מאנטגאמערי סטריט געקומען מיר צו חלום.

איך זעה, דער בוים שטעהט נעבען מיר... דאס איז ער, פונקט ווי איך האב איהם געזעהן דארטען אין הויף, מיט די לאנ־גע פערדארטע צווייגען, מיט דעם שמוץ, מיט די טאמייטא־קענס, מיט די טיכער, מיט די שמאטעס, געבונדען אין א גאנצע נעץ פון שטריק...

ער שטעהט נעבען מיר ווי א לעבעדיגער... טרויעריג האט ער ארונטערגעלאזען זיין קאפ... און אויף די עטליכע גרינע צווייגע־לעך האבען גענומען בלישצען טרערען... און איך האב דערהערט, ווי דער בוים האט גענומען וויינען...

א סקרוך איז מיר אריבער איבערן גאנצען לייב און איך האב פערציטערט געפרעגט:

„וואס ווילסטו ?"

„איך האב שוין היי־יאהר ניט געבליהט", האט דער בוים גענומען רעדען, להבדיל, ווי א מענש. „נאך א יאהר, נאך א יאהר, און איך שטארב אוועק... מיינע עטליכע גרינע צווייגעלעך וועלען אונגערן פערדארט ווערען"...

די צווייגעלעך האבען זיך גענומען דריקען איינער צו דעם צווייטען, און מיר האט זיך געדוכט, איך הער א קינדערשען פער־שטיקטען געוויין...

„וואס קאן איך דיר העלפען ?" האב איך געפרעגט.

„דערמאן באטש וועגען מיר", האט דער בוים געזאגט. „דער־מאן אין דיין שרייבען. גיב מיר אן ארט צווישען דיינע אונגליק־ליכע קבצנים".

„צאהלסטו רעכנט פאר דעם הויף, וואו דו געפינסט זיך ?" האב איך געפרעגט.

„ניין!" האט דער בוים געענטפערט.

„מיינע קבצנים צאהלען", האב איך געזאגט און ווייטער געפרעגט:

„האסטו ווען עס איז געקראגען א מוף־צעטיל ?"

„קיינמאל נישט".

„מיינע אביונים קריגען אפט ארויסגעשמיסען אפילו פון דיעזען הויף", האב איך געענטפערט און איך האב ווייטער גע־פרעגט:

„האסטו געארבייט אין א אידישען סוועט־שאפ ?"

„קיינמאל נישט", האט דער בוים געענטפערט.

„ווייסטו, וואס עס הייסט פערשפיעלען א סטרייק ?"

„איך ווייס ניט"...

„ווייסטו, וואס עס הייסט אנקומען צו צדקה ?"

„הלואי ווייטער", האט דער בוים פערציטערט געענטפערט, „איך האב דאס קיינמאל ניט דורכגעמאכט".

„ווייסטו, וואס עס הייסט, אייביג הארעווען און גאר־נישט פערמאגען ?"

„איך ווייס ניט".

„ווייסט אפשר דעם טעם פון ליעבען קינדערלעך און ניט זיין אימשטאנדע זיי צו העלפען ?"

„ניין. פון די אלע מענשען־צרות האב איך קיין אהנונג ניט", האט דער בוים איבערגעשלאגען מיינע רייד.

„טא וואס זשע זאל איך וועגען דיר שרייבען ?" האב איך געפרעגט. „מיט וואס ביזטו עהנליך צו מיינע אביונים ?"

„עהנליך, פיעל עהנליך", האט דער בוים געענטפערט. „אזוי ווי זיי בין איך פערשטיקט און בעגראבען פון דער פרייער ליכ־טיגער וועלט. מיינע צווייגעלעך ווערען פערדארט, ווייל עס פעהלט זיי ליכט און לופט. דיינע אביונים'ס קינדערלעך שטארבען אויך פון דעם אוועק... איז דאס ניט אמת ?"

„אמת", האב איך געענטפערט, און דער בוים האט ווייטער גערעדט:

„מיר איז ענג, פינסטער, איך האב ניט מיט וואס צו אטע־מען, איך בין גאר ניט אזוי אלט אין יאהרען. עס איז ערסט די צייט פון מיין בליהענדער יוגענד, און איך האב שוין אויפגעהערט צו בליהען. אין מיינע יאהרען זיינען בוימער אין וואלד, אונטערן פרייען הימעל, פול מיט לעבען, פול כּיט קרעפטען. זיי וואקסען, זיי בליהען, זיי שפרייטען פאנאנדער זייערע צווייגען און צוואואר־פען זיך ברייט און ווייט, איך דאר שוין איין, איך שטארב אוועק פאר דער צייט, און שטארב שטיל, עלענד, אין א פינסטערען הויף, פערגעסען פון דער גאנצער ליכטיגער וועלט — בין איך ניט עהנ־ליך צו דיינע אביונים ?"

„עהנליך, עהנליך", האב איך צוגעגעבען.

„און ווען דו וואלסט וויסען מיין פערגאנגענהייט !" האט דער בוים א שווערען זיפץ געטאן. ער איז אויך א ווייליע אנשוויגען געווארען, אויפגעהויבען שטאלץ דעם קאפ און געגומען רעדען מיט א פערטראכטער, פער'חלום'טער שטימע :

„איך בין א מאל נישט עלענד געווען. נעבען מיר זיינען גע־וואקסען פיעלע, פיעלע בוימער, און ארום האט זיך אוועקגעצויגען

א גרינע, שיינע לאנקע, גרינע גראז, גרינע בלומען. איך האב שיין געבליהט, שטאלץ געוואקסען... נעבען מיר, זייט ביי זייט האבען מיינע חברים געבליהט.

„איבער אונזערע שטאלצע קעפ איז געווען אויסגעשפרייט דער פרייער, ברייטער הימעל, עס האט אונז תמיד געהאלזט און גע־קוסט א פריי, ליעב ווינטעל, די גאלדענע ווארמע שטראלען פון דער זון האבען מיט אונז פרעהליך און פריינדליך געשפיעלט און די לבנה און די שטערן האבען ביי נאכט אונז אריינגערוימט סודות פון ליעבע. זיינען געקומען בייזע מענשען, און אין זייער בייזער יאגענים נאך געלד האבען זיי אויסגעהאקט אלע בוימער, צוטראטען דאס גראז און די בלומען, אויפגעבויט העסליכע טורמעס, נאר מיך האט מען געלאזען, איך וויים ניט צו וואס, איך וויים ניט צו ווען".

„דאך ביזטו גליקליכער פון מיינע אביונים", האב איך אי־בערגעשלאגען דעם בוים. „דו קאנסט אם וועניגסטען טרוימען וועגען דיין פערגאנגענהייט, מיינע קבצנים האבען אפילו די טרייסט ניט. זיי ווערען געבארען אין קברים, האדעווען זיך אויס אין קברים, שטארבען אין קברים און ווערען בעגראבען אין קברים... זעלטען ווער האט כאטש ווען עס איז געבליהט צווישען זיי"...

„אבער קוק זיך צו", האט דער בוים געזאגט מיט א זיפצענ־דער שטימע. „ זעה ווי איך קוק יעצט אויס".

איך האב געווארפען א בליק אויף דעם בוים. און ווען איך האב דערזעהן זיין געשטאלט, זיינע נאקעטע פערדארטע צווייגען, די שטריק, אין וועלכע ער איז געבונדען, דעם שמוץ, די שמא־טעס... ווי א שווערע, שווערע משא האט מיר גענומען דריקען מיין הארץ... מיר האט זיך פערוואלט וויינען...

און איך האב זיך אויפגעכאפט.

* * *

דאס איז אפילו געווען א חלום, נור איך רעכען, דער פער־וואגעלטער בוים אין שמאלען הויף אין מאנטגאמערי סטריט האט פערדיענט מען זאל איהם דערמאנען, להבדיל, ווי א שווינדזיכטי־גען ארבייטער, און עס קומט מיר צו א נייער העלד.

# אויפ'ן נייעם יאהר.

עס איז שוין געווען גאנץ שפעט אין דער נאכט, איך האב שוין געוואלט לעגען זיך שלאפען, פלוצלונג איז צו מיר געקומען מיין מוזע. איהר אונערוואַרטעטער וויזיט און איהר פנים האבען מיר דייטליך געזאגט, אז זי איז עפעס ווי אנגעשטויסען. מיין מוזע איז אימער פערביטערט און פערוואגעלט, זי געהט אימער ארום מיט א טארבע און זי קאן זיך מיט דער טארבע ניט שיידען כאטש שמייסט זי מיט ריטער. זי האט א קראנק הארץ; זי איז ניט פאר קיינעם געדאכט א גרויסע אביונ'טע אליין און זי שטאמט פון דורי דורות פון גרויסע קבצנים. זי פערמאגט גאנצע בערג מיט צרות און זי קוקט אויס אימער פערוויינט. א מאל לאכט זי... אבער פון אזא געלעכטער קאן מען משוגע ווערען...

„נו, גוטע מוזע", האב איך ביי איהר געפרעגט, „וואס הערט זיך עפעס?"

„וואס זאל זיך הערען? מיר האבען, דאכט זיך, ניי יאהר היינט".

„מילא, אבי די צרות וועלען פערבלייבען די אלטע".

„יע", האט די מוזע געענטפערט, „אבער איך בין צו דיר יעצט געקומען וועגען ביזנעס".

„וועגען ביזנעס?"

„יע", האט זי שטיל געענטפערט. „איך בין געקומען מיט דיר שליסען א קאנטראקט".

„א קאנטראקט?"

„יע, א פארמאלנעם קאנטראקט"...

„וואס בעדייטעט דאס? ווארום?"

„אה, מיין טייערער", האט זי געענטפערט מיט א ווייכער מילדער שטימע, „בעליידיג זיך נור ניט, איך בעט דיך".

טרערען האבען זיך געצייגט אין איהרע אויגען און זי האט ווייטער גענומען ריידען :

„איך האב פערלארען מיין גלויבען... די לעצטע צייט האט מען די מוזעס שוין צו פיעל בעטראגען. מען האנדעלט מיט זיי אויף יעדען שריט און טריט, זיי זיינען געווארען אזא מין וועזען, וואס מען קאן קויפען פאר א דאלאר. מען טוט זיי נאך ערגער אב: חברה יונגען, וועלכע האבען קיין מאל אין זייער לעבען מיט זייערע אויגען ניט געזעהן קיין מוזע, געבען זיך אן פאר זייערע בעסטע אגענטען און געהען פעדלען אין זייער נאמען. ווייסטו וואס נאך ? מען שפיעלט זיך מיט זיי אויף צו להכעיס. ווען זייערער א פריינד ווערט פאר עפעס ברוגז אויף די, פאר וועמען זיי געבען איהם זיי־ערע מתנות צו שענקען, דאן שטעלט מען זיי אוים א נאז, מען פערטרייבט זיי פון זיך און מען דערמאנט וועגען זיי א ווארט ניט. אה, מען האנדעלט מיט זיי זעהר, זעהר שלעכט ! איך קאן מעהר אויפ'ן ווארט קיינעם ניט גלויבען".

די מוזע איז געבליבען איניגע מינוטען שטיל.

„אלזא, ווילסטו מיר אויך ניט גלויבען ?"...

„אה... איך האב מורא צו זיין געשטראפט"...

„אלזא דו ווילסט מיט מיר מאכען א קאנטראקט ?"

„יע, מיין פריינד", האט די מוזע געענטפערט.

„אבער וואס פאר א תנאים נעמסטו אויף אין דעם קאנ־טראקט ? פיעלייכט וועט פאר מיר זיין צו שווער", האב איך ווייטער געפרעגט.

„אויב דו ווילסט, וועל איך דיר פארלעזען... איך האב עס שוין אנגעשריבען און ווען דיר וועט געפעלען, וועסטו זיך אונ־טערשרייבען".

„לעז", האב איך געזאגט.

און זי האט גענומען לעזען.

„איך בעט דיך, דער קאמפף פאר'ן שטיקעל ברויט פאר

דיר און פאר דיין פאמיליע, דיעזער שמוציגער אבער נויטיגער קאמפף זאל דיך ניט אוועקנעמען פון מיר. אין דער צייט פון דחקות, הונגער, דלות און יסורים זאלסטו ניט ווערען פערצווייפעלט און זאלסט מיך ניט פערטרייבען פון דיינע אויגען.

„אין פאל — ווער וויים וואס עס קאן זיך טרעפען — אין פאל ווען דיין מזל וועט זיך ווען עס איז דערהעבען און דיר וועט ווערען גראמער אין קעשענע און פרייער אויפ׳ן הארצען, זאלסטו ניט פערמאכען דיינע אויגען, אום ניט צו זעהן מיינע טרערען. און דו זאלסט ניט פערשטאפען דיינע אויערן אום ניט צו הערען מיי־נע זיפצען.

„טו, וואס דיין הארץ וויל, פאלג דיין געוויסען און געברויך קיינע פערזענליכע טרוקענע רעכנונגען מיט מיר...

„ווען איך זאל צו דיר ניט קומען, זאלסטו רעדען מיט מיר; דיין געשפרעך זאל אבער זיין פריי ווי א ווינד און היט זיך, דו זאלסט פון קיינעם ניט אננעהמען קיינע פראגראמען אדער בע־שטעלונגען, ווי אזוי צו פערברייננען מיט מיר.

„אונזערע געשפרעכען זאלען זיין אזוי ריין ווי א קוס פון א קינד, דיין הארץ זאל זיין פול מיט ליעבע, מיט ערנסטע גע־פיהלען... אבער איך בעט דיך, מיש צווישען אונז ניט אריין קיין פערזענליכע אינטערעסען.

„לאך, ווען איך אליין היים דיר לאכען! וויין, ווען איך אליין היים דיר וויינען! לאז ניט ארוים קיין „שטיקעל ארבייט" בשתיקה מיר, און שלעפ מיך ניט מיט געוואלד דאן, ווען איך וויל צו דיר ניט קומען.

„פאל ביי זיך ניט אראב, וואס דו גיסט איבער אונזערע געשפרעכען אין אונזער איינפאכען מאמע־לשון... אויף דיעזען לשון בעטען טויזענדע הונגעריגע קינדערלעך ברויט... אויף דיע־זען לשון שרייען און וויינען אום הילף טויזענדע, טויזענדע פער־שטיקטע, פערמאטערטע, לעבעדיג בעגראבענע שקלאפען".

די מוזע האט א שווערען זיפץ געגעבען און זי איז געבלי־בען שטיל שוויינען אויף אייניגע סעקונדען.

„נו, מיין פריינד", האט זי געזאגט מיט א קינדערשער שטי־מע, „ווילסט דו זיך מיט מיר שיידען ?" און זי האט גענומען גלעטען מיין קראנק צוזאמענגעטאגט הארץ.

„שיידען זיך ?... אה, ניין".

„דאן שרייב זיך אונטער". זי האט ווייך און ווארם אריינ־געקוקט אין מיינע אויגען...

„גיב מיר אבער א קליינע צייט צום בעדיינקען זיך".

„איך גיב דיר צייט... לאז מיר וויסען... אויב ניט"...

מיין מוזע איז אוועק און איך דענק יעצט איבער די פונקטען פון דעם קאנטראקט...

# דאס זעלבע שיקזאַל.

עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט. איך בין געזעסען און געשריבען. פלוצלונג האט מיין פען א קריץ געטאן, ברייט פער־נאנדערגעעפענט דאס מויל, עפעס אזוי ווי זי וואלט וועלען כאפען דעם אטעם, און איהר לעצטער בוכשטאב איז ארוים פערדרעהט און צוקרימט. אהן צערעמאניעס האב איך ארויסגענומען די פען פון דעם הענטעל, פערווארפען אויף דר׳ערד, אויף איהר פלאץ אריינגעשטעלט א שפאגעל נייע פען, און איך בין זיך אוועק ווייטער מיט מיין ארבייט.

ווען איך האב געענדיגט מיין ארבייט און געגאנגען שלאפען, האב איך אנגעטראטען אויף דער פערווארפענער פען. די פען האט ווייטער א קריץ געגעבען. מיר האט זיך אבגעדאכט, עפעס אזוי ווי זי וואלט א קרעכץ געגעבען פון וועהטאג.

איך בין אין כעס געווארען. אויף א ניט לעבעדיג וועזען ווערען מיר א מאל אין כעס פונקט ווי אויף א לעבעדיגס. איך האב אויפגעהויבען די פעדער, וועלכע איז שוין געווען אין גאנ־צען צובראכען פון מיין טראט, און האב זי אוועקגעווארפען אין דעם בערגעל מיסט, וועלכער קעניגט ביי מיר שטענדיג אין הויז. איך בין אוועק שלאפען. און ווען איך בין איינגעשלאפען, איז צו מיר געקומען צו חלום מיין אלטע, צובראכענע, פערווארפענע פען.

די פען האט זיך אוועקגעשטעלט געגען מיר און פלוצלונג האט זי גענומען וואקסען, וואקסען, און וואקסען. ווען זי האט גע־קראגען די פארמע פון א מענשליכער פיגור, איז זי פערוואנדעלט

געווארען אין א לעבעדיגע פערזאן, און זי האט אנגעשטעלט אויף מיר איהרע אויגען. איהר לאנגזאמער בליק איז געווען דורכדרינ־גענד, טרויעריג און בייז... איך האב דערפיהלט, אזוי ווי מוראשקעס זיינען מיר אריבער איבערן גאנצען קערפער...

שווייגענדיג האט מיר די פעדער געצייגט אויף איהר ברוסט, און איך האב דערזעהן דארט א טיעפע שרעקליכע וואונד, וועלכע האט אויסגעקוקט זעהר פריש און האט נאך געהאלטען אין בלור־טען... איך בין געווארען א פערציטערטער.

„קוק נור !" האט מיין פען צו מיר געזאגט מיט א שטימע, וועלכע האט אבגעהילכט ווי א טיעפער הערצרייסענדער זיפץ, „קוק זיך נור צו, דערקענסטו דען ניט דיעזע וואונד ? !"

איך האב געשוויגען : שרעק האט מיך אין גאנצען ווי פא־ראליזירט און איך האב ניט געקאנט א ווארט אויסרעדען.

„דאס האסטו מיר געמאכט", האט די פען ווייטער גענומען רעדען. „דו, אין דער מינוט, ווען דו האסט מיך אזוי גראב פער־ווארפען, און נאכהער מיט דיין אייגענעם פוס געטראטען אויף דיעזער פרישער וואונד. האסטו בעטראכט, וואס פאר א מין טיי־וועלשען וועהטאג דו פערשאפסט מיר ?"...

די פען האט גענומען פלוצלונג וויינען... איך האב דערפיהלט אז אלע מיינע נערווען ווערען פערשטארבען. און דאס בלוט פון איהר וואונד האט געקאפעט און געקאפעט...

„דערמאן זיך... דערמאן זיך, וואס דו האסט געטאן !" האט די פען גענומען רעדען מיט א שוואכער שטימע. „איך האב פאר דיר געשריבען ; איך בין געווען דיין פריינד ; איך האב דיך ליעב געהאט מיט מיין גאנצען הארצען, איך האב אויסגעדריקט דיינע שמערצען, איך האב דערצעהלט דיינע ליידען, איך האב געוויינט מיט דיינע טרערען... איך האב דורך דיר פערלארען מיינע לעצטע קרעפטען, מיין הארץ, מיין נשמה. איבער דיר בין איך געווארען שוואך און פערשווארצט... און... און... ווען דיר האט זיך אבגעג־דאכט, אז איך האב געגעבען א „קריץ", ווען דו האסט דערהערט פון מיר א טאן, וועלכער האט ניט אזוי אנגענעהם געווירקט אויף

דיינע נערוועז ; ווען איך האב פאר דיר אויפגעשריבען איין בוכ־שטאב ניט א ריכטיגען, — האסטו מיך גלייך פערוואַרפען אויף דר'ערד... נאכהער האסטו נאך געטראטען אויף מיין פרישע וואונד, וועלכע איך האב בעקומען פון דיין ווארף, און ווען איך האב געוואגט א קרעכץ געבען, ביסטו נאך אין כעס געווארען און דו האסט מיך פערשליידערט... וואוהין ? אה, דערמאן זיך וואוהין!"

יעדעס ווארט האט מיר געגליווערט מיינע בלוטען. איך האב געפיהלט, ווי א קאלטער שוויים בעדעקט מיין גאנצען קערפער...

די פען איז פערבליבען א ווייל'ע שטיל, עפעס אזוי ווי זי וואלט זיך פערטראכט... אט איז זי צו מיר צוגעטראטען נעהענטער, זי האט אויף מיר ווייטער א בליק געגעבען... אבער איהר בליק איז יעצט געוועזען ווייך, צוציהענד און ליעב, און מיר האט זיך געדאכט, אז איהר גאנצער כעס איז פלוצלונג פער־שוואונדען געווארען.

איך האב געגעבען א שווערען זיפץ.

„איך בין אויף דיר ניט בייז", האט זי שטיל געזאגט, „דיך ערווארטעט דאך דאס זעלבע שיקזאל... איך האב אויף דיר מיט־לייד, מיין טייערער !

„ווען דו וועסט אוועקלעגען דיינע לעצטע קרעפטען אויף דעם מזבח פון דיין שרייבען, ווען דו וועסט ווערען מיד, קראנק, אבגעמאטערט, פערשווארצט, אזוי ווי איך, דאן וועט מען זיך מיט דיר אויך ניט בעסער בעגעהן.

„ווען דו וועסט ארויסלאזען א נישט ריכטיגען טאן, וועט מען אויך דיך אהן צערעמאניעס פערלאזען און פערוואַרפען... עס וועלען זיך דאן געפינען גענוג אזעלכע, וואס וועלען רעכענען פאר א מצוה א טראט געבען מיט'ן פוס אויף דיינע פרישע וואונ־דען... און ווען דו וועסט פון וועהטאג א קרעכץ געבען, וועט מען דיך מיט א גיפטיגען געלעכטער פערשליידערן אויך"...

„מאמע ! !" האב איך א שרעקליכען געשריי געגעבען פון שלאף... און איך האב זיך אויפגעכאפט.

# פיראגאזין׳ס איין=אקטיגע דראמא.

פיראגאזין איז א דיכטער, ער שרייבט ליעדער און אויך דראמען.

פיראגאזין׳ס ליעדער ווערען געדרוקט אין פערשיעדענע צייטשריפטען. און זיינע פיעסען ווערען אפט געשפיעלט אין פערשיעדענע טעאטערס.

פיראגאזין איז א געפיהלפאלער מענש, זיין הארץ איז אימער, אימער פול מיט ווארמער ליעבע, אבער נור צו די שיינע בילדער און פאנטאזיען, וואס ער שילדערט אין זיינע אייגענע שריפטען.

איין מאל האט דער גאט פון דער וואהרער ליעבע בעזוכט דעם דיכטער. פיראגאזין האט ליעב בעקומען א יונגע שיינע פרויענצימער.

סאפיע האט געהייסען דעם דיכטער׳ס געליעבטע.

פאר א קוס פון סאפיע׳ס זיסע שיינע ליפען איז דער דיכטער געווען גרייט צו יעדער צייט אבצוגעבען אלע זיינע ליעדער. פאר די פאר מינוטען וואס ער קאן ארייננקוקען אין סאפיע׳ס שיינע טיעפע אויגען, וואלט פיראגאזין גערן אבגעגעבען אלע אפלאדיסמענטען, וועלכע ער קריגט אין די טעאטערס, ווען עס פיהרען זיך אויף זיינע פיעסען.

פיראגאזין איז אבער געווען נישט איבעריגם גליקליך אין זיין ליעבע.

סאפיע האט זיך מיט דעם דיכטער יע אינטערעסירט, זי האט אבער איהם ווייט, ווייט נישט אזוי ערנסט געליעבט ווי ער זי.

פיראגאזין האט געזעהן, אז זיין געליעבטע, טייערע סאפיעלע אינטערעסירט זיך מיט איהם, נור ווייל ער איז עפּעס אן אויס־נאהמע, ווייל ער איז א דיכטער, א שרייבער. ער האט געפיהלט און גוט פערשטאנען, אז ווען ער זאל ניט זיין קיין שרייבער, וואלט סאפיע אויף איהם א בליק נישט וועלען ווארפען, און ער האט זעהר געליטען פון דעם.

סאפיע האט זיך מיט איהרע געפיהלען נישט בעהאלטען, און זי האט דעם שרייבער אפענהערציג דערצעהלט, אז זי האט ליעב אן אנדערען; די נאאיווע בעשעפענים פלעגט זאגאר אפט, זעהר אפט שילדערן פאר דעם דיכטער, ווי ברענענד, ווי הייס זי האט ליעב יענעם, דעם אנדערען. און פּיראגאזין פלעגט דערביי פיהלען, אזוי ווי עס וואלט בעדארפט פיהלען א פיש, ווען ער פרע־געלט זיך אין זיין אייגענער זאפט...

פיראגאזין האט אבער דאך געוואלט געווינען סאפיע׳ס הארץ. ער האט גענומען שרייבען געדיכטע, וועלכע האבען בעדארפט סאפיע׳ן געפעלען ווערען.

פון דעם איז גאר ניט ארויסגעקומען. סאפיע איז פון פּיראַ־גאזין׳ס געדיכטע ענטציקט געווען. פונדעסטוועגען פלעגט זי אפט א זאג טון, לעזענדיג אט אזא מין געדיכט:

„איהר ווייסט וואס, פּיראגאזין ?“

„וואס ?“ פלעגט דער שרייבער פרעגען.

„היינט ביי נאכט וועל איך זיין ביי טאראקאנאוו׳ען (טאראַ־קאנאוו איז געווען דער נאמען פון פּיראגאזין׳ס גליקליכען קאנקור־רענט) און וועל איהם דאס פארלעזען... ווען איך לעז איהם פאר א גוט געדיכט, ווערט זיין נשמה אונטערגעצונדען און ער קוסט מיך... און לאסצעט מיך... און ווערט משוגע פאר מיר“...

איהר קענט זיך שוין אנשטויסען, וואס דער ארמער פּיראַ־גאזין פלעגט דאביי פיהלען.

נאך א מיטעל האט דער שרייבער געברויכט אום צו געווי־נען זיין סאפיעלע׳ס ליעבע.

ווען עס פלעגט זיך שפּיעלען זיינע א פּיעסע, פלעגט ער די שיינע סאפּיע'ן נעמען אין טעאטער.

סאפּיע פלעגט זעהן די פּיעסע, פערגעניגען האבען... זי פלעגט זעהן, ווי פּיראגאזין ווערט פיעל מאל ארויסגערופען, ווי שוישפּיעלער און שיין גרימירטע שוישפּיעלערינען דריקען דעם פערפאסער'ס הענד, ווי דער דאנקבארער עולם אין טעאטער בע־שיינקט דעם שרייבער מיט דונערענדע אפּלאדיסמענטען...

מען קאן ניט זאגען, אז סאפּיע איז געווען ניט בעגייסטערט פאר דעם שרייבער, נור פון טעאטער פלעגט זי אוועקגעהן פער־בריינגען... צו איהר געליעבטען טאראקאנאווען.

און דעם ארעמען דיכטער'ס הארץ איז אויסגעגאנגען פון דער אונגליקליכער ליעבע.

איינמאל איז דעם שרייבער אויף די געדאנקען ארויף אזא מין פאנטאזיע:

„ווען סאפּיע זאל, צום ביישפּיעל, זיין א שוישפּיעלערין, דאן וואלט ער פאר איהר געשריבען א פּיעסע. ער וואלט אין אזא מין ווערק אוועקגעלעגט זיין גאנצע נשמה... סאפּיע וואלט גע־שפּיעלט אין זיין דראמא, זי וועט זיין ערפאלגרייך... דאס וועט בעסער צוזאמענבינדען זייערע נשמות, די שיינע סאפּיעלע וועט אין איהם קריגען א נייעם אינטערעס און דאן וועט זי איהם געוויס ליעב בעקומען"...

סאפּיעלע איז ניט געווען קיין שוישפּיעלערין. אבער שוי־שפּיעלער ווערען ניט געבארען מיט זייערע פעהיגקייטען. און פּי־ראגאזין האט גענומען זיין געליעבטע צורעדען צו דער ביהנע.

אנפאנגס האט סאפּיע וועגען דעם נישט געוואלט הערען, נור ווען פּיראגאזין האט גענומען אין שיינע, לעבעדיגע פארבען שילדערן פאר איהר דאס לעבען אויף דער ביהנע, האט סאפּיע אין א שיינעם טאג א זאג געטאן:

„גוט, פּיראגאזין, איך וועל וועגען דעם איבעררעדען מיט טאראקאנאווען".

עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז טאראקאנאוו איז געווען איינ־

פאך ענטציקט פון דער אידעע, אז סאפיעלע זאל פרובירען איהרע פעהיגקייטען אלס שוישפיעלערין, און פיראגאזין האט גענומען ווע־בען די פעדים פון זיין נייער, גוטער, ליכטיגער האפנונג.

סאפיע זאל אנקומען אין א טעאטער און ווערען א שויז־שפיעלערין, דאס וואלט בעדארפט נעמען צו לאנג. ערשטענס, האט זיך בעדארפט געפינען א קאמפאניע, וועלכע זאל איינוויליגען אריינצונעמען סאפיען. צווייטענס, ווען עס זאל זיך שוין יע געפי־נען א קאמפאניע, וועט דאך סאפיע געווים אין איין טאג קיין „שטערן" ניט ווערען. מען וועט איהר פריער יאהרען לאנג געבען שפיעלען קליינע, אונבעדייטענדע ראלען, נאטירליך, ניט אזעל־כע ראלען, וועלכע ער, פיראגאזין, וואלט וועלען, אז זיין סאפיע זאל שפיעלען... און אפשר וועט צום אונגליק גראדע אויסקומען, אז אין זיינער א פיעסע זאל סאפיע גאר אין גאנצען ניט שפיעלען...

דער דיכטער האט גענומען זוכען אנדערע וועגען, ווי אזוי צו ערר״יכען זיין צוועק.

און עס האט זיך געפונען א וועג.

פיראגאזין האט זיך דערוואוסט פון אזא מין דראמאטישען פעראיין, וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט געבען פארשטעלונגען פאר פערשיעדענע וואהלטעטיגע אונטערנעמונגען.

פיראגאזין האט שוין געזעהען, אז סאפיע זאל ווערען א מיטגליעדער אין דיעזען דראמאטישען פעראיין.

אין א פעראיין איז אבער אויך ניט אזוי לייכט צו פועל'ן, אז א ניי אונבעקאנט מיטגליעד זאל גלייך פון אנהויב נעמען דארטען שפיעלען די ערשטע פידעל... אפילו אין א פעראיין מוז מען דורכמאכען שבעה מדורי גיהנם, ביז וואנען מען ווערט א לייט, אבער דא האט שוין פיראגאזין געברויכט זיין ווירקונג. ער האט פערשפראכען אנשרייבען פאר דער געזעלשאפט א פיעסע אהן געצאלט, בלויז מיט דעם תנאי, אז סאפיע זאל שפיעלען די הויפט־ראלע...

דער פעראיין האט איינגעוויליגט, און דער ארמער דיכטער האט ארויפגעטראטען אויף דאס ערשטע טרעפעל פון דער לייד־

טער, וועלכע האט איהם בעדארפט ברײנגען אין סאמען הימעל ארײן.

און פיראגאזין האט זיך אוועקגעזעצט שרייבען...

שרייבען א פיעסע פאר זיין ליעבער, פאר זיין טייערער, פאר זיין היילינגער סאפיעלען!

ביז יעצט האט פיראגאזין געשריבען פאר מענשען, וועלכע ער האט כמעט ווי ניט געקענט.

איהם האט בעגייסטערט דאס שרייבען זעלבסט, איהם האבען פעראינטערעסירט זיינע אייגענע אידעען... מאנכעס מאל האט איהם צוגעצויגען צו דער פעדער דער געדאנק וועגען קריגען גוט בעצאלט פאר זיין ארבייט. אויך האט אויף דעם פערפאסער געהאט א ווירקונג די מערקווירדיגע צוציהונגס־קראפט צו דער ביהנע... די קומענדע אפלאדיסמענטען... דאס אויפפיהרען פון דער פיעסע, די אויפרעגונג, דאס ארויסרופען. דער שרייבער האט אבער ווע־ניג געטראכט וועגען די שוישפיעלער, וועמען עס וועט אויסקומען צו שפיעלען זיין פיעסע. דאס זיינען געווען פאר איהם פרעמדע מענשען, וועלכע האבען איהם אלענפאלס געקאנט ווייניג בע־גייסטערן...

אבער יעצט האט ער געשריבען פאר סאפיעלען! פאר סא־פיעלען! פאר סאפיעלען!

סאפיעלע וועלכע ער האט אזוי שמערצליך געליעבט, סא־פיעלע וועלכע איז געווען זיין אידעאל, זיין הייליגטום! סאפיעלע וועלכע ער האט אזוי ליעב געהאט!

און ער האט קיינמאל, קיינמאל נישט געשריבען מיט אזוי פיעל הארץ, מיט אזוי פיעל נשמה, ווי ער האט יעצט געשריבען.

ניט קיין ווערטער זיינען געווען געשריבען אויפ'ן פאפיער... עס זיינען געווען צוואווארפען אבגעריסענע שטיקער פון דעם דיכ־טער'ס צוואועהטאגטען הארץ, און נאך יעדען שטיק אפגעריסענער נשמה האט נאכגערונען פריש, ווארעם, טריפענד בלוט...

און פיראגאזין האט פערגעסען אויף די גאנצע וועלט... סא־פיע, זיין שיינע סאפיע איז געשטאנען פאר זיינע אויגען... און די

פעדער האָט געוויינט מט ביטערע טרערען... געוויינט און געלאַכט... געצווייפּעלט און געהאָפט... דאס פלעגט זיך צושפּרייטען א שווע־רער וואלקען... ווי מיט בליי אנגעלאָדען... דאס פלעגט אויפ־שיינען די זון... און אַלץ פלעגט בעלויכטען ווערען מיט ליכ־טיגע גאָלדענע שטראַלען... און די פעדער האָט געוויינט און די פע־דער האָט געלאַכט...

פאר סאָפיען האָט פּיראַגאָזין געשריבען... דער דיכטער האָט געשריבען פאר זיין געליעבטער... און ער האָט זיין שרייבען אָב־געגעבען זיין גאַנצע נשמה... אַן איין־אַקטיגע דראַמאַ האָט פּיראַגאָ־זין אויפגעשריבען... און דער דיכטער האָט געפיהלט, אַז דאס איז דאס בעסטע, דאס גרעסטע, וואס ער האָט ווען עס איז בעשאַפען...

שטאָלץ איז געווען פּיראַגאָזין מיט זיין איין־אַקטיגער פּיע־סע, שטאָלץ און גליקליך... טייער האָט ער געהאַלטען יעדע שורה, געטרייסעלט זיך האט ער איבער יעדען ווארט, איבער יעדער זיל־בע... דאס איז דאָך געווען זיין גאַנצע האָפנונג... זיין גאַנץ לעבענס־גליק איז דאָ אין קאָן געשטאַנען... דאס איז געווען דאס שווערד, מיט וועלכען ער האָט בעדאַרפט בעקעמפּפען זיין געגנער, הערר טאראקאנאוו׳ן, און געווינען זיין סאָפיעלען... זיין טייערע סאָפיע־לען, וועלכע ער האָט געליעבט ביז וואַהנזין...

* * *

און אט איז געקומען דער שרעקליכער, דער קריטישער מאָ־מענט!

דער דראַמאַטישער פערא‍יין פיהרט אויף פּיראַגאָזין׳ס איינ־אַקטיגע דראַמאַ. דער אבענד האָט נאָך איינינע „צוציהונגען“. עס ווערען געגעבען איינינע דעקלאַמאַציאָנען. עס ווערען געזונגען „סאָ־לאָס“, „דועטען“. עס ווערט אויך נאָך דער פאַרשטעלונג געגעבען א באָל, אבער פּיראַגאָזין׳ען אינטערעסירט זעהר ווענינ דאס „רייכע פּראָגראַם“ פון דעם אבענד.. דער שרייבער ערוואַרטעט די אויפ־פיהרונג פון זיין דראַמאַ, און זיין האַרץ איז ביי איהם ווי פער־שטאַרבען.

אט קומט עס!

פיראגאזין איז הינטער די קוליסען... ער העלפט אויס, ווי ווייט ער קאן סאפיעלען... טאראקאנאוו איז אויך דא, אבער פיראַגאזין׳ען ארט עס ניט...

דער עולם פערהאלט זיך זעהר ניט רוהיג... עס איז ניט קיין טעאטער, עס איז נור א האל מיט א ביהנע; דער עולם ווייס, אז עס שפיעלען ניט קיין ווירקליכע שוישפיעלער... האט מען ווענינ דרך ארץ, מען קוקט אויף דער גאנצער חתונה ווי עפעס אויף א קינדערשפיעל און מען שרייט, און מען רעש׳ט...

פיראגאזין האט מורא געקראגען, אז די ניט־ערפאהרענע סאפיע וועט ביי זיך אראבפאלען, און די צושויער וועלען זיך פערהאלטען ניט רוהיג; דער דיכטער איז ארומגעגאנגען א צומישטער, א צוטראגענער, און האט גאר ניט געוואוסט, ווי אזוי צו העלפען דער צרה... ביז איינעם פון דעם „קאמיטע" איז איינגעפאלען א גוטער געדאנק: דער שרייבער זאל ארויסגעהן פאר דעם פארהאנג און בעטען דעם עולם צו פערהאלטען זיך רוהיג.

פיראגאזין איז געווען בטבע זעהר א שעמעדיגער... און ער האט קיינמאל אין זיין לעבען אויסגערעדט איין ווארט פאר איין עולם... אבער צוליעב סאפיען האט ער איינגעשטימט צו ריידען.

דער פארזיצענדער פון דעם אבענד איז ערשיענען פאר׳ן פארהאנג, האט געזאגט עטליכע ווערטער און פארגעשטעלט פיראַגאזין׳ען...

א דונער פון אפלאדיסמענטען האט בעגעגענט דעם אויפגערעגטען דיכטער. און פיראגאזין האט אין א קורצער אנשפראכע געבעטען דעם עולם צו פערהאלטען זיך רוהיג ביי דער פארשטעלונג...

„מיינע הערדען און דאמען", האט דער פערפאסער געזאגט מיט א ציטערענדער שטימע, „איהר זאלט ניט קוקען אויף דעם, וואס מיין איין־אקטיגע פיעסע ווערט אויפגעפיהרט ניט פון פראפעסיאנעלע שוישפיעלער, נור פון ליעבהאבער; עס איז א דראמא א שטארקע און א גוטע. איך וועל זיך אליין ניט לויבען... איך גלויב אבער, אז פיעלע פון אייך האבען וואהרשיינליך געהאט די געלעגענ־

הייט צו זעהן מיינע פיעסען, ווייל איך נור זאגען, אז אין מיינע אויגען איז דיעזע איינאקטיגע דראמא דאס בעסטע, וואס איך האָב ווען עס איז בעשאפען! (אפלאדיסמענטען). איך בעט אייך איהר זאלט צאהלען אייער אויפמערקזאמקייט... צווישען די שוישפיעלער, וועלכע נעהמען איינטייל אין דיעזער דראמא, זיינען דא איינינע, וועלכע זיינען נאך ניט ערפאהרען ווי אנצוגעהן מיט א ביהנע. און ווען איהר וועט זיך פערהאלטען אונרוהיג, וועט עס האָבען אויף די יונגע טאלענטע א שלעכטע ווירקונג, זיי קאָנען זיך פערלירען... איך בעט אייך, פערהאלט זיך רוהיג...“

אין דעם פערפאסער׳ס עטליכע איינפאכע ווערטער איז גע־לעגען א גאנצער ים מיט געבעט, און דער עולם איז געבליבען זי־צען שטיל, מיט א פערשטיקטען אטעם...

אט לעשט מען אויס די פייער אין האָל, אט העבט זיך אויף דער פארהאנג... עס פאנגט זיך אן צו שפיעלען פיראגאזין׳ס איין־אקטיגע דראמא...

עס איז געווען ניט צום ערשטען מאָל, וואס עס האָט זיך אויפגעפיהרט פיראגאזין׳ס א דראמא; ער שרייבט שוין פאר דער ביהנע ביי א צעהן יאהר. אין גרויסע טעאטערס האבען זיך אויפגעפיהרט זיינע פיעסען, גרויסע בעריהמטע שוישפיעלער האָ־בען אין זיי אנטייל גענומען... פארשטעהער פון דער פרעסע זיינען אנוועזענד געווען... נאר קיינמאָל איז פיראגאזין׳ס הארץ געווען אזוי פערציטערט, אזוי פערשטארבען, ווי דיעזען אבענד...

אט טרעטען אויף די העלדען... די דראמא פערוויקעלט זיך שנעל... די פערזאנען רעדען... און יעדער דערמאנט סאפיען אדער ווי זי האָט געהייסען אין דער פיעסע: פאניע... אלע אויף דער ביהנע רעדען וועגען פאניען... אלע דערמאנען זי... אלע ערווארטען איהר קומען...

און אויך דאס פובליקום אין טעאטער ווערט פערא־ינטערע־סירט מיט פאניען... מען וויל זי זעהן... מען חלש׳ט, זי זאל אויפ־טרעטען... און אין דער דראמא איז אזוי צוגעפיהרט, אז דער צו־שויער לעגט שוין בעצייטענס מיטלייד אויף פאניען... מען הערט

איהר געדעכטע, איהר טרויעריגע, איהר הערצרייסענדע געשיכטע... מען ליעבט זי שוין, איידער מען האט זי נאך געזעהען... מען ליעבט זי... אזוי ווי דער שרייבער וואלט אבגעגעבען דעם עולם אין טעאטער א טייל פון זיין אייגענער ברענענדער ליעבע...

צווישען די צושויער דערהערען זיך פערשטיקטע טרערען... מען זיצט ווי די פערשטיינערטע מיט איינגעהאלטענע אטעמס... מען ערווארטעט פאניען...

און דעם שרייבער'ס הארץ ווערט ברייטער, פרייער... עס וואקסט פון א גוטען, פון אן אנגענעהמען געפיהל... נור אט פאלט פיראגאזין'ס בליק אויף א שטול נעבען דער ביהנע... דארט זיצט ער... טאראקאנאוו...

און טאראקאנאוו איז דער איינציגער אין טעאטער, וועלכער איז ניט פעראינטערעסירט... אויף זיין געזיכט איז צוגאסען א נארישער, גאר נישט אויסדריקענדער שמייכעל... און פיראגאזינען ווערט אויף א ווייל אזוי פערדראסיג, אזוי אומעטיג אויפ'ן הארצען...

„פאניע קומט!“

„פאניע געהט!“

„פאניע, פאניע!“

„ארמע, טייערע פאניע!“ ווערט א גערודער אויף דער ביהנע... אין טעאטער ווערט אזוי שטיל, אז מען קאן פיהלען, ווי איינעמס הארץ קלאפט...

און אט איז זי געקומען...

פאניע איז געקומען...

אין טעאטער זיינען ביי אלעמען די אויגען פערלאפען געווארען מיט טרערען...

און פיראגאזין זיצט... א פערשטיינערטער... א בעצויבערטער... ער זעהט ניט פאניען... ער זעהט זיין סאפיען... ווי שיין זי איז!... א מלאך!... א גאט!... סאפיע איז יעצט טויזענד מאל שענער... רייצענדער.. דער לייכטער גרים האט פערבארגען די פאר קנייטשען פון איהר געזיכט, און זי קוקט אוים ווי א היילעגע, ווי א שיין,

אונשולדיג קינד... זי איז אביסעל בלאס געווארען, וואהרשיינליך פון שרעק און אויפרעגונג... די האר זיינען אזוי ווי אומגערן צו־ווארפען איבער איהרע געשניצטע שולטערן...

אין טעאטער האט אויסגעבראכען א דונער פון אפלאדיס־מענטען... און צוזאמען מיט דעם עולם האט אפלאדירט דער גליק־ליכער פערפאסער... און זיינע ליפען האבען געשעפטשעט:

„סאפיעלע, סאפיעלע, טייערע סאפיעלע מיינע!"

די אפלאדיסמענטען זיינען שטיל געווארען. פאניע שטעהט ווי א שיינער מלאך און... און רעדט אווארט ניט... מען הערט ווי דער סופליאר רייסט זיך די קישקעס, קלאפט מיט די הענד, קנאקט מיט די פינגער, און פאניע טוט ניט א מאך מיט די ליפען...

פיראגאזין האט דערפיהלט, אזוי ווי מוראשקעס זיינען איהם אריבער איבערן גאנצען לייב... ער האט דערפיהלט ווי אויפ'ן קאפ שטעלען זיך איהם די האר אוועק...און פאניע שטעהט און שווייגט...

פיראגאזין האט גענומען ווארפען מיט די הענד, וועלענדיג אויפמערקזאם מאכען פאניען... נאר סאפיע בעמערקט איהם ניט און שווייגט... אין טעאטער האט זיך דערהערט א מורמעל... א וויי־לע זיינען די איבריגע שוישפיעלער אויף דער ביהנע געשטאנען פערלארענע, נאר באלד זיינען אייניגע געקומען צו זיך און גענומען אויסהעלפען דער פערלארענער פאניען...

פאניע'ס פאטער איז צוגעלאפען צו זיין טאכטער, האט זי צערטליך ארומגענומען און גענומען ריידען גאר אין גאנצען אייגע־נע ווערטער:

„פאניעלע, ווארום ביסטו אזוי דערשראקען? וואס האט פא־סירט? רעד... אום גאטעס ווילען, רעד!..."

פאניע איז אביסעל צו זיך געקומען... איהרע ליפען האבען זיך גענומען בעוועגען, עפעס האט זי יא גערעדט, נאר מען האט גארנישט געקאנט הערען...

דער עולם אין טעאטער איז געווארען אונגעדולדיג, מען האט גענומען רעדען, בעוועגען זיך, רעש'ן...

די שוישפיעלער האבען שוין ווי עס איז פערקירצט פירא־

גאזין'ס איין־אקטיגע פּיעסע, עס האט זיך פערלארען דער גאנצער לעב פון דער דראמא, און ווען דער פארהאנג איז געפאלען, האָט נור איין מענש אין טעאטער אפּלאדירט — דאס איז געוועזן סאפיעס געליעבטער — הערר טאראקאנאוו... נור קיינער האָט איהם ניט געהערט. דער עולם אין האָל האָט צופיעל גע'רעש'ט.

גלייך נאך דער פארשטעלונג איז פּיראגאזין אנטלאפען אהינטער די קוליסען.

ווי פערביטערט עס איז ניט געוועזן דעם פערפאסער'ס הארץ, האָט ער די שולד אויף סאפיע'ן ניט ארויפגעווארפען. פערקעהרט, פּיראגאזין האט געטרייסט סאפיען, ערקלערענדיג זיין געליעבטער, אז די גרעסטע שוישפּיעלער זיינען צום ערשטען מאָל דורכגעפאלען.

סאפיע איז אבער אין דיעזען אבענד אוועק צו איהר געליעבטען טאראקאנאוו'ן און פּיראגאזינען האָט זי פערגעסען אפילו צו זאגען: א גוטע נאכט!

# א ראמאן אין צוויי בריעף.

מען האט מיר געגעבען צום לעזען צוויי זעהר אינטערע־סאנטע בריעף; א בריעף און אן ענטפער אויף דעם בריעף.

דעם בריעף האט געשריעבען א פערהייראטע פרוי, וועלכע איז פערליעבט אין א פרעמדען פערהייראטען מאן, און דעם ענט־פער האט געשריעבען דער מאן.

די פרוי איז א מוטער פון צוויי קינדער, און דער מאן איז א פאטער פון דריי קינדער.

איך האב געבעטען, מען זאל מיר ערלויבען דיעזע צוויי בריעף צו לאזען דרוקען.

געטאן האב איך דאס, ווייל איך האב געזעהן אין דיעזע צוויי בריעף א גאנצען ברויזענדען ים פון אונגליק, און איך וויים, אז אין אזא מין ים פון פערשטיקטע טרערען און צרות טרינקען זיך פיעלע, פיעלע אנדערע; א סך אזעלכע בריעף ווערען גע־שריעבען, נור מען שיקט זיי אין פערמאכטע קאנווערטען, זיי קומען אן צו די אדרעסאטען און ווערען אין מעהרסטע פעלע צו־ריסען, אזוי ווי עס ווערען צוריסען די הערצער, וועלכע דיקטירען אזעלכע בריעף.

איך האב געקראגען די געוויגשטע ערלויבנים, און אט זיי־נען די בריעף:

„טייערער בעראזען!

וואס איז דער מעהר מיט אייך? ווארום קומט איהר ניט צו אונז? מיינע קינדערלעך דערמאנען אייך און מיין מיימעלע פרעגט אלץ:

„ווארום קומט ניט אנקעל בעראזען?“

איהר ווייסט, מיינע קינדערלעך ליעבען און בייגקען נאך איך, נור מעהר, פיעל מעהר פון די קינדער ליעבט און בייגקט די מאמע זעלבסט. איך גלויב, איהר ווייסט אליין, ווי איך בייגק נאך אייך... געהט אוועק, איהר זייט א שלעכטער, איך בין אויף אייך ברוגז!

עס איז שוין פיער וואכען, זינד איהר זייט ביי אונז ניט געווען; מיט אייך האט עס קיינמאל פריער ניט פאסירט, קיינמאל ניט, זינד מיר קענען זיך.

איך בין שוין פאר דער צייט געווען אויף פיעלע פלעצער, וואו איך האב אייך ערוואַרטעט צו בעגעגענען, נור איך האב אייך ערגעץ־ניט געטראָפען... עטליכע מאל האב איך געוואָלט געהן צו אייך אהיים, נור איך בלייב ביי מיין ווילען; טון קאן איך דאס ניט, מיר דאכט זיך — ווען איך וועל אריבערטרעטען די שוועל פון אייער הויז, וועט מיר אפנעהמען דער לשון. מיר דאכט זיך, ווען איך וועל דערזעהען אייער פרוי, אייערע קינדער, וועל איך נעהמען וויינען.

אבער איהר? ווארום קומט איהר ניט?

פיער וואכען... אוי, זייט איהר א שלעכטער! זאגט דעם אמת, זייט איהר צופריעדען, וואס איך לייד אזוי? מאנכעס מאל דאכט זיך מיר, אז איהר זייט יע צופריעדען.

פיער וואכען!

עס איז מיר ארויף א געדאנק:

אפשר איז אימיצער ביי אייך קראנק, — אייער פרוי, אייערע קינדער? אדער אפשר זייט איהר אליין נישט געזונד? מיך האט דער געדאנק געשראקען און צו דער זעלבער צייט בערוהיגט. איך האב זיך געשראַקען, ווייל איך ווינש אייך און אייער פאמיליע נור גליק... נור גליק... און בערוהיגט האט מיך דער געדאנק, ווייל איך האב געהאט א תירוץ פאר מיין אייגענעם צובראכענעם הארץ. נור מיט צוויי טעג צוריק האב איך פון אייך א גערוס געהאט: אייערער א היימישער מענש האט מיר איבערגעגעבען, אז איהר זייט אלע געזונד, אז איהר האט זיך געקויפט א נייעם סוט... פער־

ניצט געזונדערהייט! אבער ווארום האט איהר אזוי פערגעסען אן דארע'ן? עס איז דען דא אויף דער גאנצער וועלט איין מענש, וועלכער וויים און פערשטעהט אזוי ווי איהר, ווי דארע'ס הארץ איז צוריסען און צו־וועהטאגט? איך האב דאך פאר קיינעם, פאר קיינעם אין דער וועלט ניט גערעדט אזוי אפען ווי פאר אייך. קיי־נער זעהט ניט דארע'ס וואונדען, גלויבט מיר, קיינער ניט. א סך זעהען, ווי דארע לאכט, ווי דארע מאכט זיך פרעהליך, מאכט זיך משוגע. וויינען וויינט דארע שטילערהייט, ביי־נאכט, ווען די קינ־דער געהען שלאפען און ווען דער מאן איז ניטא צו הויז... נור איהר אליין האט א פאר מאל געזעהן מיינע טרערען... ווארום קומט איהר ניט? אוי, ווי איך בין אויף אייך בייז! ווען איך זעה אייך יעצט, וואלט איך גוט, גוט אנגעריסען די שווארצע, שווארצע קודרעס פון אייער קאפ... און אפשר וואלט איך זיי גאר געקוסט... אוי, בערוזען, בערוזען, מיר ווילט זיך וויינען!

איך בין נעכטען געוועזן אין פארק. איך האב בעזוכט דעם פלאץ, וואו מיר פלעגען זיך אזוי אפט טרעפען.

דארטען איז עפעס יעצט אזוי אומעטיג, אזוי עלענד. דאס גראז איז נישט מעהר גרין; געלע, פערפוילטע בלעטער האבען פערדעקט דאס גראז. די ביימער שטעהען נאקעטע, וויעגען זיך פון ווינט און מורמלען עפעס אזוי טרויעריג. און אלעם ארום האט אויסגעקוקט אזוי פערגעסען, אזוי פערלאזען...

א קאלטער, שווערער אומעט האט צוגויפגעדריקט מיין הארץ, און דאך האב איך זיך פון דעם ארט ניט געקאנט אב־טרייסלען.

איך האב זיך געזעצט אויף א ביינקעל, און איך האב זיך אריינגעלאזען אין פערשיעדענע עראינערונגען.

איך האב געטראכט וועגען אייך, וועגען די זומערדיגע שיינע נעכט, וועלכע מיר פלעגען פערברייגגען דא אין פארק, אויף דיעזען זעלבען פלאץ. איך האב געטראכט וועגען דעם, וואס מיר פלעגען רעדען און ווי מיר פלעגען רעדען. איך האב געטראכט וועגען דאס לעצטע מאל, ווען מיר האבען זיך געזעהן—איהר געדיינקט דאך?

וואס איז דאס מיט אייך געווען, בעראזען ? ווארום זייט איהר געווען אזוי צוטראגען ? ווארום זייט איהר געווען אזא אומעטי־גער ? און איהר האט אזוי ווענינ גערעדט... ווענען וואס האט איהר געטראכט די גאנצע צייט ? אפשר האט דאס עפעס צו טון מיט דעם, וואס איהר קומט ניט מעהר צו מיר ? וואס איז מיט אייך געווען? ווען איהר זייט אוועקגעגאנגען, זייט איהר געווען אזוי דערשלאגען, אזוי אומעטיג.. און ווארום האט איהר אזוי לאנג געקוקט אין מיינע אויגען אריין ? וואס האט איהר געוואלט אויסגעפינען ? ווארום האט איהר זיך אזוי געאיילט אוועקגעהן ? איך האב די נאכט ניט געקאנט שלאפען. איך האב געטראכט וועגען אייך, און מיין הארץ האט מיר זעהר, זעהר וועה געטאן.

זאגט מיר — זייט איהר גליקליך ?

עפעס דאכט מיר אימער, אז א משא דריקט אויף אייער הארצען. ווארום רעדט איהר וועגען זיך אזוי ווענינ ?

און אפשר בין איך אין דעם אליין שולדיג. ווען איך דער־זעה אייך, רעד איך אזוי פיעל וועגען זיך זעלבסט, אז איך גיב אייך קיין צייט ניט, צו זאגען עפעס וועגען זיך. אבער אז מיר זעהען זיך אזוי זעלטען, אזוי זעלטען, און איך האב אזוי פיעל וואס צו רעדען, און איך האב ניט פאר וועמען. איך האב א מאסע בע־קאנטע, נור ניט קיין איין פריינד. מיינע פרויען־בעקאנטע האבען מיך ניט ליעב ; איך פיהל דאס, כאטש איך וויים ניט ווארום. און די מענער, וועלכע איך קען, זיינען מיר אויך קיין פריינד ניט. זיי ערקלערען זיך מיר אין ליעבע, זיי לויבען מיין שיינהייט. נור פון דעם, וואס איך לעז אין זייערע אויגען, געהט מיר אריבער א שוידער איבער מיין לייב. זיי זיינען אלע נור אויסען פון מיר דאס זעלבע, וואס מיין מאן איז אויסען... זייערע געזיכטער קריע־גען דעם זעלבען אויסדרוק, ווי מיין מאן׳ס געזיכט יעדע נאכט.. און עס עקעלט מיר פון זיי אלעמען, פונקט ווי עס עקעלט מיר פון מיין מאן. איך פיהל, אז זיי קוקען אויף מיר, ווי אויף א פער־בלאנדזשעטע פרוי, מיט וועלכער מען קען פערברייננען א „גוטע צייט" אויף דעם חשבון פון דעם מאן.

פאריגע וואך האב איך זיך בעקאנט מיט ב. ס. איהם דארפט איהם קענען, זעהר א קלוגער מענש. איך האב געזוכט זיין בעקאנטשאפט, ווייל ער שרייבט וועגען פאמיליען-לעבען; איך לעז אימער זיין שרייבען אזוי נייגעריג, און מיר דאכט זיך, אז ער פערשטעהט גוט אזא הארץ ווי מיינס איז, און ווען איך האב מיט דעם מענשען אויסגערעדט עטליכע ווערטער, ווייסט איהר, וואס ער האט געפונען פאר נויטיג צו פרעגען ביי מיר? וואו איך וואוין? ווען איך בין צו הויז אליין? און אויב מיין מאן קומט אלע נאכט נעכטיגען אהיים?...

איך בין געבליבען זיצען ווי אן אבגעגאסענע מיט קאלטען וואסער.

איהר זייט ניט אזא, בעראזען. איהר זייט אן אויסנאהמע. איהר רעדט אזוי גוט, אזוי ערנסט. אייערע ווערטער ווירקען אויף מיין הארצען, ווי קאלטע טראפען רעגען אויף דער צוהיצטער, צוטריקענטער ערד. נאך דעם ווי איהר רעדט צו מיר, ווערט מיין הארץ בעפרייט פון א שווערער משא. איך פיהל זיך פרייער, מונ־טערער, בעסער. און ווען איהר וואלט מיר זאגען: איהר ליעבט מיך, וואלט איך אייך געגלויבט. און איך וואלט וויסען, אז איהר רעדט ערנסט און הייליג; אז איהר זייט אויסען נישט דאס, וואס יענע אלע זיינען אויסען...

אבער ווארום קומט איהר ניט? איך ווער באלד משוגע ביינקענדינג נאך אייך. איך בעט אייך, איך בעט אייך, קומט! איך האט מיט אייך אזוי פיעל, אזוי פיעל צו רעדען.

איהר ווייסט — איך וויל דאך אוועקגעהן פון מיין מאן. איך קאן איהם לייגער ניט פערטראגען. ניט שוין זשע בין איך פעראורטיילט צו ליידען מיין גאנץ לעבען, איבער מיין שרעקליכען טעות... איך האב צעהן יאהר געליטען, איך קאן מעהר ניט... אוי, ווי איך האב איהם ניט ליעב! עס איז מיר שווער צו זיצען מיט איהם ביי איין טיש. עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען, ווען ער ריהרט זיך צו מיר צו... איהר ווייסט, די לעצטע צייטען זאג איך איהם, אז איך האב איהם פיינד. נור איהם ארט עס ניט,

אבי ער זאל נור קריגען, וואס איהם קומט... איך ווער משוגע... אבער מיינע קינדערלעך... מיינע ארעמע קינדערלעך! ווען איך טראכט וועגען זיי, העבט זיך מיר מיין מוח...

איך בעט אייך, קומט. איך וויל אייך זעהען, איך מוז אייך זעהען... איך קאן אהן אייך ניט לעבען.

איהר וועט דאך קומען? יע? ביי אייך וועט ניט כאפען קיין הארץ, לאזען אליין די אונגלקליכע דארע... קומט, לאזט ניט אויסגעהן מיין הארץ!

אייער דארע".

## און אט איז דער ענטפער.

„טייערע, גוטע דארע!

איך האב אייער בריעף בעקומען.

איך וועל אייך דערצעהלען, וואס עס איז געוועזן ביז'ן בריעף און וואס עס האט פאסירט נאך דעם, ווי איך האב אייער בריעף בעקומען.

דארוניו, הערט מיך אויס. איהר פרעגט מיך אין אייער בריעף, אויב איך בין גליקליך. ניין, דארע, איך בין נישט גליקליך! איהר פרעגט מיך, ווארום איך בין געוועזן אזוי אומעטיג, אזוי צו־טראגען דאס לעצטע מאל, ווען מיר האבען זיך געזעהן? ווייל אין הארצען האב איך געטראכט, אז דאס זעהען מיר זיך א לעצט מאל.

איך האב אייך לאנג אריינגעקוקט אין אייערע אויגען, ווייל איך האב געוואלט, אז די שיינע קארע אויגען זאלען פערבלייבען אין מיין גדעכנים אייביג, אייביג!

דארע, יעצט ענטפער איך אייך אויף אייער בריעף. נור ווען איך וואלט אייער בריעף ניט בעקומען, וואלט איך אייך סיי ווי סיי געשריעבען. איך וואלט אייך געשריעבען, אז פאר אונז ביידען איז בעסער, מיר זאלען זיך שיידען וואס גיכער.

דארע, איך בין אייך נישט מעהר קיין איינפאכער פריינד. איך ליעב אייך! מיין ליעבע איז געקומען צו שפעט. אויף אכט

יאהר פערשפעטיגט זיך, ווייל עס איז אכט יאהר, זינד מיין ערסט קינד איז געבארען געווארען.

עס איז א ליעבע, וועלכע קאן ברייגגען זעהר פיעל אונגליק. און איך וועל זי פרובירען דערשטיקען, אזוי ווי עס פאסירט אפט אין אונזער פינסטערען לעבען, אז א מוטער דערשטיקט מיט איהרע אייגענע הענד איהר ניי־געבארען קינד, ווייל דאס איז ניט קיין געזעצליך קינד...

אפשר וועט דער גייסט פון דעם ערמארדעטען אונגעזעצליכען קינד מיך נאכיאגען מיין גאנץ לעבען ? ארט מיך ניט ! מיך ארט נישט פאר זיך... איך בעגעה דאס פערברעכען נישט פון מיינט וועגען...

**דארע,** דו שרייבסט מיר — דו בייגקסט נאך מיר. איך בייגק ניט, איך ווער משוגע אהן דיר... איך וואלט וועלען פערבלייבען נעבען דיר מיין גאנץ לעבען. איך וואלט וועלען אימער, אימער אריינקוקען אין דיינע טיעפע שיינע אויגען. איך וואלט וועלען אימער רעדען מיט דיר. איך האב ליעב דיין שיין געזיכט, איך האב אבער אויך ליעב דיין איינפאכע, דיין גוטע, דיין קינדערשע נשמה... און איך זאג דיר דאס דערפאר, ווייל איך וויל, דו זאלסט וויסען, ווארום איך שייד זיך מיט דיר.

אונזער לעבען איז אזוי איינגעריכטעט, אז מיר קאנען ניט זיין קיין פרייע מענשען. מיר קאנען ניט האנדלען, אזוי ווי עס הייסט אונז אונזער הארץ, אונזער נשמה — אונמעגליך !

איך בין א פאטער פון דריי קינדער. ווען מען לעבט שטיל און רוהיג מיט טיעפע וואונדען אין הארצען, אזוי ווי גאט און לייט האבען געבאטען, פיהרט מען ווי עס איז צוזאמען א ברעג מיט א ברעג און מען מאכט א לעבען, און די קינדער האבען א ווארם צימער, א בעטעל צום שלאפען, געהען נישט נאקעט, און ליידען קיין הונגער.

וועל איך זיך אבער א קעהר טון אן א זייט — וואס וועט ווערען מיט די קינדער ?

איך קאן נישט בויען מיין גליק אויף דעם אונגליק פון מיי־

נע קינדער — איך קאן ניט !... איך וועל ליעבערס לאזען מיין הארץ צוברענט ווערען אויף קוילען... איך וועל בעסער אריבער־טראגען די יסורים פון גיהנם... אוי, דארע, ווארום האבען מיר זיך בעגעגענט ?

און וועגען דיר ? דו בעטעסט מיך איך זאל דיר געבען אן עצה, וואס צו טון, איך זאל מיט דיר רעדען... ווי אזוי קאן דאס זיין ? ווי אזוי קאן איך דיר ראטען, ווען איך האב דיך אזוי ליעב ? ווי אזוי קאן איך דיר געבען אן אמת'ע עצה, ווען איך וואלט וועלען דו זאלסט זיין מיינע, ווען איך וואלט וועלען דיך ארויסרייסען פון דיין מאן'ס הענד ?... אוי, דארע, מיר ווילט זיך וויינען... וויינען מיט די זעלבע טרערען, וואס דו וויינסט.

ווען איך האב דיין בריעף בעקומען, ווען איך האב איהם געלעזען, האב איך פערגעסען אן דער גאנצער וועלט. איך האב וועגען גאר נישט געוואלט טראכטען, נור וועגען דיר... איך מוז צו דיר געהן... איך מוז דיך זעהען, מיין הארץ איז מיר פערשטאר־בען געווארען. איך האב נישט געהערט, וואס מען רעדט צו מיר, איך האב גאר נישט פערשטאנען, גאר נישט געפיהלט... מיינע קינדער האבען מיך געקוסט... גערעדט צו מיר... געלאכט צו מיר... איך האב זיי ניט געהערט... איך האב פון גאר נישט געוואלט וויסען... מיין דארען מוז איך זעהען ! איך בין צו דיר געפאהרען, און הער וואס איך האב אין קאר געזעהען:

נעבען מיר איז געזעסען א יונגע פרוי אנגעטאן אין שוואר־צען טרויער. נעבען איהר איז געזעסען א מיידעלע פון א יאהר פינף, זעקס. די מיידעלע האט אויך געטראגען טרויער. איך האב פערשטאנען, אז דאס איז א מוטער און א קינד, אן אלמנה און א קליינע יתומה'לע.

ווען די ארעמע מיידעלע איז געזעסען אזוי שטיל, אזוי אומעטיג, אזוי דערשלאגען, איז מיר ארויף א געדאנק, אז די יתומה'לע טראכט וועגען איהר פאפא, און איהר קינדערש הער־צעלע געהט אויס פון בייננקען.

אין דער זעלבער קאר זיינען אריינגעקומען א מאן, א

פרוי און צוויי קליינע קינדערלעך. אלע האָבען זיך אוועקגעזעצט פונקט אנטקעגען דער אַלמנה מיט דער שטילער פערטראכטער יתומה׳לע...

די צוויי קינדער האבען גענומען שפּיעלען און לאכען, און די פרוי און דער מאן האבען מיטגעלאכט...

„כאכא! כאכא!“ האבען די קינדער פרעהליך געקלונגען מיט זייערע זארגלאזע, זילבערנע קול׳כעלעך. און די יונגע שטי־פערלעך האבען זיך געדראפּעט דעם פּאפּא אויפ׳ן האלז... און דער פּאפּא האט זיי געגלעט און געקוסט...

איך האב א קוק געטאן אויף דער אַלמנה׳ס יתומה׳לע. ביי דער מיידעלע זיינען געוועזן די אויגען פערלאפען מיט טרערען... זי האט זיך אנגעבויגען צו דער מוטער און פערבארגען איהר גע־זיכט — דאס קינד האט געוויינט!

מיין הארץ האט דורכגעשניטען א שארפער וועהטאג!

„נור דער טויט קאָן זיין אזוי פיעל גרויזאם צוצונעהמען פון קליינע קינדער זייער פאטער אדער מוטער“, האָב איך ביי זיך א טראכט געטאן. אויף דער נעקסטער סטאנציע בין איך ארוים פון קאר און אוועקגעפאהרען אהיים...

א גאנצע נאכט האב איך געוויינט.

איך האב געוויינט, ווייל איך בין דאס געקומען פון דער לויה פון מיין ליעבע. איך האב געוויינט, ווייל איך האב דערשטיקט דאס אונגליקליכע, אונגעזעצליכע קינד...

איך בעט דיך, דארע, פערגעס מיך. פערגעס מיך, טייערע מיינע...

דיין בעראזען“.

# אין א מינוט פון טויטליכער געפאהר.

ער לעבט צוזאמען מיט זיין פרוי א שטילען, רוהיגען פא־מיליען־לעבען, אבער ער ליעבט ניט זיין פרוי; ער ליעבט אן אנ־דערע און די אנדערע ליעבט ער שמערצליך: ער איז וואהנזיניג פון ליעבע צו דער צווייטער.

ער איז אלט א יאהר דרייסיג, ניט קיין אויסגעשפראכענער פארשוין, אבער א געוויקסיגער „סטראינער" מאן, געזונד, קרעפ־טיג און פול מיט לעבען.

זי, זיין פרוי, איז גאר ניט קיין שיינע. זי איז הויך און זעהר דאר. דאס פנים איז שווארץ־געל, צוקנויטשט, פאר דער צייט פערעלטערט, די אויגען פערמאגען ניט קיין סימן פון לעבען... זי איז שוואך, קראנק און עראינערט מיט זיך דעם קאלטען קבר.

און די „אנדערע", די געליעבטע, זי איז א מיידעל פון א יאהר צוואנציג, ניט קיין געוויקסיגע, אבער פלינק און לעבעדיג ווי א זומער־פויגעל, שיין, בליהענד, דופטענד ווי א פרישע מא־יאווע בלום.

ליעבט זי דעם, וועלכער ליעבט זי?

יע, מיט דער זעלבער שטארקער ברענענדער ליעבע!

דאך בלייבען אונזערע געליעבטע „געשיידט", און ער לעבט מיט זיין פרוי.

די פרוי זיינע צווינגט איהם ניט צו דעם. אמת, זי האט איהר מאן ליעב מיט איהר גאנצען קראנקען הארץ, אבער וואלט ער איהר געזאגט נאר איין ווארט, וואלט זי איהם געלאזען פריי.

דאך זאגט ער גאר ניט. האלט זיין ליעבע אין דער טיעפסטער געהיימניס, ליידט, שווייגט און פערבלייבט צוזאמען מיט זיין פרוי.

ווארום האנדעלט ער אזוי ?

ווארום מארטערט ער זיך אין דער צייט, ווען ער קאן לעבען? ווארום מאכט ער זיך אליין אונגליקליך, ווען קיינער שטערט איהם ניט צו זיין גליקליך ? ווארום ליידט ער, ווען ער קאן געניסען דעם פולען טעם פון לעבען ? ווארום בעפרייט ער זיך ניט, ווען ער קאן צורייסען זיינע קייטען מיט איין שוואכען ריהר ?

עס זיינען דא פיעלע, פיעלע אורזאכען.

ווייל א מאל האט ער זי אויך געליעבט ; ווייל א מאל איז זי געווען, ווען ניט שיין, דאך פול מיט קרעפטען, פול מיט חן, פול מיט לעבען ; ווייל א מאל האט זי פון זיינטוועגען אוועקגעווארפען א היימאט און ליעבענדע עלטערן ; ווייל א מאל זיינען געווען א סך יונגע מענער, וועלכע האבען זי פערלאנגט צו האבען, און זי האט זיי פון זיך פערשטויסען צוליעב זיינטוועגען.

ער וויים דאס און געדיינקט דאס אלעס.

אין זייער לעבען האט אן אונגליק פאסירט :

זיי האבען געהאט איין קינד און דאס קינד איז געשטאר־בען. דער טויט פון זייער ליעבלינג איז געווען פאר זיי ביידען א שרעקליכער קלאפ, אבער דער פאטער האט דיעזען קלאפ ארי־בערגעטראגען, פערגעסען, — און א לוסט צום לעבען האט אין איהם גענומען שלאגען שטארקער, מעכטיגער, ווי אימער, עפעס אזוי ווי ער וואלט געוואלט אניאגען א פערלארען גליק. די מו־טער האט אבער גענומען זינקען.

אין טיעפען הארצען האט ביי איהר גענומען שמארצען א וואונד, און די וואונד האט זי געשלעפט נור צום קבר...

זי איז פלוצלונג געווארען אלט, שוואך, שטיל, טרויעריג, לעבענסלאז, און איז כסדר אויסגעגאנגען ווי א ברענענדי ליכט. און זי איז געווארען פאר איהם לאנגווייליג, שווער... ער האט אן אנדערע ליעב בעקומען.

אבער דער מאן וויים די טרויעריגע געשיכטע פון זיין פרוי, ער וויים ווי אונגליקליך זי איז. ער וויים, אז אלעס, וואס זי פער־מאגט נאך אין דער גאנצער וועלט, איז ער, און נור ער אליין...

ער ווייס, אז זי קאן אהן איהם א מינוט ניט לעבען — ווי קאן ער זי פערלאזען ? !

עס געבען מאמענטען, ווען עס ברענט זיך אין איהם פאנאנדער די לוסט צום לעבען און ליעבען... ער וויל מעהר ניט וויסען פון קיין שטערונג, ער ווערט ווילד, ער וויל צו איהר אויסשרייען : „לאז מיך, איך וויל לעבען, איך וויל פריי זיין !“ אבער אה, איהר פנים ! די עראינערונגען... אך, די עראינערונגען... זיי שטילען איין זיין כעס... ער בלייבט שטיל, מאכטלאז...

אבער ליעבען ליעבט ער זי דאך ניט. עס איז איהם שרעקליך שווער צו פערבלייבען מיט איהר א וויילע צוזאמען... ער פיהלט דעם גיהנם, ער מארטערט זיך, ער קומט אב !

און ווי היים, ווי ברענענד ער האט ליעב יענע... יענע, די צווייטע, זיין זים יונג קליין פויגעלע. וואהנזיניג איז ער פון ליידענשאפט, פון ליעבע... ווי גליקליך ער וואלט געווען, ווען ער וואלט געקאנט מיט איהר אויף אייביג, אויף אייביג פערבלייבען צוזאמען, ווען קיינער אין דער וועלט זאל זיי אין דעם-ניט שטערען... אבער קאן ער דאס זאגען זיין פרוי ?

ווער האט עס מוט צו דער'הרג'ענען א שטערבענדע ? !

און ער פערבלייבט מאן צו זיין פרוי, אבער ניט איין מאל קומט איהם ארויף אויפ'ן געדאנק א פאנטאזיע. די פאנטאזיע איז א שרעקליכע, אבער איהם איז זי זעהר זיס... ער זעהט זיין פרוי ליגענדיג אין קאלטען, פינסטערן קבר, און זיך זעלבסט אין די ארעמס פון זיין געליעבטער, פריי, פריי, גליקליך, אונגעשטערט.

* * *

עס איז געווען א שיינער, אבער הייסער זומערדיגער זונטאג, א פריהמארגען, ווען א קליינע פארטיע פון דריי פערזאנען איז ארויסגעפאהרען אין „נארטה ביטש“ צו בעהאלטען זיך פון דער ברענענדער היץ אין שטאדט, און צו זוכען פערגעניגען ביים ברעג פון ים.

די דריי פערזאנען זיינען געווען אונזער העלד, זיין קראנקע פרוי און זיין געליעבטע.

געקומען צום „ביטש“, האט דער מאן געדונגען א קליין שיפעל און צוזאמען מיט די צוויי פרויען אוועקגעלאזט זיך מאכען א שפאציר איבערן וואסער.

אויף איין זייט פון דעם שיפעל האט זיך געזעצט דער מאן און גענומען ארבייטען מיט די רודערס, אויף דער צווייטער זייט מיט די פנים׳ער צו איהם זיינען געזעסעןביידע פרויען.

ווי הערליך, ווי שיין ארום און ארום איז די נאטור!

דער הימעל איז לויטער, קלאר, די זון שיינט און איהרע גאלדענע שטראלען צושפרייטען זיך איבער דער אבערפלעכע פון ים און שפיעלען זיך און קוסען זיך מיט די וואסערן... עס מורמעלט און גלעט אזא מחיה׳דיג, אזא פריש ווינטעלע.

דאס קליינע שיפעלע וויגט זיך, „קאטשעט“ זיך און שווימט אוועק אלץ ווייטער און ווייטער איבערן וואסער. דער טומעל פון דעם לעבען אויף׳ן ברעג הערט זיך מעהר ניט, עס ווערט שטילער און שטילער און עס הערט זיך בלויז א שטילער סוד׳ען זיך פון דעם שטילען ווינטעל מיט די גרינע וואסערן.

אלע דריי שווייגען.

דער מאן ארבייט מיט די רודערס און קוקט אויף די צוויי פרויען.

איינע איז שיין, יונג, ליעב, מונטער, פריש, און אטעמט מיט לעבען, אזוי ווי די יונגע שיינע נאטור ארום זיי. און די צווייטע ? ! וועה, ווי העסליך זי איז!

עס שיינט, אז דער פרישער ווינד האט געמאכט איהר פנים נאך בלאסער, נאך געלער, די קנויטשען האבען זיך איינגעשניטען טיעפער... ווי אלט, ווי קראנק זי איז... זי אטעמט מיט דער לופט פון קבר.

דער מאן רודערט, קוקט אויף ביידע פרויען און איהם פערדריסט, ווארום דא אויפ׳ן שיפעל זיינען דריי פערזאנען; צוויי האבען בעדארפט זיין: איינע איז דא שרעקליך איבעריג.

ווי גליקליך ער וואלט יעצט געווען, ווען ער וואלט דא זיין אליין מיט זיין געליעבטער. ער וואלט זי יעצט צוגעדריקט צו זיין

ברוסט. ער וואלט זי געקוסט און געהאלזט... אוי, ווי שיין זי איז! ער קאן פון איהר אן אויג ניט אראבנעהמען... ווי גוט, ווי רייצענד זי איז אין דער מינוט... עס פאנגען אן אין איהם ברענען די בלוטען... ער וויל זי דערשלינגען, ער וויל זי דערשטיקען...

אבער דא זיצט די דריטע...

אה, ווי ער האט זי געהאסט!

איהם האט זיך געוואלט אויפשפרינגען און אויסשרייען צו זיין פרוי: „וואס האסטו צו מיר? ניט שטעה אין מיין וועג, ווער פערשוואונדען, לאז מיך לעבען"...

פלוצלונג איז אן אונגליק געשעהען:

יעמאנד אויפ'ן שיפעל האט געמאכט ניט א פארזיכטיגע בעוועגונג... דאס שיפעל האט זיך א קעהר געטאן... א געשריי פון פערצווייפלונג, פון טויטליכער אימה, און אלע דריי האבען זיך געראנגעלט אין וואסער.

ראנגלענדיג זיך אין וואסער האבען אלע דריי צושפרייט זיך אין פערשיעדענע ריכטונגען...

דער איינציגער פון די דריי, ווער עס האט געקאנט שווימען, איז געוועזען דער מאן.

האלטענדיג זיך אויף דער אויבערפלעכע פון וואסער, האט ער נור צייט געהאט צו בעמערקען, ווי ביידע פרויען זיינען אונטערגעגאנגען...

„הילף! הילף!!" האט ער פערצווייפעלט אויסגעשריען... אבער קיינער האט איהם ניט געהערט.

ער האט זיך ארומגעקוקט... און ער האט געזעהען ווי זיין געליעבטע האט געמאכט איהר לעצטע אנשטרענגונג... געצייגט זיך איבערן וואסער און ווייטער אונטערגעגאנגען... און ווייטער אביסעל, דארטען וואו זיין פרוי איז ארונטער, האבען זיך די וואסערן צוגעמאכט...

קיין גרויסער שווימער איז דער מאן ניט געוועזען... דאך האט

ער ריזיקירט מיט'ן לעבען, ארונטערגעלאזען זיך, פערטיעפט איי־ניגע סעקונדען אונטערן וואסער און ארויפגעצויגען זיין קראנקע האלב טויטע פרוי...

„הילף ! הילף ! !"

הילף איז אונטערגעקומען, מען האט אבער נור גערעטעט דעם מאן און די פרוי. די יונגע שיינע מיידעל איז דערטרונקען געווארען.

# די צוויי תנאים.

די ערשטע תנאים האט מען געשריעבען אויף יענער זייט ים, ערגעץ־וואו אין א פערוואָרפענעם, פאנאטישען קליין־שטעדטעל אין דער ליטא. די צווייטע תנאים זיינען פארגעקומען אין דעם גרויסען, אייביג רוישענדען ניו יארק, אין דיעזען אונענדליך טיעפען, ברייטען, ווייטען ים פון מענשליכע ליידען און צרות.

די צווייטע תנאים, האט קיינער ניט געשריעבען. עס זיינען געוועזען געשפּראכענע תנאים.

צו די ערסטע תנאים האבען די יונגע אונשולדיגע כלה געצוואונגען נארישע פאנאטישע עלטערן, צו די צווייטע תנאים האבען די שולדיגע און פער׳משפּט׳ע מוטער געפיהרט איהרע יונגע קינדערלעך...

רחל איז געוועזען א שיין מיידעל — שיין ווי גאלד. יונג, שטארק, געזונד, ווי א יונגער, בליהענדער, שטארקער בוים.

א געזיכט האט רחל געהאט א קינדערש. דער קליינער געשניצטער קאפּ, בעצירט מיט א גאנצען וואלד פון דונקעל־ברוינע זיידענע לאקענס, קארע, טיעפע קינדערשע אויגען, אין וועלכע מען האט געקאנט זעהען א פייער ברענען. איהרע אויגען האבען קינדערש געשמייכעלט, קינדערש געלאכט. צו דער זעלבער צייט האבען זיי גערעדט אזוי ווי מיט ווערטער: „דער קאפּ, אין וועלכען מיר שיינען, איז פול מיט שטורם, פול מיט שטרעבען. דאס הארץ, וואס שפּיגעלט זיך אין אונז אב, איז פול מיט פייער, פול מיט לעבען“.

און די דינע, געשניצטע ליפּען האבען אזוי ליעב, אזוי קינדערש, אזוי גוטמוטיג געשמייכעלט.

רחל איז געווען א אידישע טאכטער און ווען זי איז אלט געווארען אכטצעהן יאהר, האבען טאטע און מאמע גענומען דאגה׳־נען וועגען א שידוך. דער שדכן פון שטעדטעל האט זיך מטריח געווען, און רחל האט א חתן געקראגען.

א קלויזניק, א שטיקעל משכיל, נור א פרומער, ווי א פלא־קען, און מיט איין אידעאל אין לעבען צו ווערען א קרעמער אדער א פראצענטניק.

משה האט געהייסען דער חתן.

נישט קיין שיינער, א פנים ווי א שטיק פלייש, מיט צוויי „ביטרע" קליינע אויגעלעך.

ווען רחל האט צום ערסטען מאל דערזעהען איהר חתן, האט זי דערפיהלט אזוי ווי קאלטע מוראשקעס זיינען איהר אריבער איבערן גאנצען לייב, נור... רחל איז געווען א אידישע טאכטער, און זי האט געהאנדעלט אזוי ווי אלע איהרע חבר׳טעס : טאטע און מאמע האבען געפונען א חתן, געהייסען תנאים שרייבען, געהיי־סען חתונה האבען... און רחל און משה זיינען געווארען מאן און ווייב.

רחל האט גענומען קינדלען. משה האט אפגעגעסען קעסט און שוין געווען גענומען זיך פאר וואבער, האבען זיך צוזאמענ־געלעגט אזעלכע אומשטענדען, און די פאמיליע האט געמוזט אוועק נאך אמעריקא.

אזא קערל ווי משה ווערט ערגעץ ניט פערפאלען.

א אידעל, וואס וויים ווי צו האלטען א פעני, קארג, טרוקען, קליינליך, אויסגערעכענט, און מיט דער „אמביציע" מאכען געלד, איז דאס ניט א טייערע סחורה פאר ניו יארק ?

משה איז געווארען גאנץ רייך, צו דער זעלבער צייט איז ער פערבליעבען א פרומער גאטס־פארכטיגער איד. געווארען א גבאי אין א שול און א גאנצער כלי קודש.

רחל איז אין ניו יארק אוועק אויף אן אנדער וועג. זי האט זיך בעגעגענט מיט א פאר לאנדסלייט, גענומען בעזוכען מיטינגען, לעזען א צייטונג, ארייגקוקען אין א ביכעל, און דאס וואס ביי־

איהר אין קאפ און אין הארצען איז געלעגען בעגראבען אין חדרי חדרים, האט גענומען אויפלעבען, אויפוואכען.

און דער מאן, וועלכען זי האט קיינמאל ניט געליעבט, איז פאר איהר געווארען אבשייליך, העסליך ווי דער טויט...

משה האט אויך ניט געשוויגען. ער האט דערזעהען, אז זיין ווייב געהט זעהר ניט אויף א ריכטיגען וועג, און ער האט גענומען שטארק פראטעסטירען...

משה וויל, אז פרייטאג זאל רחל אבבענשען ליכט, געהן אין ׳ך וויים וואו... און זיין א אידיש קינד... און רחל געהט גאר אוועק אויף א מיטינג.

משה האט גאנץ האלט זיין שיינע רחל׳ען, האט ער איהר אנגעקויפט א גאנצען בארג צירונג. האט זי די צירונג אין דער ערד, קויפט זי נאר עפּעס ביכלעך, ווערט א מיטגליעד עפּעס אין פעראיינען און גיט אוים געלד אויף אלע שווארצע יאהר. איז משה שטארק ניט צופריעדען.

עס האבען זיך גענומען אבשפּיעלען פאמיליען־סצענען... שרעקליכע, אבשייליכע סצענען!

משה איז געווארען ווילד. ער האט גענומען כמעט מיט גוואלד פארדערן זיין רעכט, און ער איז געווארען נאך טויזענד מאל אבשייליכער ווי ער איז פריער געוועזן, און רחל׳ס אבקומענים, רחל׳ס ליידען זיינען געווארען שטארקער, ברענענדער, גיפטיגער.

רחל וואלט יעצט שוין לייכט געקאנט ארונטערווארפען פון זיך די אייזערנע פעראסטעטע קייטען, וועלכע די עלטערן האבען אויף איהר אנגעטאן. דער „בדת משה וישראל" האט אין איהרע אויגען יעצט מעהר קיין ווערט, קיין קראפט געהאט. עס זיינען אבער שוין אריבער צוועלף יאהר, זינד זי איז געוועזן פערהייראט. און עס זיינען געבארען געווארען דריי קינדערלעך...

די קינדערלעך זיינען שוין געוועזן דערוואקסענע, זיי זיינען געוואוינט געווארען צו א ווארמער ליכטיגער היים. צו גאנצע קליידער, צו גאנצע שיך, צו א מוטער, צו א פאטער.

רחל האט געצווייפעלט. זי האט מורא געהאט צו שאדען

איהרע קינדער. ווען זי וועט זיך בעפרייען פון איהר שווידערליכען, אונערטרעגליכען יאך.

איהר מוטערליך הארץ פלעגט אפט אבשטארבען ביי דעם געדאנק, אז די קינדער וועט אויסקומען ליידען מאנגעל, אין פאל זי וועט זיך בעפרייען פון איהר מאן.

און זי האט פראבירט קעמפפען, נור איהר מאן איז אלץ ברוטאלער און ווילדער געווארען. די פאמיליען־סצענען זיינען געווארען שארפער, ביטערער, סקאנדאליעזער. און ענדליך האט רחל געמאכט איהר לעצטען פערצווייפעלטען שריט...

זי האט צוריסען איהרע קייטען, אויפגעבראכען דעם שלאס פון איהר געפיינגניס. זי האט גענומען מיט זיך איהרע קינדער און איז אוועק פון איהר מאן.

אוי, ווי גליקליך רחל האט זיך דערפיהלט, ווען די טירען פון איהר טורמע האבען זיך פערמאכט אהינטער איהר!

שטארק האט זי זיך דערפיהלט, מוטיג, יונג... אזוי יונג, ווי זי איז געווען אמאל, איידער מען האט געבראכען כלים אויף איהרע תנאים...

ווער איז צו איהר גלייך געווען?!

זי האט אין זיך דערפיהלט אן אייזערנעם מוט. זי האט אין זיך דערפיהלט טויזענדער ליכטיגע, ליכטיגע האפנונגען...

זי איז פריי!

אך, ווי גוט דאס איז!

איהר משה איז נישטא נעבען איהר מיט זיין פערהאסטען, טרוקענעם, לעבענסלאזען געזיכט! זי הערט נישט מעהר דעם בייזען קול פון איהר וועכטער, זי פיהלט ניט מעהר זיין אייז־קאלטען קערפער...

זי קאן טון, וואס זי וויל; זי קאן געהן, וואו זי וויל; נישטא איהם מעהר, מיט זיין ניעדעריגער אויפערזיכט, מיט זיינע געמיינע בעסטיאלישע פערדאכטען...

זי איז פריי!

זי וועט ארבייטען פיער און צוואנציג שטונדען דעם טאג,

זי וועט עסען א שטיקעל טרוקען ברויט א טאג, אבי אהן איהם...

אבי פריי זיין !

און די קינדער ?

עס וועט זיי גארנישט פעהלען. זי וועט פערדיענען גענוג, עס וועט זיי גארנישט פעהלען.

זי איז דאך עפּעס ניט קיין עלענדע... א מאסע פריינד האט זי, פריינד, וועלכע האבען גענומען אזא ווארעמען אנטייל אין איהר ביטערער לאגע... די פריינד וועלען איהר געוויס אויסהעלפען מיט ראט און טהאט.

די צייט האט זיך אוועקגעצויגען, די מערדערליכע צייט, וועלכע פערניכטעט אלעס אין דער וועלט.

די בעפרייטע רחל האט גענומען פיהלען, אז איהרע רעכנונגען זיינען נישט אין גאנצען ריכטיגע געווען.

פיער און צוואנציג שטונדען א טאג קאן מען ניט ארבייטען, און מיט ארבייט ווארפט מען זיך ניט אין ניו־יארק... און די קינדער נעהמען אוועק די גאנצע צייט !

און רחל'ס פריינד ? אך, וועמען איז ניט בעקאנט א ניו־יארקער פריינד ? דאס איז יענע בעקאנטע שטרויעלע, אן וועלכער פיעלע, וואס טרינקען זיך, כאפּען זיך אן, נור קיינער, קיינער רעטעט זיך ניט...

און די דריי קינדערלעך ?

חברה האט גענומען מאנען דעם „פּאפּא".

די קינדער זיינען שטארק ניט צופריעדען מיט דער מאמעס איינגע פינסטערע רומס, די קינדער זיינען ניט צופריעדען מיט די קליידער, מיט'ן עסען, די קינדער ליידען מאנגעל, זיי מאנען די היים... זיי קוקען אויף דער אונגליקליכער מוטער מיט פארוואורף.

אין רחל'ען האט גענומען די מוטער רעדען... דאס ליעבענדע מוטערליכע הארץ...

און דאס הארץ ווערט אבגעשטארבען ביי יעדען זיפץ, וועלכען איהרע קינדער געבען...

„מאמע, קום א היים !"

און זי כאפט זיי ארום... דריקט זיי צו זיך... גלעט זיי, קוסט זיי, בעגיסט זיך מיט טרערען...

„איך קען ניט, קינדערלעך,, איך קען ניט... שיקט מיך בעסער אין קבר!"...

„מאמע, קום א היים! ! ביזט א שלעכטע"...

און די קינדער האבען לאנג ניט געווארט, זיי זיינען אליין אוועק צום פאטער...

רחל איז געבליבען אליין! אליין אין דער גאנצער וועלט!

מוטער־ליעבע!

איז אייך בעקאנט דיעזעס געפיהל?

אט דאס הייליגע, זויבערע, שרעקליכע, ברענענדע גיהנם־געפיהל?

דאס איז דאס געפיהל, וואס העבט אויף די פרוי אין די הימלען אריין, און צו דער זעלבער צייט שליידערט דאס זי טיעף אין דער ערד אריין.

דאס איז דאס געפיהל, וואס ערקלערט אין דער פרוי פיעלעס, פיעלעס, וואס עס צייגט צו זיין אזוי אונפערשטענדליך, אזוי אונבעגרייפליך.

אין איין שיינעם טאג איז רחל אוועק א היים... צו איהר מאן און צו איהרע קינדער!

און מיט האסט, מיט שמחה, איז רחל צוריק אין איהר געפיינגנים אריין, מיט שמחה, מיט פרייד. דא זיינען איהרע קינדער געוועזן!

פרייוויליג האט זי יעצט אויף זיך איהרע קייטען אנגעטאן: צוליעב די קינדער האט זי דאס געטאן.

„די מאמע איז געקומען!"

„די מאמעניו איז דא!" האבען געשריען די קינדער פאר שמחה. „די מאמעניו איז דא! !"

און רחל האט געקוסט איהרע קינדער, געקוסט און געהאלזט... און געוויינט.. און געבליפעט...

משה האט געזיעגט!

און משה האט גענומען אויסנעהמען תנאים ביי זיין בעזיגנטער פרוי, די צווייטע תנאים !

„יעצט, רחל, וויל איך, דו זאלסט שוין זיין א מענש !“

„יעס“, ענטפערט רחל. „עס וועט שוין מוזען זיין, ווי דו ווילסט“.

„דיינע פריינדלעך, דיינע בעקאנטע... ניט איך און ניט דו זאלסט פון זיי מעהר וויסען“.

„גוט“, זאגט רחל. „א דאנה מיר, אבי איך בין מיט מיינע קינדערלעך“.

„אוים מיטינגען ! אוים ביכלעך... אוים נארישקייטען“...

„יע, אוים, אוים“, שעפטשעט געהארכזאם רחל.

„א ווייבעל, אזוי ווי אלע ווייבער“, רעדט משה מיט ווילדען נצחון, „א אידענע, אזוי ווי אלע אידענעס“.

„גוט, נור די קינדער זאל גארנישט פעהלען“...

די צווייטע תנאים האבען זיך געענדיגט.

משה איז אוועק וועגען געשעפט. די קינדער זיינען זיך צוגאנגען שפיעלען מיט חברים, מיט חבר׳טעס, רחל איז אליין געבליעבען... זי איז אוועק אין קיך מאכען סאפער. שיילענדיג די קארטאפליעס איז איהר בליק פלוצלונג געפאלען אויף אן אלטען, פערגעלטען, פערשטויבטען נומער „פארווערטס“, וועלכער האט זיך פערוואלגערט אין קיך אין אלמער...

רחל האט אריינגעקוקט אין דאס פערשטויבטע בלאט... דאס איז געווען די „נומער“, וועלכע זי האט געלעזען אין יענעם טאג, ווען זי איז פון איהר מאן אוועק.

עפעס האט גענומען רחל׳ן שטיקען אין האלז... און ראפטום האט זי זיך צוואויינט מיט ביטערע טרערען !

# ער געהט און זי זיצט.

א מאל האבען זיי איינער דעם צווייטען געליעבט: יעצט ליעבט נור דער מאן די פרוי און זי, די פרוי, ליעבט אן אנדערן, און עס איז א ביטערע, א פינסטערע פאמיליען־צרה.

א מאל האט אין דעם הויז געהערשט ליעבע, און עס איז גע־ווען ליכטיג, לעבעדיג, פרעהליך אין יעדען ווינקעלע; יעצט הער־שען אייפערזוכט, ביטערניס, ערגערניס, און עס איז א רחמנות אויף איהם, א רחמנות אויף איהר, א רחמנות אויף די עטליכע קליינע קינדערלעך, וועלכע זיי פערמעגען.

די קינדער מאכען די לאגע שלימער, טויזענד מאל שלימער. ווען ניט די קינדער, וואלט די דראמא אויפגעלייזט געווארען, מאן און ווייב וואלטען זיך געשיידט און עס וואלט געווען א סוף צו דעם אונערטרעגליכען לעבען... אבער די קינדערלעך שטעהען אין וועג. דער מאמען ווילט זיך ניט אוועקנעהמען ביי די קינדער דעם טא־טען, און זי פערבלייבט לעבען מיט א מאן, וועלכען זי ליעבט ניט און... עס איז צרות.

א מאל האבען זיי איינער דעם צווייטען געליעבט. ער איז אן אגענט און קאלעקטאר פאר א לעבענס־פערזיכערונג קאמפאניע. ווען זיי זיינען געווען נור צוויי, אהן קינדער, זיינען זיינע פער־דיענסטען געווען גענוג אום צו מאכען אן אנשטענדיגען לעבען. ווען עס זיינען אונטערגעקומען א פאר קינדערלעך, האט צייטענווייס גענומען די נויט אריינקוקען צו דער פאמיליע.

זי האט שטארק פראטעסטירט!

אלס מיידעל איז זי געווען א גוטע פערדינערין. זי איז אן

אויסגעצייכענטע מאדיסטקע. זי האט אין איהר לעבען ניט גע־וואוסט, וואס נויט איז, און זי האט אויך יעצט פון דעם וויסען ניט געוואלט.

איז זי צוריק אין שאפ אוועק.

צו די קינדער האט מען א דיענסט גענומען.

אנפאנגס האט זיך גערדאכט, אז אלץ איז בשורה. זי ברייננט שכירות און פיינע שכירות. ער ברייננט אויך זיין חלק. די דיענסט זעהט צו די קינדער גאנץ פיין, און עס איז גוט... אבער באלד האט זיך ארויסגעצייגט, אז עס איז ניט אזוי פרעהליך.

דעם הויז האט די ווירטהין געפעהלט. די קינדער האט די מוטער געפעהלט. דעם מאן האט די פרוי געפעהלט. דער פרוי האט דער מאן געפעהלט...

ווען זי איז פריי געווען, האט זי פון איהם וועניגער פער־לאנגט ; ווען ער פלעגט קומען אהיים א מידער פון זיין ארומגעהן, פלעגט זי אויף איהם קוקען מיט מיטלייד, מיט סימפאטיע, און זי פלעגט טון איהר בעסטעס צו געבען איהם די נויטיגע רוה.

זייט זי פערדיענט, קוקט זי אויף איהם מיט אנדערע אוי־גען... זי האט צו איהם קיין מיטלייד ניט, ווייל זי ארבייט אויך...

ווען זי איז געווען א הויז־פרוי, פלעגט זי אפט ארויסגעהן שפאציערען מיט די קינדער. זי פלעגט ארומגעהן איבער די סטארס און פלעגט זיך זעהען מיט בעקאנטע, מיט פריינד, מיט שכנים. זי פלעגט געניסען דאס לעבען, און ווען ער פלעגט קומען אהיים, פלעגט זי זיין העכסט צופריעדען צו פערבלייבען מיט איהם צוזאמען אין דעם פאמיליען־געצעלט. די רוה איז איהר געווען אנגענעהם, די היים זיס, דער מאן ליעב.

יעצט ווען זי ארבייט, זיצט זי א גאנצען טאג א פערשפארטע אין א שאפ. זי מאכט אוים פיין געלד, אבער זי לעבט ניט, און ווען זי קומט אהיים, ווילט זיך ארויסגעהן אין גאס... זי וויל אנזעהן מענ־שען און זאכען. זי וויל אביסעל לעבען. עס איז ניט מעהר ווי נאר־טירליך.

רופט זי מיט זיך דעם מאן. ווערמען דען זאל זי רופען ?

אבער ער קאן ניט געהן. זיינע ארעמע פיסעלעך טוען איהם שרעקליך וועה... א גאנצען טאג האט ער איבער די גאסען אומגעוואנדערט. ער האט געקלעטערט איבער פיעלע, פיעלע שטיגען, איז געבליעבען אהן א הארץ, רעדענדיג מיט פרשיעדענע מענשען, און אלעס, וואס ער פערלאנגט נאך אזא טאג ארבייט, איז רוהע ביי זיך אין דער היים... ליעגען שטילערהייט אויף א בעטעל און ניט אומגעהן און ניט אנזעהן אין די אויגען די פערדאמטע גאסען, די אונערטרעגליכע מענשען. אליין די זון איז איהם ניט ניחא. זי האט איהם פאר'ן טאג אויסגעבלענדט די אויגען: ער ציטערט פאר'ן פרייען הימעל... די גאס מאכט איהם שווידערן. און זיין בעסטע, זיין זיסטע פאנטאזיע איז זיין אייגען צימער, זיין אייגענע היים. אבער די ווייב רופט געהן אין גאס, זי וויל פון גאר נישט וויסען, זי מוז זיך דורכגעהן. זי איז דעם טאג אין א געפיינגנים געזעסען... און ער געהט... ער האט זי ליעב... און ער געהט... אבער ער שלעפט זיך א פערביטערטער, א פערפינסטערטער, און רעדט ניט, נור זיפצט אין וועג. ער האט איינפאך קיין כחות ניט !

ער וואלט שוין וועלען, זי זאל אויפגעבען דעם שאפ, וויל זי פון דעם ניט הערען און ניט זעהען. זי האט צוריק געקראגען די אלטע „שאפ־געוואהנהייט". זי האט זיך אבגעוויינט פון דעם הויז... זי איז פרעמד צו איהרע קינדער. זי וויל האבען „אייגען" געלד, אייגענע שכירות. זי פיהלט פון דעם א מאדנעם פערגעניגען און זי פערדיענט פיין, זעהר פיין.

ער פערדיענט ערגער און ערגער... ער איז „אבהענדיג". ער רוהט זיך שלעכט אויס, און זיין הארץ עסט א ווארים. ווייטער ווייס ער, אז זיינע פערדיענסטען זיינען ניט איבריג נויטיג, און דאס נעהמט ביי איהם אוועק זיין לעצטע ביסעל ענערגיע. און ער פערדיענט אלץ ווענינער און ווענינער, און ער נעהמט זיך פיהלען זעהר געפאלען ביי זיך... ער ווערט אומעטיג, צורייצט...

איהר ווערט שווער זיין קאמפאניע. זי הערט איהם אויף צו בעטען מיט זיך געהן אין גאס אין די אבענדען נאך איהר טעגליכער שאפ־ארבייט. זי איז אבער ניט עלענד. זי געפינט קאמפאניע.

א יונגע פרוי, אן אינטערעסאנטע, האט שטענדיג ביי זיך עטליכע דאלאר און איז ניט קארג אויף א דאלאר. אין ניו־יארק, רבותי, געפינען זיך א סך גוטע ברידער, וועלכע זיינען גערן פיהרען קאמ־פאניע מיט אזא גוטער פרוי. און עס איז „אלל־רייט". זי נויטיגט זיך אין איהר מאן גאנץ ווענינ. פריער האט זי אויפגעהערט איהם צו בעטען. אצינד וויל זי גאר ניט ליידען, ווען ער וויל מיט איהר געהן. זי פאנגט אן פיינד צו האבען זיין זויער פנים... זי איז זעהר צופריעדען, ווען ער בלייבט אין דער היים...

בים־לעכוויים געהט אוים, געהט אוים איהר ליעבע צום מאן, און אזוי אונבעמערקט שטארבט דאס אין גאנצען אב!

ער פיהלט עס, ער פערשטעהט עס. אייפערזוכט פערקלייבט זיך טיעף אונטער זיין ברוסט. עס נעהמט עסען זיין הארץ, און עס ווערען דארטען טיעפע, שמערצליכע וואונדען...

ער ווערט פערביטערט, צורייצט. און פאלגליך ווערט ער אלץ מעהר און מעהר אונערטרעגליך אין איהרע אויגען...

זי נעהמט איהם האסען!

יונגע מענער מאכען צו איהר חן'דעלעך... מען ערקלערט זיך איהר אין ליעבע... און... און זי קריעגט א געליעבטען... און נעהמט נאך מעהר האסען איהר מאן.

זי קאן זיין אנוועזענהייט איינפאך ניט ליידען. די מינוטען, וועלכע עס קומט איהר אים צו זיין מיט איהם צוזאמען, פיהלט זי דעם טעם פון טויט.

און פון דעם הויז, וואו א מאל האט געלויכטען ליעבע, ווערט א גיהנם... דער פאמיליען־נעצעלט איז איינגעפאלען, צובראכען אויף שטיקלעך. און ערגער פון אלעס איז דאס, וואס צווישען די איינגעפאלענע ווענד זיינען מענשען פערבליעבען... די מענשען זיי־נען צושעדיגט, צוואוואונדעט, אבער זיי מוזען אין דער רואינע פער־בלייבען. קליינע, אונשולדיגע קינדערלעך לאזען זיי ניט ארויסרא־טעווען זיך...

דער טאטע האט ליעב די קינדער, די מאמע האט ליעב די

קינדער. דער טאטע וויל, אז די קינדער זאלען האבען א מאמע ; די מאמע וויל, אז די קינדער זאלען האבען א טאטען ; דער טאטע וועט ניט אבגעבען אין קיין פאל ניט די קינדער דער מאמען... ביי דער מאמען כאפט קיין מוט ניט צו פערלאזען די קינדער, און עס איז א גיהנם, פול מיט שמערצען, יסורים, ביטערנים און ער־גערנים.

# פון די כתבים פון א צייטונגס-טרעגער.

## אין א פערלעגענהייט.

א ווינטער טאג... דאס וועטער... געוואלט האב איך זאגען, אז דאס וועטער איז געווען שרעקליך, אבער דאס וואלט געווען נישט אמת. ווען דאס וועטער איז פאר מיר שלעכט, איז נאך קיין ראיה ניט, אז דאס איז פאר אלעמען שלעכט.

*שנעע, שנעע, שנעע...*

עס הט אנגעשאטען גאנצע בערג מיט שנעע. דער שנעע איז נאך פריש און קלאר. ערשט נעכטען איז ער געקומען פון די וואל־קענס און עס האלט איהם ביים לעבען א פרעסטעל. דאס פרעסטעל איז אבער א גאנץ קליינס, און ווען מען טרעט אריין א ביסעל טיע־פער אין דעם שנעע, פיהלט זיך שוין וואסער.

דער הימעל איז לויטער, קלאר, און די זון אין איהר פולען גלאנץ. עס בלאזט א שוואך ווינטעל, וואס פעריאגט דעם לעצטען שפור פון א וואלקענדעל.

א מאל, איידער איך האב געוואוסט, וואס עס הייסט פערנאנ־דערטראגען אידישע צייטונגען אין ניו־יארק, האב איך ליעב גע־האט דעם שיינעם קלארען שנעע. איך האב ליעב געהאט צו קוקען אויף דער מלחמה, וועלכע די זון פיהרט אן מיט דעם שנעע, יעצט אבער ציטער איך פאר שנעע. שנעע ווארפט אויף מיר אן א שרעק, א מרה שחורה, און אט דערפאר האב איך דאס פריער געוואלט זא־גען, אז דאס וועטער איז געווען שרעקליך.

ערשטענס, מוז איך קריכען ביז די קניע אין שנעע, און דאס איז שוין א קנאפ פערגעניגען, דערהויפט, אז די שיך לאזען דורך

וואסער. און צוווייטענס, פער׳הרג׳עט מען מיט סנעזשקעס, און דאס איז שוין איינפאך אן אבקומענים.

וועלל, געה איך מיר און איך טראכט, ווי אזוי אויסצומיידען „לויפער״ און סנעזשקעס, און ווי אזוי וואס ווענינער קריכען אין שנעע. געה איך... אבער איך געה ניט איינפאך, נור איך מארשיר נאך אלע געזעצען פון שלאכט־פעלד. איך מארשיר פארזיכטיג, קוק אויס דעם שונא, די „לויפער״, און האנדעל ווי די אומשטענדען ליעגען פאר.

א מאל, ווען מען בעדארף, שעם איך זיך ניט און לאז זיך לויפען „הענדום פענדום״. מאנכעס מאל ווידער נאר איך אב דעם פיינד, איבערבייטענדיג מיין וועג אונטער זיין רעכטער נאז. אנאנדערס מאל האלט איך זיך וואס נעהנטער צו די גלעזערנע פענסטער אין די סטארס, ווארום די פראקטיקע האט מיך שוין געלערענט, אז אן אמעריקאנער „לויפער״ האט פיעל מעהר מורא פאר צוברעכען פענסטער איידער א קאפ. געפעהרליכע פונקטען מארשיר איך ארום פון דער ווייטענס, א. ז. וו., א. ז. וו.

מיט א מאל איך הער מען סיסקעט.

געה איך מיר מיין וועג און טו זיך ניט א קעהר, איך וויים שוין, אז דאס איז א שפיצעל פון א „לויפער״.

סיסקעט מען העכער.

עס גלוסט זיך מיר ארומקוקען, אבער איך מאך זיך כלא ידע און מארשיר ווייטער.

„היי, מיסטער!!!״ הער איך ווי מען שרייט משונה׳דיג הויך. הקול קול יעקב.

עס ווערט היימליכער, און איך קעהר זיך אום.

א איד, א יונגער מאן, יאגט מיך מיט אלע כחות, מאכט מיר מיט די הענד און רופט מיך. איך מאך עטליכע שריט פאראויס, און מיר בעגעגנען זיך.

„וועלל, וואס ווילט איהר?״ פרעג איך.

ער ווישט דעם שוויים פון פנים, אטעמט שווער און קאן א היבשע ווילע ניט ריידען.

ווארט איך אב.

„וועלל, וואס איז ?"

„דריי בלאק, אז איך יאג אייך נאך".

„וואס דארפט איהר מיך אזוי ?"

„איהר טראגט דאס אידישע צייטונגען אין דער געגענד ?"

„איך".

„איך זוך אייך מיט ליכט, שוין פון א צייט".

„נו, אט בין איך".

„האט רחמנות, טראגט מיר א צייטונג".

„וואו וואוינט איהר?"

ער האט מיר געגעבען זיין אדרעס. איך האב א רעכען גע־געבען, וואו דאס כאפט, און האב געזעהען, אז איך קאן דעם קאס־טאמער אננעהמען.

„אלל־רייט. איך וועל ברייננגען".

„האט רחמנות".

„פאר וואס ניט, אדרבה".

„איהר וועט מיך ראטעווען".

„אלל־רייט".

„עס איז דאך אפטאון, אידען זיינען דא ווענינ, אין דעם הויז, וואו איך וואהן, איז איין איד ניטא... עס איז ניטא מיט וועמען א ווארט אויסצוריידען... איך ווער משוגע... איך געה אראב פון זי־נען... איהר וועט מיך ראטעווען... איהר וועט מיך ראטעווען"...

איך פערצייכען דעם מאן'ס אדרעס און וויל געהן, האלט ער מיך אב און רעדט ווייטער:

„צעהן יאהר האב איך געוואהנט דאון־טאון און האב אהן א אידישע צייטונג ניט געקענט לעבען... טייערער פון דעם עסען, טיי־ערער פון דעם טרינקען... און יעצט שוין באלד זעקס חדשים, אז איך וואהן אט דא אין די געגענדען... און איך קען קיין צייטונג ניט קריגען... איך ווער משוגע...

„אלל רייט, איך וועל שוין אייך ברייננגען א צייטונג".

„האט איהר יעצט אן איבריגע צייטונג ?"

„איך האב. וואס פאר א ציימונג ווילט איהר ?"

„די בהלה", האט דער מאן א זאג געגעבען, נור גלייך האט ער זיך פערכאפט און זיך פערבעסערט.

„איך מיין דעם בלאט, וואו עס דרוקט זיך די „בהלה", אזא ראמאן... א געשיכטע אזא"...

„איך ווייס", האב איך געענטפערט און געגעבען דעם מאן די ציימונג מיט דער „בהלה".

ביי מיין נייעם קונד זיינען די אויגען איינפאך פערלאפען מיט טרערען, ווען ער האט א קוק געגעבען אויף דער „בהלה". ער האט זיך איינפאך געטרייסעלט פון גליק.

„איך וועל צו אייך קומען קאלעקטען יעדע וואך", האב איך געזאגט און בין אוועק אין מיין וועג.

עס איז אריבער א וואך און איך בין ארויף קאלעקטען זעקס פענים צו מיין נייעם קונד.

קלאפ איך אן אין טיר.

„קאם אין!" הער איך א פרויען־שטימע.

איך לאז זיך לאנג ניט בעטען און געה אריין. עס בעגעגענט מיך א בלאסע פרוי, וועלכע קוקט אויס ווי א סקעלעט אין א ראפער, צוויי קליינע פערבלאטיגטע קינדערלעך האלטען זי פאר'ן קלייד און כניקען, און וויינען... און נאך א בייבי האלט די פרוי אויף די הענד.

„דער ציימונגס־מאן", שטעל איך זיך פאר.

„אזוי, דאס זייט איהר דער ציימונגס־מאן", זאגט צו מיר די פרוי עפעס מיט אזא שרעקליך בייזער שטימע. „אזוי, דאס זייט איהר. איך האב אייך טאקע געוואלט זעהען".

„וועלל, אט בין איך"...

„ווייסט איהר, אויף וואס האב איך אייך געדארפט ?"

„איך ווייס ניט", ענטפער איך.

„צושפאלטען אייך דעם מח... און ארויסטרייבען אייך פון אלע טירען"...

און די פרוי האט אויף מיר געווארפען אזא בליק, אז מיר איז געווארען קאלט און ווארים.

דאך האָב איך זיך ניט פערלאָרען און פרעג:

„מיסים לעבען, פאר וואס קומט עס מיר ?"

„ווער האט אייך געבעטען טראגען צייטונגען ?" פרעגט זי ביי מיר מיט אזא כעס.

„אייער מאן איז נאך מיר נאכגעלאָפען", דערצעהל איך איהר.

„אז לויפען זאל מען נאך זיין לויה", האָט זי גענומען שילטען, „אז לויפען זאל מען נאך זיין תליה, רבונו של עולם, מיין ביטער הארץ, מיין שווער געמיט צו זיין קאפ".

„אבער וואס איז דאס צו מיר שייך ?" פרעג איך די בייזע פרוי.

און זי האט פלוצלונג געביטען איהר טאָן... און איהרע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרערען.

„מיסטער", האט זי זיך גענומען בעטען, „האט רחמנות, ערבארעמט זיך איבער א שוואכער פרוי, טראגט ניט מעהר קיין צייטונגען... איך בין אן ארמע פרוי, פון דעסטוועגען וועל איך ניט זשאלעווען, און איך וועל אייך געבען א קוואדער א וואך, אבי הערט אויף צו טראגען צייטונגען...

„איך בעט ניט ביי אייך קיין געלט", ענטזאג איך זיך פון דער הכנסה, וואס עס שטעהט מיר פאר, „איך וועל אזוי סטאפען די צייטונג".

„איהר וועט מיך ראטעווען... איהר וועט מיך לעבען לאזען"...

און די פרוי האט זיך צוואויינט.

בין איך צו איהר געוואָרען פריינדליכער, און זי האט פאר מיר איהר ביטער הארץ אויסגעגאסען :

„איך בין א שוואכע פרוי, א קראנקע, קוים וואס איך געה ארום אויף די פיס. איך האב דריי קינדער... קראנקע קינדער, שוואכע, שלעכטע, ביטערע... זיי מאכען מיר דעם טויט. א טאג רייסען זיי פון מיר שטיקער... איך קאן דאס גאר ניט אויסהאלטען... און דא דארף מען טענדען א הויז, עס איז מלאכה אריבערן קאפ... איך פאל, איך פאל אין די האליאבלעס... א מאל פלעגט ער, מיין המן, קומענדיג פון דער ארבייט, מיר א ביסעל אויסהעלפען, איבערביי-

טען א האנד... יעצט, זייט איהר טראגט די צייטונג, איז אויס. קומט ער פון דער ארבייט, פרעסט ער אפ סאפער און זעצט זיך אוועק ביי דער צייטונג... און איך מוז זיך מאטערן מיט די „ממזרים" ביז האלבע נאכט... איך קען דאס ניט אריבערטראגען... האט רחמנות, טראגט ניט קיין צייטונג"...

איך האב בעקומען מיינע זעקס פענים און האב געסטאפט די צייטונג.

אין א פאר טעג ארום האט מיין נייער קאסטאמער מיך ווייטער אנגעיאגט און געפרעגט ווארום איך ברייננ נישט די צייטונג.

וויל איך ניט מאכען קיין בייז לעבע צווישען איהם און זיין ווייב, און זאג פערשיעדענע תרוצים.

„מיסטער", זאגט ער צו מיר. „איך ווייס, מיין ווייב האט איך געבעטען... נו, טא בעט איך אייך נאך א מאל, טראגט מיר די צייטונג צוריק. הערט ניט, וואס זי רעדט, זי איז בייז ווי א טייוועל. איך קען אהן א צייטונג ניט לעבען... איך בין גאר א בלינדער מענש... ווען איהר וועט ניט טראגען, וועל איך לויפען פערציג בלאק און וועל קריגען א צייטונג... איך בעט אייך, טראגט מיר ווייטער די צייטונג... איך וועל אייך יעדער וואך אפווארטען דאונסטעירס און בעצאהלען אייך"...

איך האב צוגעזאגט איהם ווייטער צו טראגען די צייטונג, אבער איך ווייס ניט וואס איך זאל דא טון.

אין א פערלעגענהייט געפין איך זיך!

.2

## און מען גיט אויף מיר אכטונג...

איך לויף מיט מיינע צייטונגען ווי א רוח... איך אייל זיך שרעקליך...

אמעריקא איז א לאנד פון איילענים... כסדר איילט מען זיך. שנעל... שנעל... מען לעבט אב שנעל, מען שטארבט אוועק שנעל, מען לויפט, מען יאגט זיך. נו, לויף איך אויך. וואס זאל איך עפעס אבשטעהן פון כלל?

אט לויף איך אין איין הויז איבער די טרעפ און האלט שוין

אין האנט גרייט די צייטונג... דערהער איך א קינד וויינט... אזוי הערצרייסענד... אזוי בייַנקענד...

א קינדערשער געוויין מאכט אויף מיר א מאָדנעם איינדרוק. עס פערקלייבט זיך אין דער סאמער נשמה און פילט אן מיין הארץ מיט שמערצען...

נעהם איך געהן לאנגזאמער און הער זיך צו, וואו דאס קינד וויינט.

טאקע דא, דער געוויין טראגט זיך פון דער זעלבער שטוב, וואו איך דארף לעגען די צייטונג...

וועה, ווי דאס קינד וויינט, עס צורייסט זיך נעבעך דאס יונג הערצעלע... אזא'ן אונשולדיג, אזא ביטער וויינען...

די טיר איז א הארעלע אפען... איך הער זיך צו... קיינער שיינט ניט צו זיין אין צימער, ווארום קיינער שטילט ניט איין דעם קינד'ס וויינען.

און דאס עופ'עלע ווערט צוריסען וויינענדיג.

איך קלאפ אן אין טיר.

קיין ענטפער.

איך טו אן עפען די טיר. א בלאס קליין בייבעלע זיצט אויף דעם פלאר, רייסט זיך מיטביידע הענטעלעך די האר פון קאפ און וויינט, און וויינט.

ווייס איך ניט וואס צו טון.

אריינגעהן אין א פרעמד הויז ניט געבעטענערהייט האב איך עפעס מורא. אמת, איך קען די לייט, איך טראג זיי שוין צייטונ־גען באלד א יאהר, און מען איז מיט מיר גאר ווי אייגענע מענשען. אויך ווייס איך, אז זיי זיינען גרויסע אביונים, און ווען איך זאל אפילו וועלען, קאן איך אויך גארנישט גנב'ענען, דאך, ווי געהט מען עס אריין אין א הויז, אז מען זאגט ניט „קאם אין ?"

אבער אוועקגעהן קאן איך אויך ניט, און ווי איך האב קיין צייט ניט, בלייב איך שטעהן נעבען טיר ווי א צוגעשמידטער...

איך פערשטעה, אז די מוטער האט געמוזט ערגעץ וואו

אראבלויפען אויף א „מינוטעלע“, און דאס קינד, הפנים, ניט גע־וואלט נעהמען מיט זיך, ווייל דרויסען איז קאלט און פייכט.

ווארט איך.

און דאס קינד ווערט צוריסען וויינענדיג.

עפען איך אויף אין גאנצען די טיר.

דאס קינד דערזעהט מיך, בלייבט שטיל א ווייל, און קוקט מיך אן מיט גרויסע צושראקענע אויגען...

עס פערגעהמט מיך ביים הארצען.

איך נעהם שמייכלען צו דעם ארימען קינד און רעדען אויף בייבי־לשון. א ווילע, קוקט עס מיך אן מיט שרעק און פערדאכט, אבער באלד ווערט עס צו מיר פריינדליכער און טוט א זאג מיט די ליפעלעך:

„מאמע ! !“

„זי וועט באלד קומען, בייבעלע“, ענטפער איך.

טוט עס אזא טיעפען זיפץ...

נעהם איך צו איהם ווייטער שמייכלען און פערשפיעל עס. נור איך שטעה נאך אלץ אין טיר.

צייגט מיר די בייבי מיט׳ן הענטעלע אויפ׳ן וואשטאב.

אויפ׳ן וואשטאב ליגט ברויט.

„ווילסט ברויט ?“ פרעג איך.

מאכט עס מיט׳ן קעפעלע: „יע“.

האב איך זיך אין גאנצען פערגעסען, אז איך געפין זיך אין א פרעמדען הויז, געה אריין אין צימער, נעהם דאס ברויט־מעסער גאר מעשה בעל הבית, אזוי ווי ביי זיך אין דער היים, שנייד אב א שטיקעל ברויט און גיב עס דער בייבי.

קומט אן די מוטער פון דעם קינד...

„זעה !“... דערשרעקט זי זיך פאר מיר...

מיר ווערט ניט „לאווקע“, נאר איך פערליער ניט מיין מוט, אדרבה, איך פאל נאך אויף איהר אן:

„וואס טוט איהר דאס, מיסיס חאליאסטרע“, — אזוי האט

די פרוי געהייסען, — „איהר לאזט א קינד אליין... די טיר ברייט אפען און"...

„וואס רעדט איהר? די טיר אפען?" שלאגט זי מיר איבער...

„געווים אפען"...

„וואס רעדט איהר ?"

„געווים, און דאס קינד האט נעבאך אזוי געוויינט... און ווען עס האט מיך דערזעהען, האט עס ביי מיר געבעטען א שטיקעל ברויט...

„אה, דו נארישע בייבעלע", האט זיך די מוטער געווענדט צום קינד. „דארף מען דאס אזוי וויינען, ווען א מאמע געהט ארויס אויף א מינוט ?"

נאכהער קעהרט זיך אום מיסים האליאכטרע צו מיר, בע־דאנקט מיך זעהר פריינדליך און איך געה מיך אוועק אין מיין וועג א צופריעדענער.

איך לויף ווייטער און האב ניט דעם קלענסטען פערדאכט, אז איך האב זיך אויף מיין קאפ אנגעלאפען א גוטע צרה...

אויף מארגען איז ביי מיר מיין אייגען קינד געווען קראנק, בין איך ניט געגאנגען מיט מיינע צייטונגען. אויף איבערמארגען שלעפ איך שוין אויף דער זייט א שווערען פאק, אז די נשמה קריכט ארויס, רחמנא לצלן, ווארום איך צוטראג אויך נעכטיגע צייטונגען.

עס איז שווערליך.

איך שוויץ.

און דא פרעגען אידען קשיות :

„מיסטער, וואס איז נעכטען געווען ?"

מוז איך יעדען איינציגען דערצעהלען א מעשה, אבער טאקע, ווי איך זאג אייך, א גאנצע מעשה. א איד וועט זיך אייך ניט בע־נוגענען מיט א פאר ווערטער.

טו איך צום ביישפיעל א זאג :

„ביי מיר איז, ניט פאר קיינעם געדאכט, א קינד געווען קראנק".

ענטפערט מען מיט גרויס רחמנות :

„וועה“, און מען פרעגט אבער ווייטער :
„אויף וואס איז עס נעבאך געווען קראנק ?“
„א צוקיהלונג“, ענטפער איך שנעל.
„וואו ?“
„אין העלזועלע“.
„האט איהר עפעס א סך קינדערלעך, זאלען געזונד זיין ?“
„איינס“.
„עפעס א געראטענס ?“
„א טייער קינד“.
„ א אינגעלע, א מיידעלע ?“
„ א מיידעלע“.
„ווי הייסט עס ?“
„דארעלע“.
„ווי אלט איז עס ?“
„באלד צוויי יאהר“.
„דאס ערשטע ?“
„ניין, דאס צווייטע“.
„און דאס ערשטע ?“
„געשטארבען, נים פאר קיינעם געדאכט“.
„שוין לאנג ?“
„שוין באלד דריי יאהר“.
„ווי אלט איז עס געווען ?“
„העכער פון צוויי יאהר“.
„א שארען“.
„יע, א שארען“.
„פון וואס איז עס געשטארבען ?“
„פון דיפטעריע, נים פאר קיינעם געדאכט“.
„האט איהר גערופען א דאקטאר ?“
„געווען גענוג דאקטוירים“.
„האט איהר יעצט גערופען א דאקטאר ?“
„גערופען“.

„נו, וואס האט ער געזאגט ?"

„עס איז ניט געפעהרליך".

„נו, גאט צו דאנקען".

„יע, א דאנק גאט".

„שוין לאנג פערהייראט ?"

„שוין א יאהר צעהן".

„נו, מאכט איהר כאטש א לעבען ביי אייערע צייטונגען ?"

„וועלל, מען לעבט צו ביסלעך".

„טוט איהר עפעס נאך א מלאכה, חוץ דעם צוטראגען די אידישע צייטונגען ?"

„ניין, מעהר גארנישט".

„ארבייט איהר שווער ?"

„ניט צו פערזינדיגען".

„פון וואנען איז א לאנדסמאן ?"

„א רוסישער איד".

„דאס זעהט מען. איך מיין פון וואסער גובערניע ?"

„מאהליוווער".

„אה, מאהליוו... איך וויים... אן ארשער אפשר ?"

„ניין, א הארקער".

„איך וויים, א מאל בין איך געווען אין הארקע, מיין שווער'ס א ברודער איז א הארקער".

„זעהר פיין".

„קענט איהר דארטען ישראל זשינגיל ?"

„איך קען", ענטפער איך, און ווער משוגע.

„טשארנעמארדיקען קענט איהר?"

„איך וויים"...

„לעבען אייערע עלטערן ?"

„די מוטער לעבט".

„שיקט איהר ווען עס איז געלד אהיים ?"

איך ענטפער שוין מעהר ניט און אנטלויף ווי פון א שרפה.

דער נעקסטער קאסטאמער שטעלט אב און גיט א פרעג:

„מיסטער, נעכטען ?"

„ א קינד געווען קראנק".

„נו, וואס מאכט עס ?"...

און איך דערצעהל שוין ווייטער מעשיות.

קורץ גערעדט, די צונג ווערט ווי א פלאקען, אין קאפ נעהמט שווינדלען... און איך שלעפ מיין פאק א צורייצטער ביז בלוט. אט קום איך אין דעם זעלבען הויז, וואו איך האב מיט צוויי טעג צו־ריק אויסגעהאלפען דער ווינענדער בייבי.

איך טו א ווארף די צייטונג און וויל לויפען צוריק, שרייט מיר נאך מיסיס האליאסטרע :

„היי, מיסטער !"

„וואס ווילט איהר?" פרעג איך צורייצט.

„קומט נאר ארייז".

„איך האב ניט קיין צייט".

„קומט ארייז. מען מוז איך האבען".

איך קעהר זיך אום צוריק און געה ארייז צו מיסים האליאסטרע.

„ניט געקענט, א קינד געווען קראנק", זאג איך אב שנעל, מיינענדיג, אז זי וועט ואהרשיינליך פרעגען, ווארום איך האב נעכטען ניט געבראכט די צייטונג...

„א קינד געווען קראנק", מאכט צו מיר מיסים האליאסטרע מיט אזא מאדנעם שמייבעלע, עפעס אזוי ווי זי וואלט מיך אי־בערגעקרימט...

„וואס ווילט איהר, מיסים ?" פרעג איך טרוקען.

„וואס וויל איך ? איך ווייס שוין, וואס איך וויל", ענטפערט מיסים האליאסטרע און נעהמט אויף מיר קוקען מיט ברענענדע אויגען. „איך ווייס שוין וואס איך וויל... איהר זאגט מיר בעסער, ווארום האט איהר נעכטען ניט געבראכט די צייטונג".

„איך האב דאך אייך געזאגט", ענטפער איך צורייצט.

„איהר זייט א ליגנער !"

עס פלאצט אין מיר די גאל. איך וויל א שפיי געבען און

ליפען; אינסטינקטיוו ווארף איך אבער א בליק אויף מיסיס חאליאסטרע...

וועה! א פוריע! בלאס ווי א טויטע: די ליפען בלוי און ציטערן... די אויגען פינקלען...

איך האב זיך דערשראקען.

„איהר האט מורא געהאט צו קומען", זאגט די צורייצטע פרוי און טרייסעלט זיך אין גאנצען...

„מורא?" קוק איך זי אן איבערראשט.

„מיסטער", זאגט זי צו מיר מיט אזא שרעקליכער שטימע, „מיסטער, וואס האט איהר דא אייערנעכטען געטאן?"

„ווען?"

„אייערנעכטען... ווען איך האב אייך ג ע כ א פ ט אליין אין מיין הויז".

אין איין מאמענט האב איך בעגריפען, אז מען מוז מיך דא פערדעכטיגען אין גנבה...

איך בין געווארען א פערציטערטער... א מאדנעם געפיהל האט מיך ארומגעכאפט... איך קען דאס געפיהל ניט בעשרייבען... מורא, שרעק, פערדרוס, בעליידיגונג, עקעל, אלץ צוזאמען האט זיך איינגעפלאכטען אין א שארפען שמערצליכען ועהטאג און ווי מיט אכזריות א ציה געגעבען ביים הארצען.

פערבלייבענדיג א ווילע פערלארען, בין איך באלד געקומען צו זיך און האב געזאגט מיט א געמאכטער געלאסענהייט:

„אייער קינד איז... איז... משוגע געווארען שרייענדיג... די טיר איז געווען אפען"...

„עס איז געווען פערמאכט!" האט די פרוי געגעבען א גע־שריי ניט מיט איהר קול.

„עס איז געווען אפען... אבער וואס ווילט איהר?"

„וואו איז מיין געלד?"

„וואסער געלד?"

„איהר האט ביי מיר אוועקגענומען א פאקעטבוך מיט געלד".

„זייט ניט קיין נאר, מיסים חאליאסטרע... איך טראג ארום צייטונגען. אבער קיין גנב בין איך ניט"...

„ווער דען האט גענומען ?"

„וואס ווייס איך ?"

און פלוצלונג האט זי גענומען וויינען :

„מיסטער, איך בין זעהר אן ארעמע פרוי... מיין מאן איז סלעק, און מיר האבען קוים אויפ'ן שטיקעל טרוקענעם ברויט... איבער די צוויי דאלאר וועלען מיר דארפען הונגערן א גאנצע וואך... האט רחמנות... מיין מאן האט מיך נעכטען געוואלט איבער די צוויי דאלאר שלאגען"...

איך קאן זיך גענוי ניט עראינערן, נור מיר דאכט, אז איך האב אריינגעלעגט די האנד אין קעשענע אום ארויסצונעהמען מיין „קאפיטאל" און סעטלען מיט דער פרוי...

איך האב אבער דאס ניט געטאן און געזאגט :

„מיסיס, עס טוט מיר זעהר לייד פאר אייך... אבער איך בין ניט שולדיג... זוכט אקארסט די געלד... אפשר וועט איהר געפינען"...

„וועה איז מיר !" האט די פרוי פערבראכען די הענד און גענומען רייסען זיך די האר פונ'ם קאפ...

איך בין ארויסגעלאפען פון הויז ווי א משוגענער...

ווען איך בין געווען אין גאס, האב איך אפגעאטעמט פריי־ער... דאך האט זיך מיר געדאכט, אז מיסים חאליאסטרע וועט באלד ארויסלויפען... א שרעקליכע... א בלאסע... מיט צושויבערטע האר... וועט מיך נעהמען נאכיאגען און שרייען : „כאפט א גנב"...

דיעזער געדאנק האט אויף מיר געמאכט אזא שטארקען איינ־דרוק, אז איך האב געכאפט לויפען משוגע'נערהייט, אזוי ווי די פרוי וואלט מיר ווירקליך נאכגעלאפען...

דער טיעפער שנעע אונטער די פיס, דער שווערער פאק אויף דער זייט, און מיינע שוואכע, שוואכע קרעפטען, האבען מיך צו זיך געבראכט...

איך האב זיך אבגעשטעלט, אבגעווישט דעם שוויים פונ'ם פנים און זיך ארומגעקוקט...

איך האב מורא געקראגען צו בעגעגענען ניט די פרוי, וועל־כע האט מיך פערדעכטיגט אין גנבה, פערקעהרט, איך האב מורא בעקומען אנצוטרעפען זיך מיט איינעם פון מיינע בעקאנטע, פון די, וועלכע ווייסען, אז איך בין ניט קיין גנב... עס האט זיך מיר געדאכט, אז מיסים חאליאסטרע׳ס פערדאכט האט געמאכט א צייכען אויף מיין פנים... און יעדערער וועט עס זעהען...

מיט צעהן יאהר צוריק, ווען איך האב פערלאזען מיין היימאט און געפאהרען נאך אמעריקא, האט מיך בעגלייט מיינער א נאהענטער פריינד מיט דעם נאמען זילבערמאן.

ווען עס איז געקומען די לעצטע מינוט פון שיידען זיך, האט זילבערמאן געדריקט מיין האנד און געזאגט : „איך בין דיר מקנא, איך וואלט וועלען זיין אויף דיין פלאץ“.

און איך האב דאן מיין פריינד געטרייסט :

„וועסט אין גיכען אויך קומען צו מיר“.

און יעצט ווען איך בין געשטאנען און געווישט דעם שוויים פונ׳ם פנים, איז מיר, איך ווייס אליין ניט ווארום, ארויפגעקומען אויפ׳ן געדאנק אט די סצענע פון שיידען זיך מיט מיין פריינד זיל־בערמאן.

פונקט מיר אנטקעגען איז געווען א מעבעל־געשעפט. אין א גרויסען שפיגעל האב איך דערזעהן מיין גאנצע פיגור, ווי איך שטעה און געה.

א קליין, דאר אידעל, מיט א בלאס־געלען פערמאטערטען פנים, מיט א גרויסען, העסליכען וואטאווען היטעל אריבער די אויערן, אנגעטאן אין ווינטערדיגע שמאטעס, מיט א פאק ציי־טונגען אויף דער זייט, צוגעבונדען אויף א שטריקעלע, וואס איז איינגעשניטען אין איין פלייצע און מאכט איין אקסעל ני־דעריגער פון דעם צווייטען... שטעה פערגראבען ביז די קניע אין ניו־יארקער שנעע און בלאטע און... און האב מורא, אז אט אט נעהמט נאך דיר לויפען מיסים חאליאסטרע און שרייט : „כאפט א גנב“.

„עך, ברודער זילבערמאן“, האב איך א טראכט געגעבען,

„וואלסט יעצט מיך געזעהן, וואלסטו געווים ניט מקנא געווען מיר און וואלסט אפשר ניט וועלען זיין אויף מיין פלאץ".

און אזוי קוקענדיג אין דעם גרויסען שפיגעל פון דעם מעבעל-געשעפט, האט זיך מיר שטארק פערגלוסט אראבשליידערן פון זיך די גאזעטען מיט דעם שטריקעלע, מיט דעם וואטאווען היטעל, מיט אלע שמאטעס, צולאכען זיך מיט א ווילדען געלעכטער, און לויפען... לויפען...

אבער וואוהין ?

אוי, וואוהין לויפט מען ?

איך האב ניט געוואוסט וואוהין און דערפאר בין איך טאקע ניט געלאפען און אוועק ווייטער טראגען גאזעטען איבער די הייזער...

* * *

מיט וואס האט זיך די געשיכטע געענדיגט ?

אט הערט אוים :

מיסים האליאסטרע האט געפונען די צוויי דאלאר. זי האט עס מיר אליין דערצעהלט, און דערביי געבעטען, איך זאל איהר ענטשולדיגען.

גאט איז מיין עדות, אז איך האב דער פרוי פון פולען הארצען מוחל געווען, וואס זי האט מיך אזוי שטארק בעליידיגט, און איך בין באמת געווען צופריעדען, וואס זי האט געפונען איהר געלד.

איז דען אויף דער ארימער מיסים האליאסטרע ניט געווען א ביטערער רחמנות?

און ווייטער, וואס האב איך צו איהר געקאנט האבען ? עס איז אמעריקא, ניו־יארק, איינער קען דא ניט דעם צווייטען, איינער קען קיינמאל ניט וויסען, ווער זיין נאהענטסטער שכן איז. און ווארום זאל זי טאקע ניט פערדאכטען א וואסערען עס איז צייטונגס־טרעגער אין גנבה ?

אלעס וואלט זיך געענדיגט מיט גוטען, נור ביז וואנען מיסים האליאסטרע האט אויסגעפונען איהר גנבה, האט זי גענוג צייט געהאט פערנאנדערצופויקען פאר דער גאנצער נאכבארשאפט וועגען מיין שלעכטער רעפוטאציע.

פון וואנען נעהם איך דאס ?

קיינער האט מיר גראדע ניט דערצעהלט, אז מען רעכענט מיך פאר א גנב, נור איך האב בעמערקט, אז ווען מיר קומט אוים קא־לעקטען די פענים פאר מיינע צייטונגען ביי די קאסטאמער אין מיסים האליאסטרע׳ס נאכבארשאפט, גיט מען מיר אפ עפעס צו־פיעל כבוד, מען בעגלייט מיך ביז דער רעכטער טיר... און מען גיט אויף מיר אכטונג...

# זיין אידישע מוזע.

ער איז געזעסען און געשריבען.

ער איז א איד, און געשריבען האָט ער ניט אין דער אידישער שפּראך. ער האָט געשריבען וועגען אידען, אבער ניט פאר אידען. ער האָט געשילדערט דעם ים מיט צרות פון זיינע פערוואגעלטע, עלענדע, ארמע ברידער און שוועסטער, אבער די, וועמעס וועהטא־גען ער האָט אויסגעדריקט, וועלען קיין מאָל ניט לעזען זיין שריי־בען... און פריער האָט דיזער שרייבער געהאט א אידישע מוזע, אן איינפאכע אידיש־זשארגאנישע מוזע. פון דיזער מוזע איז ער געבארען געווארען, ביי איהר אויפ'ן שויס האָט ער זיך אויסגעהאָ־דעוועט, ער איז איהר קינד. און ווען ער איז עטוואס אויסגעוואקסען, האָט ער זי אבגעשטויסען פון זיך, פערווארפען און פרעגעסען... און די מתנות, וועלכע זי האָט איהם געשיינקט, פערקויפט ער יעצט צו רייכע ערלים...

ער איז געזעסען און געשריבען, און ער איז געווען פערטיעפט אין זיין שרייבען, נור ווען ער האָט אונגערן א בליק געגעבען ארום זיך, האָט ער דערזעהען זיין אלטע אידישע פערלאזענע מוזע... ער איז געווארען בייז... אבער אין הארצען האָט זיך ביי איהם א ריהר נעגעבען א פונק פון רחמנות. זי איז געשטאנען, אראבגעלאזענער־הייט דעם קאפּ, און פון איהרע אויגען האָבען ארונטערגערונען טרערען.

„וואס ווילסטו?“ האָט דער שרייבער טרוקען געפרעגט, אבער זיינע ליפּען האָבען נערוועז געציטערט.

„קינד מיינס“, האָט זיך דערהערט דער מוזע'ס שוואכע שטי־מע. „קינד מיינס, האָסט אן מיר הפּנים אין גאנצען פערגעסען.

ווילסט גאר מיט מיר קיין מאָל א ווארט ניט אויסרעדען. האָסט מיך ארויסגעריסען פון דיין הארצען און ווילסט וועגען מיר ניט וויסען".

דער שרייבער האָט געשוויגען, אבער עס איז געווען קענטיג, אז עטוואס קומט פאר אונטער זיין ברוסט.

„קינד מיינס", האָט די מוזע ווייטער גערעדט, „טוסטו ניט צומאָל א טראכט, פיליכט נויטיג איך זיך אין דיר? פיליכט בין איך אין א קריטישער לאגע? פיליכט איז מיין הארץ אויף אזוי פיעל צובראכען, אז איך מוז האָבען דיין טרייסט?"...

דער שרייבער איז פערבליבען שטום. עס האָט אבער ביי איהם די פעדער געציטערט צווישען די פינגער.

און די מוזע האָט ווייטער גערעדט:

„זוהנעניו, איך בין דיין מוטער, איך בין שיעור ניט פעררוקט געווארען פון שמחה, ווען עס האָט זיך דערהערט דיין ערשטער אויס־געשריי. ווען דו ביזט געווען אין ווינדעלעך, האָט קיינער אויף דיר ניט געוואָלט א בליק געבען, און איך האָב דיך גערייניגט, געוואשען, געהאלזט און געקוסט. ווען דו ביזט נאך געווען א קינד, איז קיי־נעם ניט איינגעפאלען אין קאָפּ צו צוהערען זיך צו דיין קינדערשען פלאפלען. איך האָב אבער יעדעס ווארט דיינס געשלונגען. ביי מיר אויפ'ן שויס האָסטו זיך אויסגעהאדעוועט, מיין בלוט האָסטו גע־זויגען אלס מילך, ביי מיר אויפ'ן האנד האָסטו געמאזעלט און גע־פאקט... געדיינקסטו דאס, מיין קינד?"

דער שרייבער האָט געשוויגען, זיין פּנים איז אבער געווארען אלץ בלאסער און בלאסער...

און די מוזע האָט ווייטער גערעדט.

„איך האָב געליטען, און דו האָסט געקראגען קרעפטען. איך האָב זיך געמאטערט, און דו האסט געקראגען געדאנקען. איך האָב געוויינט, און מיינע טרערען האָבען אנגעפילט דיין הארץ מיט סיר־זשעטען. פון מיינע צרות און וועהטאגען בעשטעהט יעצט דיין אוצר, וועלכען דו צוטיילסט צווישען פרעמדע... קינד מיינס, און דו... דו שעמסט זיך מיט מיר צו רעדען, פערשטויסט מיך... דערווייטערסט זיך פון מיר..."

די מוזע האט גענומען שטיל וויינען.

דער שרייבער איז געוואָרען א פערציטערטער, זיינע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרערען, ער האָט געכאַפּט די פעדער אין האנד און גענומען שנעל, פיבעריש שרייבען.

די מוזע האָט געוויינט. זיין הארץ האָט זיך געריסען, און ער האָט געשריבען און געשריבען... און עס איז געוועזן קענטיג, אז ער לעגט אוועק זיין נשמה, זיין גאנץ הארץ אין זיין שרייבען. די מוזע האָט אויף איהר קינד א בליק געטאָן מיט הייסער ליעבע. זי האָט אויפגעהערט צו וויינען; זי האָט פערשטיקט איהרע טרערען. זי האָט איהם ניט געוואָלט שטערען אין זיין ארבייט און מיט א שטילען זיפץ איז זי פערשוואונדען געוואָרען.

און דער שרייבער האָט געשריבען און געשריבען. דאס האָט ער אויסגעדריקט זיין וועהטאג, וועלכען ער האָט געפיהלט פון זיין אלטער מוזע׳ס וויזיט צו איהם... און... און... אויך דיעזען וועהטאג האָט ער נאכהער פערקויפט פאר „פרעמדע“.

# נעכטען און היינט.

אבענד צייט, אונגעפעהר צווישען פיער און פינף דעם זייגער, קאן מען הערען ווי עס קלינגען כמעט אלע גלעקער פון אונזער גרויסען טענעמענט-הויז, און מען וויס, אז דאס קלינגט דער ציי־טונגס-מאן, וועלכער ברייננט אונז צוטראגען אונזערע אידישע ציי־טונגען.

אויף די טרעפ ווערט א שטיקעל רעש. דאס לויפען אונזערע שכנים ארונטער נאך די צייטונגען. יעדערער געהט זיך צו זיין בריעפקאסטען, נעהמט זיין בלאט, געהט אוועק צו זיך, און אלע ווערט ווייטער שטיל.

דאס קומט פאר יעדען אבענד, און דאס זעלבע איז אויך נעכ־טען געווען. מען האט אנגעקלונגען; יעדערער פון אונזערע טע־נענטס האט ארויפגעטראגען זיין צייטונג; אויך איך האב ארויסגע־נומען פון בריעפקאסטען מיין צייטונג און בין אין הויז אריין.

און לעזענדיג די נייס אויף דער ערשטער זייט, בי איך גע־בליעבען אן ערשטוינטער...

וואס איז דאס? איז דאס אמת? איז דאס מעגליך?... איך רייב זיך אויס די אויגען, און לעז איבער נאך אמאל און נאך אמאל די מערקווירדיגע נייס... יע, עס איז אמת, עס איז וואהר!

אונזער רוסלאנד איז פריי!

מיין היים, מיין פערלאזענע אונגליקליכע היים, וועלכע ליעגט אזוי וויט, אזוי וויט פון מיר, אבער וועלכע איז ביי מיר שטענדיג אין הארצען, אייביג, אייביג אין רעיון, מיין היים איז בעפרייט!...

דאס ארבייטער־פאלק האט אויפגעהויבען דעם מעכטיגען ארם, און אונזער היים איז בעפרייט געווארען. מיר האבען א קאנ־סטיטוציאן! עס איז פערווירקליכט געווארען דאס, וועגען וואס מיר האבען נור פאנטאזירט, נור גע׳חלום׳ט דאן, ווען איך האב פערלא־זען מיין היים.

און איך לעז ווידער און ווידער די נייס פון רוסלאנד, און מיין הארץ כאפט ארום א שמחה, מיר ווילט זיך אימיצען ארומנעהמען, מיר ווילט זיך אימיצען פאלען אויפ׳ן הארצען, מיר ווילט זיך צו־וויינען פאר פרייד, מיר ווילט זיך האלזען, קושען די גאנצע וועלט.

מיין לאנד איז פריי! אפשר וועט יעצט מקום ווערען דער טרוים פון מיין לעבען? אפשר וועל איך דערלעבען מיין היים זעהן?

א בעגליקטע היים, א בעפרייטע היים... ווען איך וועל זעהן אונזערע פערפינסטערטע, פערזאונגליקליכסטע אידען אלס אנערקענ־טע בירגער, מיט פולע מענשליכע רעכט...

איז דאס מעגליך? אפשר איז דאס נאך אלץ א חלום?

איך וויים, אז די שכנים פון אונזער הויז לעזען יעצט אויך די גוטע, די הייליגע בשורה וועגען רוסלאנד. אין אונזער הויז וואוי־נען אלע רוסישע אידען, און איך ווער אזוי נייגעריג צו וויסען, ווי אזוי זיי פיהלען זיך, וואס זיי דענקען.

איך עפען אויף ברייט דאס פענסטער פון מיין צימער. דאס פענסטער קוקט אריין אין דאס „עירשעפט“, און איך נעם זיך אויפ־מערקזאם צוהערען — אפשר וועל איך עפעס אונטערכאפען א פראַ־זע, א ווארט...

שטיל! איך הער גארנישט!

א קינד האט זיך פרעהליך צולאכט. דאס קינד וויים ניט וועגען אונזער רוסלאנד, אפשר דערפאר לאכט עס אזוי פרעהליך, אזוי זארגלאז?

אהא... דער אלטער ר׳ יונה... זיין קול... ער זינגט עפעס... ער זינגט אזוי פריי, אזוי פרעהליך... עפעס ווערטער פון א תפלה... לאַ־מיך הערען... ווערטער פון „הלל“ דאכט מיר... דעם אלטען יונה׳ס ליפען שעפטשען „הלל“. אט כאפ איך אבגעריסענע ווערטער: „כוס

ישועות אשא ובשם ד׳ אקרא״ — „דעם בעבער פון הילף וועל איך אויפהעבען, און גאט׳ס נאמען וועל איך אויסרופען״.

און עס זאגט מיר מיין הארץ — די גליקליכע נייס פון דער היים האט אויך דערפרייט דאס הארץ פון דעם אלטען גרויען אידען.

א ביסעל וויים איך אט וועגען דעם אלטען יונה׳ן. א זוהן האט דער אלטער אין רוסלאנד; א זוהן, א שנור און אייניקלעך. דער זוהן איז א בעל מלאכה און וואוינט אין קיעוו. דער אלטער טאר דארטין ניט וואוינען... איך ווייס, אז דער אלטער האט זעהר ליעב זיין זוהן, וועלכען ער האט איבערגעלאזען אין רוסלאנד... דער אלטער האט אין רוסלאנד נאך א זוהן אויפ׳ן בית עולם, געשטארבען א בלוט־יונגער, נאך צוואנציג יאהר ניט אלט געווען. דא האט יונה אן אויס־געגעבענע טאכטער. צו דער טאכטער איז ער געקומען, און ביי איהר געפינט ער זיך... און איך ווייס, אז דעם אלטען יונה איז דא ניט גוט ביי דער טאכטער, זעהר ניט גוט...

און איך טראכט ביי זיך — אפשר האט דעם גרויען אי־דענס הארץ אויפגעציטערט פאר פרייד, אזוי ווי עס האט אויפגעצי־טערט מיין אייגען קראנק הארץ? אפשר האט אונטער זיין אלטער אויסגעטריקענטער ברוסט ארייגעקוקט דער זעלבער ווארמער ליב־טיגער שטראל פון בטחון, וועלכער האט ווארם און ליכטיג געמאכט אין מיין נשמה?...

איך האב עפעס גאר קיין מאל ניט געהערט, דער אלטער יונה זאל אזוי פריי און פרעהליך זינגען... עס איז דען היינט שמחת תורה? און גאר די ווערטער פון „הלל״ מורמלען זיינע ליפען... „כוס ישועות אשא ובשם ד׳ אקרא״ — „דעם בעבער פון הילף וועל איך אויפהעבען און אין גאט׳ס נאמען וועל איך רופען״.

דער אלטער האט געלעזען די נייס, ער האפט געוויס, אז מען וועט איהם יעצט שוין לאזען זעהען זיך מיט זיין זוהן... זיין אלט הארץ ציהט אהיים צו זיין לעבעדיגען זוהן און צו זיין טייערען קבר.

ששש! די באררעקע פון דריטען פלאר צו די בעק זינגט — די מארסעליעזע...

„שטעהט אויף, איהר אונטערדריקטע ברידער, מאכט פון שקלאפעריי א סוף"... א. ז. וו.

איך קען ניט די בארבערקע פון דריטען פלאָר, איך ווייס ניט איהר נאמען, כאטש איך זעה זי אפט און הער זי אפט...

זי מוז זיין א בונדיסטקע — איך בעגעגען זי אפט אויף בונ־דיסטישע מיטינגען. איך הער זי אפט זינגען די „שבועה" און אנדערע אידישע רעוואלוציאנערע ליעדער...

זי איז נאך א גרינע, עפעס ביי א יאהר אין לאנד. איהרע אוי־גען זיינען שטענדיג פערטרוימט און פערטראכט, און אויף איהר בלאסען געזיכט לעז איך אימער א טיעף בייננקען... א טיעף פערבאר־גענעם שמערץ.

איך קען זי ניט, איך ווייס ניט איהר געשיכטע. ווער ווייס, נאך וואס און נאך וועמען זי בייננקט? ווער ווייס, וואס עס האט זי אהער געבראכט? ווער ווייס, ווארום זי האט די היים פערלאזען? וועמען זי האט אין דער היים איבערגעלאזען?

ווארום האט זי מיט א מאל גענומען זינגען די מארסעליעזע, אזוי מונטער, אזוי פרעהליך, אזוי פריי?

איך ווייס, זי האט די צייטונג געלעזען, זי ווייס שוין פון די גוטע, פרעהליכע נייס פון דער היים... און זי זינגט א לויב צו איהר גאט אויף איהר שטייגער: „שטעהט אויף, איהר אונטערדריקטע ברידער, מאכט פון שקלאפעריי א סוף"...

און איך פיהל אין דעם זינגען א גאנצען ברויזענדען ים פון אויפגעלעבטע ליכטיגע האפנונגען...

און דאס איז אלעם פארגעקומען נעכטען... היינט האבען זיך די בילדער געענדערט...

* * *

ווידער האבען די גלעקלעך געקלונגען, ווידער האבען אונ־זערע שכנים זייערע צייטונגען בעקומען... ווידער זיץ איך אין מיין צימער און לעז די נייס פון רוסלאנד... פון דער היים...

און עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען, עס געהט אריבער

א שווידער איבער מיין גאנצען לייב, די צייטונג פאלט ארויס פון מיינע הענד...

מען הרג'עט אידען! מען מארדעט אידען אהן רחמנות! אהן א פארוואס, אהן א פארוועז!

מען קוילעט קליינע אונשולדיגע קינדערלעך פאר די אויגען פון די עלטערן... מען פערגיסט דאס בלוט פון די עלטערן פאר די אויגען פון די קינדער...

מען הרג'עט אידען... מען קוילעט זיי, די אייביגע מארטירער, הונדערטער־ווייז, טויזענדער־ווייז...

איבער גאנץ רוסלאנד קלינגט אב דער וועה־געשריי פון מיין אונגליקליכען פאלק... גאנץ רוסלאנד איז רויט, שרעקליך רויט פון אידישען בלוט...

איך האב נעכטען גאר פערגעסען, אז מיר זיינען אידען... איך האב זיך צו פריה געפרייט... מיר זיינען אידען... אידען... אייביגע אידען... און איידער מען וועט איינשטילען אונזער ברענענדען הונ־גער מיט א שטיקעל ביינדעל, וועט מען זיך פריהער גוט, גוט אנ־טרינקען מיט אונזער בלוט... איידער מען וועט אונז ערלויבען צו נעהמען א טראפען וואסער צו אונזערע פערשמאכטע ליפען, וועט מען איבערשטעכען אונזער שטאלץ, אונזער יוגענד, וועט מען צור־רייסען אויף שטיקער אונזערע קליינע קינדער. מיר זיינען אידען... מיר האבען ניט קיין היים, מיר האבען ניט קיין ווינקעל... מיר זייי־נען פרעמדע אויף דער גאנצער וועלט, אומעטום... אומעטום... פרעמדע, פרעמדע...

ששש! דער אלטער גרויער יונה זינגט עפעס ווייטער... נאר ער זינגט ניט... ער וויינט... ער קרעכצעט... איך הער ווייטער ווער־טער... עס איז שוין ניט „הלל".

„יזכרם אלהינו לטובה עם שאר צדיקי עולם וינקום נקמת דם עבדיו השפוך" — זיפצט הערצרייסענד ר' יונה...

אהא, דער אלטער האט געלעזען די שוידערליכע נייס, ער איז מזכיר נשמות די מארטירער... און ער בעט ביי גאט נקמה פאר דאס פערגאסענע בלוט...

און אין דעם אלטען׳ס קול ציטערט א גאנצער ים, א ברויזענ־דער ים פון אונגליק, שרעק, פיין און שמערץ.

„יזכרם אלהינו לטובה“ — גאט זאל זיי דערמאנען צו גוטען, אונזערע ערמארדעטע ברידער. „עם שאר צדיקי עולם“ — מיט די איבעריגע מארטירער פון דער וועלט. „וינקום נקמת דם עבדיו השפוך“ — און ער זאל נקמה נעהמען פאר אונזער פערגאסען בלוט...

נקמה בעט דער אלטער...

נקמה! נקמה!

אבער פון וועמען? די גאנצע וועלט, די גאנצע פערדארבענע, פערפינסטערטע וועלט, יאגט אונז, פלאגט אונז, רודפ׳ט אונז!

שא! די בונדיסטקע קוקט ארויס פון פענסטער...איהרע אויגען זיינען רויט פון טרערען... וועמען בעוויינט זי? אפשר זיינען פאראן צווישען די הרוגים, צווישען די געקוילעטע, אויך זייערע ליעבע, טייע־רע, נאך וועמען אהר הארץ געהט אויס פון בייגקען?...

אט האט זי צוריק דאס פינצטער פערמאכט... און זי האט גע־נומען זינגען שמערצליך, הערצרייסענד א טרויער־מארש...

און מיר האט זיך פערוואלט ווייגען, ווייגען און ווייגען...

# ווערטערבוך

## פון די אידיש־ענגלישע אויסדריקע, וואס געפינען זיך אין די ערצעהלונגען.

### א.

אדוועטייזמענט — א מודעה, אנאנסע, רעקלאמע.

אָווערטיים — איבערשטונדען.

איינגעטרייט — איינגעאיבט.

אינסטאָלמענט — אבצאהלונגען.

איירישמאן — אירלענדער.

אָלל־רייט — גאנץ גוט, רעכט!

אפרייטאָר — ארבייטער ביי דער מאשין.

אפּארטמענט־הויז — א הויז מיט גרעסערע דירות און מעהר בעקוועמליכקייטען ווי א טענעמענט־הויז.

### ב.

באָרד — א פלאץ צום עסען.

באָס — מייסטער, בעל־הבית.

באָרדער — קוואַרטיראנט, קעסטלינג.

באָרדערין — קוואַרטיראנטקע.

באָי — איינגעל.

באָרד־אָף־העלל — פערגרייזט פון באָרד אוו העלטה; דער שטאדט דעפּארטאמענט, וואס האָט צוטון מיט דער געזונדהייט פון דער בעפעלקערונג.

ביזי — פערנומען; די צייט אין יאהר, ווען מען איז פערוואר־פען מיט ארבייט.

בייבי — קליין קינד, עופ׳עלע.
ביטש — א זאמדיגער ברעג פון ים.
בייסטער — דער וואס פערסטריגעוועט.
ביוראָ — קאנטאָר.
בליזארד — שנעע־שטורם, זאווערוכע.
בלאָק — קווארטאל; טייל גאס אין דער לענג פון איין ווינקעל ביז׳ן אנדערען.
בראָנזוויל — שטעדטעל לעבען ניו יארק בעזעצט מיט אידען.

## ג.

גוד לאָק — מיט גליק, אין א גוטע שעה!
גוד באָי — פיין אינגעל.
„גיני“ — שפאָט־נאמען פאר איטאליענער.
געפיקסט — פעררינכט.
גרינער — דער וואס איז ניט לאנג אין לאנד; א ניט געניטער.
גראָסערי — שפייז־קראָם.

## ד.

דאונסטערס — אונטען (אין א הויז).
דאון־טאון — אונטערשטער טייל פון שטאדט.
דזשעניטאר — וואס פאסט אויף אין הויף.
דיספענסערי — שפיטאָל פאר ארימע, ליעטשעבניצע.
דינער — אָנבייסען, וואָרעמעס.
דעפאזיט — האנד־געלד.
דרייווער — טרייבער פון א וואגען.

## ה.

האָספיטאל — שפיטאָל.
האָל — א זאל, וואו מען האלט אב פערזאמלונגען, קאנצערטען, א. ד. גל.; ארייננאנג אין הויז.
האַרלעם — א קווארטאל אין דעם אויבערשטען טייל פון ניו יארק.

### וו.

„ווהיסקי“ — פערגרייזט פון „ווהיסקערס“, א באָרד.

ווײדזשעס — שכירות.

וועל — נו? בקצור? עט...

### ט.

טאָפּ־פלאָר — אויבערשטער שטאָק.

טאָמייטאָ־קען — דאס קענדעל פון קאָנסערווירטע טאָמאטען.

טענעמענט, טענעמענט־הויז — א הויז, ווי א קאזארמע, מיט קליינע קבצנ'ישע דירות.

טענדען — טון די נויטיגע ארבייט.

טענענט — קווארטיראנט אין א הויז.

### י.

יענקי — עכטער אמעריקאנער.

### ל.

לאָזשי — קווארטיר אין שכנות ביי עמיצען.

לויפער — פערגרייזט פון „לאָופער“, באָדיונג, וויסער חברה'ניק.

ליינונג — אונטערשלאק.

ליסטער — דער וואס נעמט א הויז אין ארענדע.

לענדלארד — בעל־הבית פון הויז.

### מ.

מאלעריע — קדחת.

מאָרטגעדזש — זאקלאדנאיא; פערמאָרטגעדזשט — פערזעצט.

מאָנטעפיאָרע האָום — אידישער שפיטאָל אין ניו יארק פאר אונהיילבארע קראנקע.

מוף־צעטעל — א בעפעהל פון געריכט ארויסצוקלייבען זיך פון דירה פאר ניט בעצאהלען דירה־געלד אדער אנדערע חטאים.

מופען — זיך אריבערקלייבען אין א נייער וואוינונג.
מיסיס — בעל־הבית'טע, מאדאם.
מיסטער — בעל־הבית, הערר.
מענופעקטשורער — פאבריקאנט.

נ.

נוירס — ווערטעריןֿ.

ס.

סאפער — וועטשערע.
סאלון — שיינק.
סופעראינטענדענט — הויפט־אויפזעהער.
סוועטער — בעל־הבית פון א סוועט־שאפ.
סוועט־שאפ — ענגער, שמוציגער ווארשטאט.
סטענד — סעמער, ביידעל.
סטאר, סטארקע — קראם, קרעמעל.
סטריט — גאס.
סטרייק — שטרייק.
סטאפען — אויפהערען; אבשטעלען די ארבייט.
סטיישאן־הויז — פאליציי־אוטשאסטאק, צירקעל.
סיילעסמאן — פריקאשטשיק, אנגעשטעלטער אין א קראם.
סיידוואק — לאווע, טראטואר.
סלעק — ארבייטסלאזיגקייט.

ע.

עווענוּ — א ברייטע גאס.
עירשאפט — דאס ענגע הויפעל צווישען צוויי היזער.
עלליס־איילענד — די אינזעל, וואו די רעגיערונג פערהאלט די עמיגראנטען, איידער זיי ווערען אריינגעלאזען אין ניו יארק (בעקאנט אין אייראפא אונטער'ן נאמען „קעסעל־גארדען").
עקספרעסמאן — טרייבער פון א משא־וואגען.

### פּ.

פּאקעט — קעשענע.
פּארלאָר — זאל אין שטוב.
פּושקארט — האנד־וועגעל מיט סחורה צום פערקויפען.
פּלעזשור — פערגניגען.
פּעדלער — פּאקענטרעגער, הויזירער.
פּעני — סענט.

### פ.

פארמאן — עלטסטער אין מענער־שאפּ.
פארליידי — עלטסטע אין פרויען־שאפּ.
פאריער — דער וואס ארבייט ביי פוטערס.
פאיט — געשלעג, מחלקה.
פינישער, פינישערין — דער אדער די, וואס מאכט אין שאפּ די האנד־ארבייט.
פייער־עסקייפּ — אייזערנע טרעפּ ביים פענסטער אום צו ראַטעווען זיך אין פאל פון א שרפה.
פלאָר — שטאָק; פאדלאָגע, פוסבאָדען.
פראָנטרום — דאס שענסטע צימער אין הויז.
פראָנט — פאָרענט; א דירה צו דער גאס.

### ק.

קאָמפּעני — געזעלשאפט.
קאר — וואגאן; טראמוואי.
קאנטרי — פראווינץ; זומער־פלאץ.
קאלעקטאר — קלייבער, איינמאָנער.
קאָסטאָמער — קונה, קונד.
קאם אין — געהט אריין!
קארפּעט — טעפּיך, דיוואן.
קיטשען — קיך.

**קענדי** — צוקערקעס, קאנפעקטען.

קעריִדזש — קארעטע.

**ר.**

ראקינג־טשער — וויעג־שטול.

ראפּער — מארגען־ראָק פאר פרויען.

ראאוט — ראיאן פון א ציימונגס־טרעגער.

רום — צימער.

רומס — צימערן; דירה.

ריעל עסטייט — לאנד־אייגענטום; דער האנדעל מיט לאנד און הייזער.

רידער — ענגלישער א״ב; כרעסטאמאטיע.

רענט — דירה־געלד.

**ש.**

שאפּ — ווארשטאט, קליינע פאבריק.

שיני — זשיד.

שעפּער — ווארשטאטען.

# קאטאלאג
## פון די
# אינטערנאציאָנאַלע ביבליאָטהעק

פּרייז

פּיליפּ קראַנץ, קולטור געשיכטע, 3 בענדער, געבונדען,
יעדער באַנד ...................... 75.
" " פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, געבונדען .... 1.00
" " אַמעריקאַ פאר קאָלומבוס, געבונדען ...... 50.
" " יציאת מצרים, פּאַפּיער ............... 15.
" " וואָס הייסט נאַציאָן ................ 10.

לעבענס־בעשרייבונגען פון בעריהמטע מענער.
אַ זאַמלונג פון ביאָגראַפיעס פון די גרעסטע דענקער,
פּאָעטען און שריפטשטעלער פון דער אַלטער און נייער
צייט, אין 3 בענדער, געבונדען, יעדער ........ 1.25

מאָרים ראָזענפעלד, שריפטען, 1טער סעט, באַנד 1, געבונדען 1.00
" " " " " " 2 " 1.00
" " " " " " 3 " 1.00
" " נייע שריפטען 2טער סעט, באַנד 4, געבונדען 1.25
" " " " " " " 5 " 1.25
" " " " " " " 6 " 1.25

פרייז

| | |
|---|---|
| ד. פינסקי, ערצעהלונגען, 2 בענדער, געבונדען, יעדער באַנד | .75 |
| " אייזיק שעפטעל, דראמא ................ | .15 |
| דר. קאספע, מעכאַניקע ....................... | .10 |
| " " כעמיע .......................... | .15 |
| " " אַסטראָנאָמיע .................... | .15 |
| יהואש, געזאַמעלטע ליעדער, געבונדען ............... | 1.00 |
| י. גאָרדין, ערצעהלונגען, געבונדען ................ | .75 |
| " " סאפפהא ........................ | .25 |
| " " גאָט, מענש און טייפעל ................ | .25 |
| " " אלישע בן אבויה .................. | .15 |
| " " דער אונבעקאַנטער .................. | .20 |
| " " די אמת'ע קראַפט .................. | .20 |
| מאקסים גאָרקי, ערצעהלונגען .................. | .15 |
| " " אינטערוויוס .................. | .15 |
| ליעוו טאָלסטאָי, איינציגער מיטעל ............ | .5 |
| " " פאַטריאָטיזמוס און רעגירונג ........ | .5 |
| " " צום ארבייטער פאָלק .............. | .15 |
| דר. ח. זשיטלאָווסקי, דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע ............................ | .40 |
| ז. ליבין, געקליבענע סקיצען, געבונדען ............... | .75 |
| מ. באראנאָוו, דער מענש און די נאַטור ............ | .10 |
| לעאָפ. קאמפף, פאַר'ן שטורם, דראמא ............ | .20 |
| הענריק איבסען, די גייסטער " .............. | .20 |
| „קניאז פאטיאמקין" ......................... | .20 |
| דר. ש. פעסקין, סטרייקס ....................... | .5 |

פרייז

דזשאהן סטוארט מילל, פרייהייט, איבערזעצט אויס דעם
ענגלישען אָריגינאַל מיט אַ ביאָגראַפיע פון פערפאַ־
סער, פון דר. י. א. מעריסאָן, מיט אַן הקדמה פון
דר. ח. זשיטלאָווסקי, געבונדען .............. .75

דר. פאול עלטצבאכער, דער אַנאַרכיזם, איבערזעצט פון דר.
י. א. מעריסאָן, געבונדען ................. 1.00

מיכל קאפלאן, גהעטא־קלאַנגען .................... .25

## פאלגענדע ווערק ווערען פערפערטיגט צום דרוק:

אַ פאָלשטענדיגע אויסגאַבע פון י. ל. פרץ'ס שריפטען

דר. ח. זשיטלאָווסקי'ס שריפטען

ליעסינ'ס געזאַמעלטע ליעדער

יודישע פאָלקס־ליעדער געזאַמעלט פון י. ל. כהן

דער מטורף, דראמא אין 4 אַקטען, פון יעקב גאָרדין

ל. טאָלסטאָי'ס די שקלאַפעריי פון אונזער צייט

" " דער סוף פון דער היינטיגער וועלט

" " די אויפשטעלונג פון גיהנם

" " וועגען דער געזעלשאַפטליכער בעוועגונג אין רוסלאַנד

" " תחית המתים

היינעס געדיכטע, איבערזעצט פון ד. פינסקי

געקליעבענע ערצעהלונגען פון גיואי דע מאפאסאן, איבערזעצט פון י. ענטין

אַדרעסירען:

**The International Library Pub. Co.**

102 & 104 W. 38th ST.

NEW YORK.